STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11011

DER YUNGER EPIKOYRES

M. Sheingold

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער יונגער אפיקורעס

אנטירעליגיעזער לייענ־בוך

צונויפגעשטעלט מ. שיינגאָלד

מעלוכע־פארלאג
פאר די נאצמינדערהייטנ פונ או.ס.ר.ר.
כארקאָוו — קיעוו
1932

Бібліографічний опис, цього видання вміщено в „Літопису Українського Друку“, „Картковому Репертуарі“ та інших покажчиках Української Книжкової Палати

Друкарня
„Чорноморська Комуна“
Одеса, Пушкінська, 32

Квітень 1932 р.

Одміськліт № 77-п   Зам. 597   Тираж 3150

Прийнято до друку 20-II   10 арк. (ОСТ 364 Б6)   Здано до друку 31-III

I רעליגיע און קלאסנ־קאמפ

קארל מארקס

פארוואָס האָט זיכ די רעליגיע אופגעהאלטנ ביז היינט

(אויסצוג „פונ קאָמוניסטישנ מאניפעסט”)

...ס'איז דענ שווער צו פארשטיינ, אז צוזאמענ מיטנ ארט לעבנ פונ די מענטשנ, מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע פארהעלטענישנ, מיט זייער געזעלשאפטלעכנ שטייגער־ענדערנ זיכ אויכ זייערע פאָרשטעלונגענ, זייערע אנשויונגענ, באַגריפנ, זייער גאנצער באוווסטזיינ?

וואָס דערווייזט דענ די געשיכטע פונ אידייענ, ווענ ניט דאָס, אז די אינטעלעקטועלע טעטיקייט אנדערשט זיכ איבער צוזאמענ מיט דער מאטעריעלער? די הערשנדיקע אידייענ פונ יעדער געגעבענער צייט זיינענ שטענדיק געווענ בלויז די אידייענ פונעם הערשנדיקנ קלאס.

מע רעדט וועגנ אידייענ, וועלכע רעוואָליוציאָנירנ די גאנצע געזעלשאפט; דערמיט ווערט אָבער אויסגעדריקט בלויז דער פאקט, אז אינ דער אלטער געזעלשאפט האָבנ זיכ אויסגעבילדעט עלעמענטנ פונ דער נייער אָרדענונג, אז צוזאמענ מיט דער צעשטערונג פונ די אלטע לעבנ־טנאָים קומט פאָר אויכ די צעפאלונג פונ די אלטע אידייענ.

ווענ די אלטע וועלט האָט אָנגעהויבנ פאלנ־זיינענ די אלטע רעליגיעס באַזיגט געוואָרנ דורכנ קריסטנטום. ווענ די קריסטלעכע אידייענ האָבנ אָפּגעטראָטנ זייער אָרט פאר די אופקלער־אידייענ פונעם XVIII יאָרהונדערט, האָט די פעאָדאלע געזעלשאפט געפירט א קאַמפ אפ לעבנ אונ אפ טויט מיט דער דעמאָלט רעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע.

די אידייענ פונ געוויסנ און רעליגיע־פרייהייט האָבנ בלויז אויסגעדריקט מיט זיכ די הערשאפט פונ פרייער קאָנקורענצ אפנ געביט פונ וויסנ־שאפט.

„נאָר—וועט מענ אונדז זאָגנ—די רעליגיעזע, מאָראלישע, פילאָזאָ־פישע, פאָליטישע, רעכטלעכע א. א. וו. אידייענ האָבנ זיכ געענדערט, געוויינלעכ, אינעם גאנג פונ דער היסטאָרישער אנטוויקלונג; אָבער די עצעם רעליגיע, מאָראל, פילאָזאָפיע, פאָליטיק, רעכט זיינענ קעסיידער איינגעהיט געוואָרנ בא אלע זייערע אומופהערלעכע ענדערונגענ. ס'עקזיסטירנ נאָכ דערצו אייביקע עמעסנ: פרייהייט, גערעכטיקייט א. א. וו., וועלכע געהערנ אינ א גלייכער מאָס צו אלע פאזיסנ פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג. דער קאָמוניזמ אָבער פארניכטעט די אלגעמיינע עמעסנ. ער פארניכטעט אינגאנצנ רעליגיע און מאָראל, אָנשטאָט זיי איבערצואנדערשנ. מעמיילע הייסט עס, אז דער קאָמוניזמ ווידערשפרעכט דעם גאנצנ גאנג פונ דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג".

פונוואנענ שטאמט דידאָזיקע באשולדיקונג?

די געשיכטע פונ אלע ביז איצט עקזיסטירנדיקע געזעלשאפטנ איז געווענ געבויט אפ דער סטירע צווישנ די קלאסנ. דידאָזיקע קלאסנ־סטירע האָט אָנגענומענ פארשיידענע פאָרמענ אינ פארשיידענע עפאָכעס. נאָר וואָס פאר א פאָרמ זי זאָל ניט אָנעמענ—גייט דורכ אלע פאָריקע יאָרהונדערטנ דער פאקט, אז איינ קלאס עקספלואטירט דעם צווייטנ. איז טאקע דארומ קיינ כידעש ניט, וואָס, ניט געקוקט אפ אלע אונ־טערשיידנ און אפ דער גאנצער פארשיידנארטיקייט פונ אלע טקופעס, האָט דער געזעלשאפטלעכער באוווסטזיינ ביז איצט זיכ געדרייט אינ אלגעמיינע דערקענטניש־פאָרמענ, וועלכע וועלנ אינגאנצנ פארשווינדנ בלויז נאָכ דער פולער פארניכטונג פונ קלאסנ־סטירעס.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע צערייסט ראדיקאל מיט די עקזיסטירנ־דיקע פארמעגנ־פערהעלטענישנ; איז קיינ כידעש ניט, וואָס זי רייסט אפנ ראדיקאלסטנ אויפנ מיט די טראדיציאָנעלע אידייענ.

נ. לענינ

דער קאמפ קעגנ רעליגיע איז א קלאסנ־קאמפ

(פונעמ ארטיקל „וועגנ דער באציונג פונ דער ארבעטער־פארטיי צו רעליגיע”, געדרוקט אינ דער צייטונג „פראלעטארי” דעמ 13־טנ מיי 1909).

מיר דארפנ קעמפנ מיט דער רעליגיע. דאס איז דער אלעפבייז פונעמ *גאנצנ* מאטעריאליזמ אונ, הייסט עס, אויכ פונעמ מארקסיזמ. אבער דער מארקסיזמ איז ניט קיינ מאטעריאליזמ, וואס האט זיכ אפ־געשטעלט באמ אלעפבייז. דער מארקסיזמ גייט ווייטער. ער זאגט: מע דארפ *קענענ* קעמפנ מיט דער רעליגיע, אונ צוליב דעמ דארפ מענ *מאטעריאליסטיש* דערקלערנ דעמ קוואל פונ גלויבנ אונ רעליגיע בא די מאסנ, דעמ קאמפ קעגנ דער רעליגיע טאר מענ ניט באגרענעצנ מיט אבסטראקט־אידעאלאגישע דראשעס, דעמדאזיקנ קאמפ דארפ מענ פאר־בינדנ מיט דער קאנקרעטער פראקטיק פונ דער קלאסנ־באוועגונג, וואס איז געווענדעט אפ אפשאפנ די סאציאלע וואָרצלענ פונ דער רעליגיע. פארוואס האלט זיכ די רעליגיע בא די אפגעשטאנענע שיכטנ פונעמ שטאטישנ פראלעטאריאט, בא די ברייטע שיכטנ האלב־פראלעטאריער, אונ אויכ בא די פויערשע מאסנ? מאכמעט דער אומוויסנהייט פונ פאלק— ענטפערט דער בורזשואזער פראגרעסיסט, דער ראדיקאל אדער בורזשואזער מאטעריאליסט. אלזא, אראפ די רעליגיע, לעבנ זאל דער אטעיזמ; פארשפרייטנ די אטעיסטישע אנשויונג איז אונדזער הויפט־אויפגאבע. דער מארקסיסט זאגט: ניט עמעס: אזא מיינ קוק איז אנ אויבנויפיקע, בורזשואז־באגרענעצטע קולטור־טרעגעריי. אזא קוק דער־קלערט ניט גענוג טיפ, ניט מאטעריאליסטיש, נאר אידעאליסטיש די וואָרצלענ פונ רעליגיע. אינ די מאדערנע קאפיטאליסטישע לענדער זיינענ דידאזיקע וואָרצלענ דעריקער *סאציאלע*. די סאציאלע דער־שלאגנקייט פונ די ארבעטנדיקע מאסנ, זייער זיכ־דוכטנדיקע פולע אומ־באהאלפנקייט קעגנ די בלינדע קויכעס פונ קאפיטאליזמ, וואס פאר־

שטעט די פאָשעטע ארבעטלייט יעדנ טאָג אונ יעדער שאָ טויזנט מאָל מער שרעקלעכסטע ליידנ אונ ווילדסטע יעסורימ, איידער אלערליי אויסערגעוויינלעכע געשעענישנ, ווי מילכאָמעס, ערד־ציטערנישנ א. א. וו., —אָט ווו ס'ליגט דער היינטיקער טיפסטער וואָרצל פונ רעליגיע. „די שרעק האָט באשאפנ געטער". די שרעק פאר דער בלינדער קראפט פונ קאפיטאל, וואָס איז בלינד דערפאר, ווייל די פאָלק־מאסנ קענענ זי ניט פאָרויסזענ, וואָס אפ יעדנ לעבנשריט פונ פראָלעטאריער אונ פונ קליינ־אייגנטימער דראָט זי צו ברענגענ אונ ברענגט אימ א „פלוצ־ צימדיקע", „אומדערווארטע", צופעליקע רויִנירונג, אונטערגאנג, פאר־ וואנדלונג אינ א אָרעמאנ, בעטלער, אינ א פראָסטיטוטקע, ברענגט אימ הונגער־טויט,—אָט דאָס איז דער וואָרצל פונ דער מאָדערנער רעלי־ גיע פונ די מאסנ, אימ דארפ פריער פאר אלצ אונ מער פונ אלצ איינ־ זינענ האָבנ דער מאטעריאליסט, אויב ער וויל ניט בלייבנ קיינ מאטע־ ריאליסט פונ צוגרייטונג־קלאס. קיינ שומ אויפקלער־ביכל וועט ניט אויס־ וואָרצלענ די רעליגיע פונ די מאסנ, וואָס זיינענ דערשלאָגנ פונ דער קאפיטאליסטישער קאטאָרגע אונ וואָס הענגענ אָפ פונ די בלינדע צע־ שטערנדיקע קויכעס פונ קאפיטאליזמ,—ביז וואנענ די דאָזיקע מאסנ וועלנ זיכ אליינ ניט אויסלערנענ פאראייניקט, אָרגאניזירט, פלאנמעסיק, באוווסטזיניק צו קעמפנ קעגנ דעמ דאָזיקנ וואָרצל פונ רעליגיע, קעגנ דער הערשאפט פונ קאפיטאל אינ אלע פאָרמענ.

פ. ענגעלס

די סאָציאלע וואָרצלענ פונ דער רעליגיע

בא היינטיקער צייט איז יעדע רעליגיע ניט מער ווי א פאנטאסטישע אָפשפיגלונג אינעמ מענטשלעכנ מויעכ פונ יענע אויסערלעכע קויכעס, וואָס הערשנ איבער דעמ מענטשנ אינ זיינ טאָגטעגלעכנ לעבנ. אנ אָפשפיגלונג, אינ וועלכער די ערדישע קויכעס נעמענ אָנ די פאָרמ פונ איבערנאטירלעכע קויכעס. אינ סאמע אָנהייב פונ דער געשיכטע ווערנ

אָפגעשפיגלט קוידעמקאָל די נאטור־קויכעס; בא דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג קומענ אופ בא פארשיידענע פעלקער אנדערע פארשיידנ־ ארטיקע פארקערפערונגענ זייערע. אינגיכנ אָבער טרעטנ ארויס פארא־ לעל מיט די נאטור־קויכעס אויכ געזעלשאפטלעכע קויכעס, דאָס הייסט, אזעלכע קויכעס, וועלכע שטעלנ זיכ אנטקעגנ דעמ מענטשנ אונ הערשנ איבער אימ, בלייבנדיק פאר אימ פונקט אזוי פרעמד אונ באזיצנדיק אזא באשיימפערלעכע נאטירלעכע נויטווענדיקייט, ווי די קויכעס פונ דער נאטור. אינ דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג־שטופע ווערט דער גאנצער קאָמפלעקס נאטירלעכע אונ געזעלשאפטלעכע געהיימניספולע קרעפטנ אריבערגעטראָגנ אפ איינ אלמעכטיקנ גאָט, וועלכער איז ווידער טאקע נאָר די אָפשפיגלונג פונעמ אבסטראקטנ מענטשנ. אזוי איז אנטשטאנענ דער מאָנאָטעיזמ*), וועלכער איז היסטאָריש געווענ דער לעצטער פראָ־ דוקט פונ דער שפעטערדיקער גריכישער וווּלגארער פילאָזאָפיע, אונ האָט זיכ פארקערפערט אינעמ יידישנ, אויסשליסלעכ נאציאָנאלנ יאהוו אינ דער היינטיקער בורזשואזער געזעלשאפט זיינענ די מענטשנ אונ־ טערגעוואָרפנ אונטער די עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ, וואָס זיי אליינ האָבנ געשאפנ, אונטער די פראָדוציר־מיטלענ, וואָס זיי אליינ האָבנ גע־ מאכט, ווי אונטער עפעס א געהיימניספולער קראפט. די בורזשואזע עקאָנאָ־ מיק איז ניט בעקויעכ ניט אנטקעגנצושטעלנ זיכ קעגנ די קריזיסנ ביכלאל, ניט צו ראטעווענ א באזונדערנ קאפיטאליסט פונ אָנווער, פונ פארפא־ לענע כויוועס אונ באנקראָט, ניט צו מאכל זיינ א באזונדערנ ארבעטער פונ ארבעטלאָזיקייט אונ דאלעס: א מענטש טראכט אונ גאָט (ד. ה. די אויסערלעכע הערשאפט פונ דער קאפיטאליסטישער פראָדוקציע) לאכט. די איינפאכע דערקענטעניש, מעג זי אפילע זיינ ווייטער אונ טיפער פונ דער בורזשואזער עקאָנאָמיע, איז קנאפ אפ אונטערצוווארפנ די געזעל־ שאפטלעכע קויכעס אונטער דער הערשאפט פונ דער געזעלשאפט. צוליב דעמ איז קוידעמקאָל נייטיק א געזעלשאפטלעכע אקציע. נאָר אויב מע זאָל זיכ פאָרשטעלנ, אז די דאָזיקע אקציע איז געקומענ, אונ אז די געזעלשאפט, וואָס האָט גענומענ הערשנ איבער גאנצנ קאָמפלעקס

*) דער גלויבנ אינ איינ גאָט.

פראָדוציר־מיטלענ אונ דורכנ פלאַנמעסיקנ געברויכ זייערנ, האָט באַ־
פרייט זיכ אַלײנ אונ אַלע אירע מיטגלידער פונ יענער קנעכטשאַפט,
אינ װעלכער זי געפינט זיכ אַדאַנק די פראָדוציר־מיטלענ, װאָס זי האָט
אַלײנ געשאַפנ, אונ װאָס שטייענ קעגנ איר אַלס אומבאַזיגלעכע אױסער־
לעכע קױכעס, ד. ה. אױב מע זאָל זיכ פאָרשטעלנ, אַז דער מענטש
האָט ניט בלויז פאָרטראַכט צו באַהערשנ די געזעלשאַפטלעכע קויכעס,
נאָר ער באַהערשט זיי שוינ, איז נאָר אינ אַזאַ מאָל װעט פאַרשװינדנ
די לעצטע אױסערלעכע קראַפט, װעלכע שפיגלט זיכ אָפּ נאָכ אַדייעט
אינ דער רעליגיע, אונ צוזאַמענ דערמיט אויכ די רעליגיעזע אָפּשפּיג־
לונג גופא, פאַשעט מאַכמעס דעמ, װאָס ס׳װעט ניט זײנ, װאָס אָפּצו־
שפיגלענ.

סאָציאַליזמ איז דער נאַטירלעכער פײנט פונ דער רעליגיע.
דאָס אָנקומענ פונעמ סאָציאַליזמ באַטייט דאָס אונטערגײנ פונ דער
רעליגיע (מאַרקס).

נ. לענינ

סאָציאַליזמ אונ רעליגיע

(דער אַרטיקל איז געװענ געדרוקט אינ דער צייטונג „נאָװאַיאַ זשיזנ"
דעמ 3־טנ דעקאַבער 1905).

די הײנטיקע געזעלשאַפט איז אינגאַנצנ געבויט אַפ עקספּלואַטאַציע
פונ קאָלאָסאַלע מאַסנ פונעמ אַרבעטער־קלאַס דורכ א נישטיקער מינדער־
הײט פונ דער באַפעלקערונג, װאָס געהער צו די קלאַסנ פריצימ אונ
קאַפּיטאַליסטנ. די דאָזיקע געזעלשאַפט איז א קנעכט־אײגנטימערישע, װײל
די „פרײע" אַרבעטער, װאָס אַרבעטנ זייער גאַנצ לעבנ אַפנ קאַפּיטאַל
„האָבנ רעכט" נאָר אַפ אַזוינע עקזיסטענצ־מיטלענ, װאָס זײנענ נײטיק
אַפ אױסצוהאַלטנ קנעכט, װאָס פּראָדוצירנ רעװעכ, קעדײ צו באַװאָרענענ
אונ פאַראײביקנ די קאַפּיטאַליסטישע קנעכטשאַפט.

דאָס עקאָנאָמישע אונטערדריקנ די אַרבעטער רופט אומפאַרמײדלעכ
אַרױס אונ ברענגט צו פאַרשײדענע מינימ פּאָליטישע אונטערדריקונג.

צו סאָציאַלער דערנידערונג, צום פאַרגרעבן און פאַרפינצטערן דאָס גייסטיקע און מאָראַלישע לעבן פון די מאַסן. די אַרבעטער קענען זיך דערשלאָגן אַ גרעסערע אָדער קלענערע פּאָליטישע פרייהייט פאַר זייער עקאָנאָמישער באַפרייונג, אָבער קיינשום פרייהייט וועט זיי ניט אויסלייזן פון דאַלעס, אַרבעטלאָזיקייט און יאָך, קאָלזמאַן ס'איז ניט אַראָפּגעוואָרפן די מאַכט פון קאַפּיטאַל. רעליגיע איז איינער פון די מינים גייסטיקער יאָך, וואָס ליגט אומעטום און איבעראַל אויף די פאָלק־מאַסן, וואָס זיינען דערשלאָגן פון אייביקן אַרבעטן אויף יענעם, פון עלנט און נויט. די אָנמעכטיקייט פון די עקספּלואַטירטע קלאַסן אין קאַמף קעגן די עקספּלואַטאַטאָרס רופט אַזוי אומפאַרמיידלעך אַרויס דאָס גלויבן אין אַ בעסער לעבן אויף יענער וועלט, פּונקט ווי די אָנמעכטיקייט פון ווילדן מענטשן אין קאַמף קעגן דער נאַטור רופט אַרויס דאָס גלויבן אין געטער, רוחות, ניסים א. ד. גל. דעם, וואָס אַרבעט זיין גאַנץ לעבן און ליידט נויט, לערנט די רעליגיע צו זיין הכנעהדיק אינעם ערדישן לעבן, זי טרייסט אים מיט דער האָפענונג צו באַקומען אַ באַלוינונג אויפן הימל. יענע אָבער, וואָס לעבן פון פרעמדער פּראַצע, לערנט די רעליגיע צו געבן צדקה אויף דער וועלט: זי לייגט זיי פאָר זייער אַ ווּאָלוועלע באַרעכטיקונג פאַר זייער עקספּלואַטאַטאָרישער עקזיסטענץ און פאַרקויפט זיי „אין גלייכן געלט" בילעטן אין גאַניידן אַריין. רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק.

רעליגיע איז אַ מין גייסטיקער בראָנפן, אין וועלכן די קנעכט פון קאַפּיטאַל דערטרינקען זייער מענטשלעך געשטאַלט, זייערע פאָדערונגען פון אַן עטוואָס אָנשטענדיק מענטשלעך לעבן.

אָבער אַ קנעכט, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ קנעכט און איז אויפגעשטאַנען צום קאַמף פאַר זיין באַפרייונג,—הערט שוין אויף אויף האַלב צו זיין אַ קנעכט; דער היינטיקער באַוווּסטזיניקער אַרבעטער, וואָס איז דערצויגן דורך דער גרויסער פאַבריק־אינדוסטריע, וואָס איז אויפגעקלערט דורכן שטאָטישן לעבן,—וואַרפט אָפּ פון זיך מיט פאַראַכטונג די רעליגיעזע פאָרורטיילן; ער לאָזט איבער דעם הימל אין רשות פון די גלחים און בורזשואַזע צוואַקעס און קעמפט אויס פאַר זיך אַ בעסער לעבן דאָ אויף דער ערד. דער היינטיקער פּראָלעטאַריאַט שטעלט

זיכ אָפּ דער זײַט פֿונ סאָציאַליזמ, וואָס נוצט אויס די וויסנשאַפֿט צו־ליבנ קאַמפּ קעגנ רעליגיעזנ נעפּל, באַפֿרײַט דעמ אַרבעטער פֿונעמ גלויבנ אינ אױלעמאַבע, אונ פֿאַרײניקט אימ צו ווירקלעכנ קאַמפּ פֿאַר א בעסער לעבנ אָפּ דער ערד.

מ. שײנגאָלד

די רעליגיע נוצנ אויס די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסנ

אינ די סאַמע אוראַלטע צײַטנ האָבנ שוינ מענטשנ געלעבט גרופּעסווײַז, מישפּאָכעסווײַז. זײ האָבנ זיכ פֿאַרײניקט, קעדײ צו באַקעמפֿנ די נאַטור, וועלכע האָט אַזוי קאַרג אָפּגעלאָזט מיטלענ צומ לעבנ, צו פֿאַרטײדיקנ זיכ פֿונ אַנדערע מענטשנ, וואָס קאָנענ אָפּ זײ אָנפֿאַלנ.

די צעטײלונג פֿונ דער אַרבעט איז דאַנ געווענ נאָכ זײער פּרימיטיוו, די דערוואַקסענע מענער פֿאַרנעמענ זיכ מיט געיעג, די פֿרויענ אונ די קינדער פֿאַרנעמענ זיכ מיט פּרימיטיווער ערד־אַרבעט, ריכטיקער געזאָגט, מיט קלײַבנ פֿרוכטנ, געוויקסנ, וואָרצלענ אונ ד. גל.

די גרופּע לעבט אָפּ קאָמוניסטישע יעסוידעס. קײנעמ קומט דאַנ ניט אַרופֿ אָפֿנ זינענ אָפּצוטײלנ זיכ פֿונ דער גרופּע, צו אָנערקענענ דעמ שטעקנ, אָדער דעמ שטײנ, וועלכנ ער האָט צופֿעליק געפֿונענ, פֿאַר זײַנ אײגנטומ, ווײַל יעדער אײנציקער מענטש אַלײנ, אָנ דער גרופּע איז אינגאַנצנ אומבאַהאָלפֿנ. עס זײַנענ נאָכ ניט פֿאַראַנ קײנ איבעריקע פּראָדוקטנ. די שווערע געיעג־אַרבעט גיט קוימ די מעגלעכקײט ניט צו שטאַרבנ פֿונ הונגער. די גרופּע אָדער די מישפּאָכע איז שטענדיק פֿאַרנומענ מיט אויסזוכנ פֿאַר זיכ א וואָסער ס׳ניט איז שפּײַז, מיט באַשיצנ זיכ קעגנ אַנ אָנפֿאַל פֿונ די אַרומיקע חײעס. די גרופּע איז אײנהײטלעכ, עס איז נאָכ ניטאָ קײנ שומ אַנטאַגאָניזמ. אַלע צוזאַמענ קעמפֿנ פֿאַר זײער עקזיסטענצ קעגנ דער אַרומיקער נאַטור. די רעליגיע איז דאַנ

נאָכ אויכ זייער פרימיטיוו. זי האָט נאָכ ניט קיינ דינימ אונ קיינ מיצוועס. דער מענטש זעט אינ דער סטיכיע גוטע אָדער בייזע גייסטער. ער סטארעט זיכ איבערצובעטנ די בייזע גייסטער. די רעליגיע, אפ אזא אויפנ, שפילט דאנ אינעם באוווסטזיינ פונעם מענטשנ די ראָלע פונ א געווער אינ קאמפ קעגנ דער נאטור. די גרופע דינט צו גאָט, בעט אימ ראכמימ, אז ער זאָל איר געבנ גליק אינ איר געיעג. אונ דאנ, ווענ עס גיט זיכ איינ א גוטער געיעג, ברענגט מענ, פארשטייט זיכ, דעמ גוטנ גאָט א קאָרבנ. אינ די באציונגענ צווישנ די איינצלנע פערזאָנענ אינ דער גרופע גופע מישט זיכ די רעליגיע אבסאָליוט ניט. עס איז ניטאָ דערצו קיינ שומ גרונט.

עמעס, דער עלטערער פונ דער גרופע ווערט געאכטעט פונ אלעמענ, אָבער דאָס נעמט זיכ דערפונ, וואָס ער איז אָדער פיזיש שטארקער, אָדער ער איז מער דערפארנ פונ אנדערע אונ איז דעריבער דער אָרגאניזאטער פונ דער גרופע. אלנפאלס, האָט דאָס ניט צו טאָנ מיט דער רעליגיע.

אסאכ שפעטער ווערט אָט דער נאטירלעכער דערעכערעצ פארנ עלטערנ, פארנ מער דערפארענעמ פארוואנדלט אינ אנ „אָוועס־קולט". „גיב אָפ קאָווער דעמ פאָטער אונ דער מוטער, קעדיי דו זאָלסט לאנג לעבנ" (שמאָס כ'). די פארשטאָרבענע עלטערנ ווערנ באזונדער געשעצט. אָפטמאָל ווערנ זייערע נעשאָמעס די באשיצערס פונ דער גאנצער מישפאָכע.

מיט דער צייט לערנט זיכ דער מענטש אויס צו באהערשנ די כייעס, צו בארבעטנ די ערד. עס אנטוויקלט זיכ צומ ערשטנ פיצוכט, דערנאָכ ערד־ארבעט. עס ווייזנ זיכ שוינ איבעריקע פראָדוקטנ, עס פעלנ שוינ ארבעט־הענט. די געפאנגענע אינ די מילכאָמעס צווישנ די פארשיידענע גרופעס, וואָס פלעגנ פריער געטויט ווערנ, ווייל זיי זיינענ געווענ אנ איבעריק מויל, ווערנ שוינ איצט גערנ אויסגענוצט אלס ארבעט־קראפט. די גרופע איז שוינ איינגעטיילט אינ קלאסנ: אייגענע—די הערשערס, געפאנגענע—די קנעכט.

עס ווערט, אפ אזא אויפנ, באשאפנ אנ אנטאגאָניזמ אינ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. מע דארפ שוינ רעגולירנ די אינערלעכע

באציונגענ. ס'פארשטייט זיכ, אז די באציונגענ באווירנ זיכ דערהויפט אפנ קויעכנ איבער דאס איד ניט גענוג. עס איז בעצעמעס קיינ געשעפט ניט צו האבנ בא זיכ א שטענדיקנ בונטארישנ עלעמענט. עס איז דער ריבער נייטיק צו שאפנ אזא שטימונג בא די קנעכט, אז זיי דארפנ זיכ אונטערווארפנ אונטער זייערע הערשערס, א שטימונג פונ פריוויליקער האכנאע, פונ אונטערטעניקייט.

די רעליגיע קומט דא צוהילפ די עקספלואטאטערס.

דער מענטש איז שוינ געווינט צו בויגנ זיינ רוקנ פאר דער העכערער קראפט—פאר גאט, ריכטיקער פאר די געטער. דער מענטש, ווי געזאגט, פארגעטערט די קויכעס, וואס ער קאנ ניט באקעמפנ. די קנעכט, אלס באזיגטע, הויבנ אנ גלויבנ, אז זייער מאפאלע איז א רעזולטאט פונ א געטלעכער קראפט, מיסטאמע איז דער גאט פונ יענעמ שייוועט שטארקער פונ זייער גאט. זיי באקימענ אפשיי, מוירע פאר זייערע הערשערס. זיי פארווארפנ דעמ געדאנק פונ באפרייענ זיכ, פארקערט, זיי סטארענ זיכ געפעלנ צו ווערנ די באלעבאטימ. זיי כאנפענענ זיי, ווייזנ זיי ארויס זייערע האכנאע־געפילנ פונקט, ווי זיי טוענ עס מענעגייע די געטער.

די הערשערס נוצנ אויס דאסדאזיקע געפיל, זיי באמיענ זיכ איינצופלאנצנ בא די קנעכט דעמ געדאנק, אז די איינטיילונג פונ דער געזעלשאפט אינ הארנ אונ קנעכט איז א גאט־זאכ. אזוי האט גאט די וועלט באשאפנ. וואס ווייטער, ווערט דער אינסטיטוט פונ קנעכטשאפט אלצ מער אנטוויקלט. קנעכט ווערנ אנ אייגנטומ פונ זייערע הערשערס, זיי הערנ אופ באטראכט צו ווערנ אלס מענטשנ, זיי ווערנ פארוואנדלט אינ א לעבעדיקנ כיימעצ פונ זייערע הארנ, פונקט ווי די בעהיימעס אונ כייעס.

די רעליגיע שטעלט איר שטעמפל אפנ אינסטיטוט פונ קנעכטשאפט. זי הויבט שוינ אנ זיכ אריינצומישנ אינ די סאציאלע פארהעלטענישנ פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. די רעליגיע ווערט א געווער אינ די הענט פונ די הערשערס, קעדיי צו עקספלואטירנ די אונטערדריקטע. זי הויבט אנ רעגלאמענטירנ די באציונגענ צווישנ די הערשערס מיט זייערע אונטערטעניקע, זי גיט ארויס פיל געזעצנ לעטויוועט די

הערשערס. „אויב איינער שלאָגט זיינ קנעכט מיטנ שטעקנ, אז ער שטארבט בא אימ אונטער דער האַנט, דארפ מענ נעמענ פונ אימ נעקאָמע; אויב אָבער דער קנעכט האלט זיכ אופ א טאָג אָדער צוויי (דאָס הייסט, ער שטארבט פונ שלאָגנ אינ א טאָג אָדער צוויי ארומ), קומט דעמ באלעבאָס קיינ שומ פסאק ניט. ווייל ער, דער קנעכט, איז זיינ געלט" (שמאָס, כא).

אָט אזעלכע אונ ענלעכע געזעצנ גיט ארויס די רעליגיע, קעדיי איינצוהאלטנ די אָרדענונג, וואָס איז געבויט אפ דער עקספלואטאציע פונ די קנעכט.

מיט דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פונ דער טעכניק, וואָס האָט געגעבנ דעמ מענטשנ די מעגלעכקייט אלצ מער צו באהערשנ די נאטור, פארייניקנ זיכ די מישפאָכעס אינ שוואָטימ, די שוואָטימ — אינ פעלקער. אלס אָרגאניזאטערס ווערט ארויסגערוקט צומ אָנפאנג א נאָסי באמ שייוועס, דערנאָכ א קייסער באמ פאָלק.

די רעליגיע מאכט אויכ דורכ דיזעלביקע עוואָליוציע. די געטער פונ די מישפאָכעס ווארפנ זיכ אונטער אונזער שייוועס־גאָט, די שוואָטימ־געטער ווארפנ זיכ אונטער דעמ נאציאָנאלנ הויפט־גאָט.

דער נאציאָנאלער גאָט שאפט אָבער לעכאטכילע ניט אָפ די שוואָטימ־געטער, ער באהערשט זיי נאָר אונ ווארפט זיי אונטער זיינ דינסט, פונקט ווי דער קייסער שאפט ניט אָפ די פירשטנ, נאָר ער צווינגט זיי אימ צו דינענ אונ געהאָרכזאמ זיינ. די רעליגיע, עוואָליוציאָנירנדיק לויט די סאָציאלע פארהעלטענישנ פונ דער געזעלשאפט, ווירקט פונ איר זייט אפ די דאָזיקע פארהעלטענישנ פונ דער געזעלשאפט. די רעליגיע פארהייליקט דעמ נאָסי, דעמ קייסער. „נעמ זיכ א קייסער, וועלכנ גאָט וועט פאר דיר אויסקלייבנ" (דוואָרימ, ז). דער קייסער ווערט אָנערקענט פאר א געזאלבטנ פונ גאָט, פאר גאָטס באפולמעכטיקטנ אפ דער וועלט, „מאלכוסע דעארע קעמאלכוסע דעראָקיע" — די מעלוכע אפ דער ערד איז אלצייינס, ווי די מעלוכע אפנ הימל.

די מעלוכע אנטשטייט בא שוינ א גענוג דיפערענצירטער געזעל־

שאפט. דער מיילעכ, זיינ מישפּאָכע, זיינע באאמטע, די אלע, וואָס זיינען בארופנ אָפּצוהיטנ די אָרדענונג, לעבנ ווי פּאראזיטנ אפנ כעשבנ פונ די ארבעטנדיקע. דאָס פאָלק גופע איז איינגעטיילט אינ פּעאָדאלנ, גוטבאזיצערס, קנעכט, פויערימ, באלמעלאָכעס א. ד. גל.

די באציונגענ צווישנ די פארשיידענע שיכטנ פונ דער געזעלשאפט ווערנ שטארק פארוויקלט, שטארק קאָמפּליצירט. עס וואקסט אויס די פּראָבלעמ פונ אָרעמ אונ רייכ. שטייענ די ברייטע אָרעמע מאסנ אומ־באהאָלפנ פאר די סאָציאלע אומשטאנדנ, וואָס באשטימענ זייער גוירל אונ מיט וועלכע זיי קאָנענ גאָרניט מאכנ.

אָט די אומבאהאָלפנקייט שאפט בא דעמ אָרעמענ טייל פונ דער געזעלשאפט א גלויבנ אינ מאזל אונ באשערטקייט, זיי פארשטייענ ניט די סאָציאלע סיבעס, וואָס רופנ ארויס אָרעמקייט אונ רייכקייט, אונ דעריבער זעענ זיי אינ דעמ א „פינגער פונ גאָט", פונקט ווי דער נאטור־מענטש, ניט פארשטייענדיק די קויכעס פונ דער נאטור, שאפט זיכ געטער, רוכעס א. ד. גל. מאזל דינט פאר א טערעצ אפ אלע קאשעס.

די רייכע קלאסנ זיינענ פארינטערעסירט איינצוהאלטנ אונ צו פארפעסטיקנ דיזאָזיקע שטימונגענ אונ גלויבנ בא די אָרעמע מאסנ. די רעליגיע קומט דאָ אמבעסטנ צו הילפ. „אָרעמקייט אונ רייכקייט זיינענ פונ גאָט, א באשערטע זאכ" — לערנט די רעליגיע. „אָרעמקייט וועט זיכ קיינמאָל ניט אויסנעמענ פונ דער וועלט" (דוואָרימ, טו) לערנט די יידישע טוירע. דעריבער פארהיילিקט די רעליגיע דאָס פּריוואט־אייגנטומ, פונ איינ זייט, — „טאָרסט ניט פארלאנגענ דיינ כאווערס הויז, זיינ פרוי, זיינ קנעכט, זיינ דינסט, זיינ אָקס, זיינ אייזל אונ אלצ וואָס ער פארמאָגט" (שמאָס, יט), אונ, פונ דער אנדערער זייט באפעלט זי די רייכע, אז זיי זאָלנ געבנ צדאָקע די אָרעמע לייט, קעדיי ניט צערייצנ זיי. די, וואָס לעבנ אפ פרעמדער פּראצע, לערנט די רעליגיע צו באשעפטיקנ זיכ מיט צדאָקע אינ זייער ערדיש לעבנ.

„די רעליגיע לייגט זיי פאָר זייער א ביליקע בארעכטיקונג פאר זייער עקספּלואטאטערישער עקזיסטענצ. זי פארקויפט זיי וואָלוועלע בילעטנ אפנ הימלשנ וווילגליק". (לענינ).

די רעליגיע העלפט די רייכע קלאסנ פארטונקלענ דעמ באוווסטזיינ פונ די אָרעמע האָרעפּאשנע מאסנ, זיי זאָלנ ניט פארשטיינ, פונוואַנענ זייער ביטערער לעבנ שטאמט. די רעליגיע לערנט די אָרעמע מאסנ דערעכערעצ צו האָבנ פארנ רייכנ, ווייל מיסטאָמע האָט ער פארדינט בא גאָט. רעבע פלעגט אָפּגעבנ קאָוועד די רייכע לייט — דערציילט דער טאלמור. „אויב ער איז רייכער פונ דיר, ביסטו מעכויעוו אימ אָפּגעבנ קאָוועד" (קיצער שולכנ־אָרעכ, כט), די רעליגיע איז, אַפ אזא אויפנ, דער בעסטער שוימער פאר די הערשנדיקע קלאסנ. זי היט איינפערזיכטיק אָפּ די פּריווילעגיעס פונ די רייכע קלאסנ, זי פלאנצט איינ בא זיי אינ די מויכעס די איבערצייגונג, אז זיי האָבנ רעכט צו עקספּלואטירנ די אונטערגעדריקטע קלאסנ. די ברייטע האָרעפּאשנע מאסנ לערנט די רעליגיע געדולדיק צו ליידנ אונ גאָט צו בעטנ, אז ער זאָל אויספּעסערנ זייער גוירל, ווייל איינמאָל א יאָר ווערט אינ הימל באשטימט דער גוירל פונ מענטשנ. „דעמ מענטשנס שפּייז ווערט באשטימט פונ ראָשעשאָנע ביז ראָשעשאָנע" (באָווע־באסרע, יב). זיינ דער באוווסטער טפילע „אונסאנע טויקעפ" ווערט געזאָגט פאָלגנדיקט: „אומ ראָשעשאָנע ווערט אָנגעשריבנ, אומ יאָמקיפּער ווערט אָנגעכאס־מעט, וויפל זאָלנ אומקומענ, וויפל זאָלנ געבאָרנ ווערנ, ווער עס זאָל לעבנ, ווער עס זאָל שטארבנ... ווער עס זאָל רייכ ווערנ אונ ווער עס זאָל פאראָרעמט ווערנ".

אָט אזוי האָט זיכ די רעליגיע געפלייסט צו באוואָרענענ די רייכע קלאסנ, צו איינהיטנ די הערשנדיקע אָרדענונג. די רעליגיע איז זיכ צונויפגעוואקסנ מיט דער פעאָדאלער אָרדענונג אונ איז געוואָרנ איר שטארקסטע פעסטונג.

עס אנטוויקלט זיכ די טעכניק, אונ אַפ דער ארענע טרעט ארויס א נייער קלאס — די בורזשואזיע. וועלכע מוז קעמפנ קעגנ דעמ פע־אָדאליזמ. דער קאמפ מוז לעכאטכילע אויכ אריבערגעטראָגנ ווערנ אַפ דער רעליגיע, אָבער דאָס נאָר אַפ א ווײַלע. די בורזשואזיע, פארשטייט זייער גוט, אז די רעליגיע איז דאָס בעסטע מיטל האַלטנ די ארבע־טער אונ די האָרעפּאשניקעס אינ געהאָרכזאמקייט. „דער בורזשוי דארפ אויסקוועטשנ פונ זיינע ארבעטער, אַפ וויפל מעגלעכ, וואָס מער

אַרבעט פונ מעגלעכ בעסטער קוואַליטעט. צוליב דעמ איז אימ נייטיק צו דערציענ זיי אינ דער געהעריקער געהאָרכזאַמקייט... זייער גיכ האָט ער אַנטדעקט אינ דער רעליגיע א מיטל צו באַארבעטנ די געשאָמעס פונ זיינע אונטערטעניקע" (ענגעלס).

די בורזשואַזיע, אָנשטאָט צו קעמפּנ קעגנ דער רעליגיע, שטרעבט זי צו באַהערשנ צוליב אירע קלאסנ־אינטערעסנ, צו פאַרוואַנדלענ זי אַלס א געווער אינ אירע הענט קעגנ די אונטערגעדריקטע מאַסנ.

אינ איינקלאַנג מיט די נייע עקאָנאָמישע אונ געזעלשאַפטלעכע צווישנבאַציונגענ עוואָליוציאָנירט די רעליגיע אונ זי ווערט דער טרייער דינער פונעמ נייעמ „באַלעבאָס", פונ דער בורזשואַזיע.

די שפּיל פונ די סאָציאַלע קויכעס, וואָס קומט פאָר אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וועלכע איז ניט פאַרשטענדלעכ פארנ מענטשנ, ברענגט צומ גלויבנ אינ איבערנאַטירלעכע קויכעס, וואָס ווירקנ, קלוימערשט, אַפ דער רייכקייט אונ אָרעמקייט, אַפנ גליק אונ אומגליק, מיט איינ וואָרט, אַפנ גורל פונעמ מענטשנ.

די קלאסנ־צעטיילטע געזעלשאַפט רוקט אַרויס פארנ מענטשנ מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די אייביק פאַרשאָלטענע פּראָבלעמ: „פאַרוואָס לעבט זיכ דעמ צאַדעק שלעכט אונ דעמ ראָשע גוט".

דידאָזיקע פראַגע באַאומרויִקט דעמ מענטשנס סייכל, ער קאָנ ניט פאַרשטיינ, ווי אַזוי קומט עס, אַז דער ראָשע, וואָס טוט אַלע אומרעכט, לעבט גליקלעכ, אונ דער צאַדעק, וואָס איז שטענדיק ערלעכ, טוט קיינ שומ אַוולעס ניט, זאָל ליידנ. פאַרוואָס?

שטייט דער מענטש אָנמעכטיק, אומבאַהאָלפנ פאַר די גרויזאַמע אונ אומפאַרשטענדלעכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קויכעס, וואָס שפּילנ מיט אימ, ווי זיי גלוסט זיכ. די אונטערגעדריקטע, וואָס לעבנ א לעבנ פול מיט פּיינ אונ יעסורימ, וואָס זעענ פאַר זיכ ווי די רעשאָימ לעבנ א גוטנ טאָג, אינ דער צייט, ווענ זיי, די ערלעכע, שטאַרבנ פאַר הונגער, זוכנ אונ געפינענ זיכ א טרייסט אינ „יענער וועלט". עס שאַפנ זיכ נייע טעאָריעס פונ „געצאָלט אונ שטראָף"; מע הייבט אָנ גלויבנ אינ דער אייביקייט פונ דער נעשאָמע. די נעשאָמע נאָכנ טויט גייט אַוועק אָדער

אינ „געהענעמ“, אָדער אינ „גאַנײדענ“. אלזאָ, נאָכנ טויט קומט דאָס „געצאָלט אונ שטראָפ“. דער ראָשע, וואָס לעבט א גוטנ טאָג, וועט אפ יענער וועלט באקומענ זײַנ עמעסע שטראָפ, זײַנ נעשאָמע וועט פארפאלנ ווערנ אינ געהענעמ, ווו מע וועט זי פּײַניקנ אָנ א שיר. פאר־קערט, דער צאַדעק, וואָס לײַדט אפ דער וועלט, וועט דערפאר באקומענ זײַנ געצאָלט אפ „יענער וועלט“ (אוילאָמ האבע). „די אָנמעכטיקײט פונ די עקספּלואטירטע קלאסנ אינ קאמפ מיט די עקספּלואטאטערס רופט ארויס אומפארמײַדלעכ דעמ גלויבנ אינ א בעסער יענ־וועלטיק לעבנ“ (לענינ).

די רײַכע קלאסנ זײַנענ זײער פאַרינטערעסירט אינ דער אנטוויק־לונג פונ דערדאָזיקער „טעאָריע“. די רעליגיע, ווי איר שטײַגער, שטעלט זיכ צומ דינסט פונ די הערשנדיקע קלאסנ, זי אנטוויקלט דידאָזיקע טעאָריעס, זי פארשפּרײט זײ צווישנ די ברײטע מאסנ. זי זאָגט צו אוילאָמהאַבע די אלע, וואָס גײענ אינ גאָטס וועגנ, וואָס היטנ אָפּ זײַנע מיצוועס, דערהויפּט די „צענ געבאָטנ“, וואָס זײַנענ געגעבנ גע־וואָרנ אפנ בארג סינײ, דעריקער דארפ מענ אָפּהיטנ דעמ אינסטיטוט פונעמ פּריוואט־אײגנטומ, דעמ „לוי סאַכמויד“.

קעדײ צו זיכערנ די אָרדענונג אונ די רויִקײט פונ די הערשנדיקע קלאסנ, פארברײטערט די רעליגיע די אויבנדערמאָנטע „טעאָריעס“, זי שאפט די טעאָריע, אז גאָט גיט אכטונג אפ יעדנ מענטשנ באזונדער, אפנ יעדנ קער אונ ריר זײַנעמ. „א מענטש קלאפּט ניט אָפּ א פינגער דאָ אפ דער ערד, סײַדנ עס איז באשטימט געוואָרנ פונויבנ, אפנ הימל“ (כולינ, צז). אלצ, וואָס עס טרעפט מיטנ מענטשנ, איז עס פונ גאָט, דעריבער „דארפ א מענטש לויבנ גאָט פארנ שלעכטס, פונקט ווי פארנ גוטס“ (בראָכעס, ס).

קײנ בעסערע שמירע פאר די הערשנדיקע קלאסנ דארפ מענ ניט. דער גוויר, דער פאבריקאנט מעג זיכ איזדיעקעווענ איבערנ ארבעטער, עקספּלואטירנ אימ, וויפל דאָס הארצ געלוסט, קײנ סינע קעגנ אימ קאָנ דער ארבעטער ניט טראָגנ, ווײַל אלצ איז דאָכ פונ גאָט אָנגע־באשטעט געוואָרנ.

די רעליגיע איז שעדלעכ דערפאר, וואָס זי איז לויט איר טאָכ

רעאקציאָנער, זי פעסלט דעמ ווילנ פונעמ מענטשנ, זי טויט אָפּ זיינ שטרעבנ צומ קאמפ פאר א בעסער לעבנ. זי לערנט אימ, אז ער, דער מענטש, איז ניט בעקויעכ אויסצובעסערנ זיינ לאגע, אז אלצ ווענדעט זיכ אָנ גאָטס ווילנ. דעריבער האָט די רעליגיע שטענדיק געדינט אלס א געווער אינ די הענט פונ די הערשנדיקע קלאסנ אינ משעכ פונ דער גאנצער געשיכטע פונ קלאסנ-קאמפ.

מ. אלטשולער

די עקספלואטאטאָרישע קלאָסנ נוצנ אויס די רעליגיע צוליב זייערע קלאָסנ-צילנ

אינ פראנקרייכ האָט אַמאָל געלעבט א באַרימטער פריידענקער וואָלטער. אַמאָל האָבנ זיינע געסט אָנגעהויבנ ריידנ אינ דער אָנוועזנ-קייט פונ זיינע דינער קעגנ גאָט. האָט וואָלטער טייקעפ ארויסגעשיקט זיינע דינער, זיי זאָלנ ניט הערנ די רייד פונ זיינע פריינט. אז די דינ-נער זיינענ אַוועק, האָט וואָלטער געזאָגט צו זיינע געסט: „איצט קאָנט איר, מיינע הערנ, פאָרזעצנ אייערע רייד קעגנ גאָט; איכ וויל ניט, אז מיינע דינער זאָלנ מיכ קוילענ אָדער באגאנווענענ טאקע היינט ביינאַכט דעריבער וויל איכ ניט, אז זיי זאָלנ הערנ אייערע רייד". דערזעלביקער וואָלטער האָט אַמאָל געזאָגט וועגנ דעמ באַרימטנ אטעיסט בעיל „ווענ ער וואָלט נאָר באַדאַרפט פאַרוואַלטנ מיט פינפ אָדער זעקס הונ-דערט פויערימ, וואָלט ער זיי שוינ דערקלערט, אז עס איז דאָ א גאָט אמ דער וועלט, וואָס באַלוינט אונ באַשטראָפט". אָט די ווערטער וואָל-טערס באַווייזנ אונדז, פאַרוואָס די הערשנדיקע עקספלואטאטאָרישע קלאָסנ האַלטנ פונ רעליגיע, פאַרוואָס זיי איז נוצלעכ, אז דער האַמוינ, דער פּראָסטער אוילעמ זאָל גלויבנ אינ גאָט, ער זאָל גלויבנ, אז גאָט קאָנ אימ שטראָפנ אונ באַלוינענ. וואָלטער האָט טאַקע דעריבער גע-זאָגט: „ווענ קיינ גאָט וואָלט ניט געווענ, וואָלט מענ אימ באַדאַרפט

אויסטראַכטנ״. אונ די רוסישע קיסעריגע יעקאַטערינע „די גרויסע״, וואָס האָט זיכ געהאַלטנ פאַר אַנ אָנהענגערינ פונ וואָלטערנ, האָט אַמאָל געזאָגט אַזוי: „רעליגיע איז נוציק פאַר די פינצטערע מאַסנ, אונ פאַר אונדז איז נוציק פילאָזאָפיע״.

די עקספּלואַטאַטאָרס האָבנ מוירע, אַז ווענ זייערע קאָרבאָנעס — די עקספּלואַטירטע אַרבעטער אונ פּויערים — וועלנ אויפהערנ צו גלויבנ אינ גאָטס האַשגאָכע, ווענ זיי וועלנ פאַרשטיינ, אַז ניט דער ריבוינע־שעלוילעם באַשטימט זייער שיקזאַל, אַז זיי אַליינ קענענ זיכ אויסקעמפנ אַ פריי לעבנ אָנ עקספּלואַטאַציע, וועט עס האַלטנ שמאָל מיט דער הערשאַפט פונ דער בורזשואַזיע, דעריבער איז קיינ וואונדער ניט, וואָס די בורזשואַזיע פאַרפאָלגט אַזוי אַפּיקאָרסעס, פאַרוואָס זי קעמפט אַזוי האַרטנעקיק קעגנ דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויונג. עס איז גענוג צו דערמאָנענ זיכ וועגנ דעם „מאַלפּע־פּראָצעס״, וואָס איז מיט איינציקע יאָר צוריק פאָרגעקומענ אינ אַמעריקע, קעדיי צו פאַרשטיינ, וואָס פאַר אַ קאַדאָכעס עס הויבט אָנ צו טרייסלענ די בורזשואַזיע, ווענ זי דערזעט, אַז די ווירקלעכע וויסנשאַפט הויבט אָנ אַרויסצושטויסנ דעם גלויבנ אינ דער „הייליקער טוירע״. דערדאָזיקער באַרימטער פּראָצעס איז געשטאַנענ אָט אינ וואָס: דער אַמעריקאַנער געריכט האָט געמישפּעט אונ פאַרמישפּעט אַ לערער, וואָס האָט געוואַגט צו לערנענ זיינע טאַלמידים, אַז דער מענטש שטאַמט פונ אַ מאַלפּע. אויב אַזוי, האָט געזאָגט דער געריכט, לייקנט דאָכ דער לערער אינ דער הייליקער טוירע, ווייל דאָרט איז דאָכ בעפּיירעש געזאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפנ אָדעמענ פונ ערד אונ זיינ ווייב כאַווע האָט ער געשאַפנ פונ אָדעמס ריפּ. לייקענענ אָבער אינ דער טוירע באַטייט לייקענענ אינ גאָטס אַלמעכטיקייט, אינ גאָטס האַשגאָכע איבער יעדנ מענטשנ, אונ דאָס איז אַ גרויסע געפאַר פאַר דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג.

דער ענגלישער מיליאַרדער דעטערדינג איז שטאַרק ברויגעז אַפ דער סאָוועטנ־מאַכט, פאַרוואָס זי האָט נאַציאָנאַליזירט זיינע נאַפט־קוואַלנ אונ האָט זיי געמאַכט פאַרנ אייגנטומ פונ די אַרבעטנדיקע. קערט ער וועלנ אַפ דער סאָוועטנ־רעגירונג, זאָגט, אַז זי איז ערגער

פאר אַ וואלד־גאזלענ אונ אז קיינ אָרנטלעכער מענטש דאַרפ מיט איר קיינ געשעפטנ ניט האָבנ. אינ דערזועלביקער אמעריקע, ווו מע באַ־שטראָפט פאר לערנענ דארווינס לערע, לעבט א מיליאַרדער ראָקפעלער, זייער א גאָטספאָרכטיקער מענטש. איז אָט דער ראָקפעלער קויפט דאווקע יאָ בא דער סאָוועטנ־מאַכט איר נאַפט. ניט כאָלילע, ווייל ער וויל געבנ צו לייזנ דער ארבעטער־מעלוכע, נאָר ווייל אפ נאפט קאָנ מענ פארדינענ א רעכטע מאטבייע. פירט דעטערדינג א קאמפ קעגנ ראָקפעלערנ. צוערשט האָט ער אָבער גערעכנט ווירקנ אפ ראָקפעלערנ מיט גוטנ. האָט ער אים אָנגעשריבנ א בריוו ווו ער האָט אים מאַסרע געווענ, אז ער זאָל ניט האָבנ קיינ געשעפטנ מיט דער סאָוועטנ־רעגירונג, ווייל זי... פירט אנ אנטירעליגיעזע פראָפּאַגאנדע. דער בריוו האָט אָבער געהאָלפנ ווי א טויטנ באַנקעס: ראָקפעלער איז טאקע אַ פרומער קריסט, ער ווייסט אָבער, אז די פרומקייט איז נוצלעכ נאָר דאנ, ווענ זי העלפט צו באַרייכערנ זיכ, ארויסלאָזנ רעוואכ צוליב פרומקייט, דאָס ווידערשפרעכט דער רעליגיע פונ קאַפיטאל. ראָקפעלער ווייסט זייער גוט, אז אינ דער יעוואנגעליע איז געשריבנ קריסטוסעס געבאָט: האָב ליב, ווי זיכ אליינ ניט נאָר דיינע פריינט, נאָר אויכ דיינע פיינט. פונדעסט־וועגנ האָט ער געהאלטנ פאר א גאָטסווירדיקע זאכ צו טויטנ סאקאָ אונ וואנצעטי, צו שיסנ אינ שטרייקנדיקע ארבעטער, צו פארטיליי[illegible] פעלקער, וואָס ווילנ זיכ ניט לאָזנ רויבנ פונ די אמעריקאנער מיליאַר־דערנ. ער ווייסט, אז ליב האָבנ די פיינט—דאָס איז א געבאָט פאר קנעכט, פאר ארבעטער, פויערים, באלמעלאָכעס, וואָס קרעכצנ אונטערנ יאָכ פונ זייערע עקספלואטאטערס; זיי דארפנ ליב האָבנ זייערע אונ־טערדריקער, זיי דארפנ פאָלגנ גאָטס־געבאָטנ. פאר די עקספלואטאטערס האָט גאָט אזעלכע געזעצנ אָבער ניט געשריבנ. פארקערט, די טוירע זאָגט: „לוי יעכדל עוויונ מינ האָאָרעצ", ד. ה. אָרעמע לייט וועלנ אייביק זיינ אפ דער וועלט. פאר די רייכע איז אזא טוירע די בעסטע אונ זיי זיינענ פארינטערעסירט, אז די אָרעמע זאָלנ גלויבנ, אז גאָט האָט אזוי די וועלט באשאפנ, אז עס זאָלנ זיינ רייכע אונ אָרעמע. אונ בעעמעס, קומט אויס ניט זעלטנ יעדנ פונ אונדז צו הערנ, ווי אנ אָרעמאנ, וואָס גלויבט אינ גאָט, זאָגט מיט א זיפצ:

„וואָס זאָל איכ טאָנ, אז איכ האָב קיינ מאזל ניט"... „מיסטאָמע איז מיר ניט באַשערט"... „מיסטאָמע וויל אזוי גאָט"... „גוואַלד, פאַרוואָס שטראָפט מיכ אזוי דער ריבוינעשעלוילאָמ?".

די הערשנדיקע עקספּלואטאטאָרישע קלאסנ נוצנ אויס זייער גאָט אָפּ צו האלטנ אינ געהאָרכזאמקייט די עקספּלואטירטע, איינצורעדנ זיי, אז די וועלט פירט זיכ לויט גאָטס ווילנ, אז אלע, וואָס גלויבנ אינ איינעמ אונ דעמזעלבנ גאָט זיינענ ברידער אונ צווישנ זיי טאָר קיינ קלאסנקאמפּ ניט זיינ. די פּראוואָסלאוונע נעמענ זיכ קריסטוסנ אינ מאָנאָפּאָליע אונ דערקלערנ, אז זיי זיינענ די עמעסע געטרייע גאָטס קינדער, אז פּראוואָסלאוונע מענטשנ דארפנ מיט לייב אונ לעבנ שיצנ דאָס פּראוואָסלאווישע פאָלק. די רוסישע פּריצימ אונ קאפּיטאליסטנ פלעגנ מאַכנ די פּראוואָסלאוויע פאַר א מיטל פונ קאַמפּ קעגנ זייערע קאָנקור־רענטנ—ניט פּראוואָסלאוונע עקספּלואטאטאָרנ, זיי פלעגנ אויסנוצנ די רעליגיע אָנצוהעצנ די רוסישע ארבעטער קעגנ די יידישע, טאָ־טערישע, פּוילישע, ארמענישע ארבעטער. בעייס א מילכאָמע האָבנ ד רוסישע סאָלדאטנ געדארפט הארגענענ זייערע ברידער, ארבעטער אונ פּויערימ פונ אנדערע פעלקער אינ נאָמענ פונ גאָט, צו פאַרהיטנ די פּראוואָסלאוויע. דאָס רוסישע צארישע מיליטער איז דעריבער באַקרוינט געוואָרנ מיטנ נאָמענ „דער קריסטוס־ליבנדיקער כאיל".

די דייטשישע בורזשואזיע האָט אָבער אויכ א גאָט אינ הימל אונ רעדט איינ אירע דייטשישע ארבעטער, אז זיי דארפנ פאַרגיסנ זייער אייגנ בלוט אונ דאָס בלוט פונ זייערע ברידער אינ נאָמענ פונ גאָט. אָפּ די ספּראָנזשקעס פונ די דייטשישע סאָלדאטנ איז בעייס דער מיל־כאָמע געווענ אָנגעשריבנ „גאָט מיט אונדז".

די יידנ, ווידער, דארפנ גלויבנ, אז גאָט האָט זיי אויסדערוויילט פונ אלע פעלקער, אז „אלע יידנ זיינענ כאווייריִמ", אז בראָדסקי דער זאוואָדטשיק איז א ברודער פונ לעקערטנ, פּאָזנאנסקי דער קאפּיטאליסט —א ברודער באָטווינענ, גאָט, הייסט עס, האָט דידאָזיקע ברידער נאָר א פאַרשיידענעמ מאזל געגעבנ. דער יידישער האָרעפּאשניק דארפ גלויבנ, אז אלע יידנ האָבנ איינ פאָטער אינ הימל, אז אלע „גאָימ" דארפנ באַטראַכט ווערנ ווי סאָנימ פונ די יידנ, ווייל זיי גלויבנ ניט

אין דעם איינציקן יידישן גאָט. דער „איינציקער גאָט" דאַרף אפ אזא אויפן פאַרייניקן אלע יידן און קעגנשטעלן זיי אלע „גאָים". ווען די יידן האָבן אין אמאָליקע יאָרן געפירט מילכאָמעס, האָבן זיי געטיינעט דאָס זעלבע, וואָס אין דער לעצטער מילכאָמע די דייטשן: „גאָט איז מיט אונדז", און אין נאָמען פון גאָט האָבן זיי אויסגעהאַרגעט פעלקער פון גרויס ביז קליין, ניט לאָזנדיק קיין לעבעדיקן נעפעש אין דעם סוינעס לאַנד.

א. מאַקאַגאָן

ניט גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, נאָר דער מענטש האָט באַשאַפן געטער

אז איר וועט אמאָל א פרעגן טאָן א רעליגיעזן באַלמעלאָכע אָדער פריער: „פאַרוואָס גלויבט איר אין גאָט?", אָדער „פונוואַנען ווייסט איר, אַז ס'איז פאַראַן א גאָט אפ דער וועלט?", „ווי קומט עס, וואָס דער „גוטער גאָט" גיט איינעם מיטן שעפל, דעם צווייטן מיטן לעפל?", וועט ער אייך אָדער גאָרניט ענטפערן, אָדער ער וועט אייך זאָגן דעם באַוווסטן פּאָסעק, מיט וועלכן די קלייקוידעש פון אלע רעליגיעס האָבן געהאַלטן און האַלטן טויזנטער מענטשן אין דער קלעם פון פינצטערניש:—מע טאָר וועגן גאָטס מאַיסים ניט טראַכטן, ניט ריידן,—„גאָט און זיין מישפּעט איז גערעכט".

דאָס איז פון שטענדיק אָן געווען די טרופּע פון אלערליי קלעריקאַלן פון אלע צייטן קעגן די „ביזוויליקע" אַרבעט-מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אמאָל א טראַכט טאָן וועגן דעם, צי איז נאָר גאָט פאַראַן אפ דער וועלט, און אויב יאָ—פאַרוואָס זשע פּראַוועט ער אזוי „גוט", אז מיליאָנען, צענדליקער מיליאָנען מענטשן זאָלן לעבן אין שטענדיקער נויט און דאַכקעס און נאָר געציילטע אויסדערוויילטע זאָלן דיר אויסזויגן דעם קליי פון די ביינער, זאָלן לעבן א גוטן טאָג פון דיין מי און בלוט. דו זיי בלינד און

טויב צו דעם, וואָס דו הערסט און זעסט, וואָס דו פילסט—„גאָטס דראָכים און אופטועכצן טאָר מען ניט איבערטראַכטנ".

ווי איר זעט, איז די רעליגיע באַשאַפנ געוואָרנ אפ דער בלינדקייט און באַגרענעצטקייט פונ דעם מענטשנ, אפ דעם, וואָס דער מענטש האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט און „ניט געטאָרט" באַטראַכטנ גאָטס מאַיסים, ד. ה. די געזעלשאַפטלעכע אוולעס, וואָס זיינען געטאָנ געוואָרנ דורכ מענטשנ אפ דער וועלט בענעגייע דער גאַנצער מאַסע קנעכט אינ דער אוראַלטער צייט, פויערים־קריפּאַקעס אינ צייט פונ דער הערשאַפט פונ די פּריצים (פעאָדאַלע אָרדענונג) און בענעגייע אַרבעטער און פויערים בעשאַס דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אָבער אויב דו וועסט ניט מוירע האָבנ פאַרנ „געהענעם אפ יענער וועלט", ד. ה. פאַר דער בורזשואַזיע, ראַבאָנים, גאַלאָכים און אַנדערע קלייקוידעש, און וועסט יאָ א טראַכט טאָנ וועגנ „גאָטס אופטועכצנ", אויב דו וועסט ניט נאָר א טראַכט טאָנ, נאָר אויכ דערלערנענ די געשיכטע פונ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווי זי האָט פונ שטענדיק אָנ זיכ אַנטוויקלט אינ קאַמפ צווישנ רייכנ און אָרעמע, קנעכט און האַר, פּאָרעצ און פויער, אַרבעטער און פאַבריקאַנט, אינ שטענדיקנ קלאַסנקאַמפ, אַז דו וועסט דערלערנענ, ווי אַזוי ס'האָט זיכ אַנטוויקלט דאָס לעבנ אפ דער וועלט, ווי אַזוי ס'איז אַנטשטאַנענ די ערד און אינ וואָס פאַר א קאַמפ ס'האָט זיכ שטענדיק אַנטוויקלט דאָס לעבנ (די געוויקסנ און באַלעכאַיִים) אפ דער ערד—וועסטו גלייכ פאַרשטיינ, אַז ניט גאָט האָט באַשאַפנ די וועלט, די ערד און די מענטשנ, נאָר פאַרקערט: דער מענטש האָט באַשאַפנ דעם גאָט אינ דעם געשטאַלט, אינ וועלכנ ער האָט זיכ אים דאַנ פאָרגעשטעלט.

שווער איז געווענ דאָס לעבנ פונ דעם מענטשנ אינ דער אוראַלטער צייט. שווער איז אים געווענ צו קעמפנ מיט דער נאַטור. ער האָט ניט געהאַט קיינ שום טעכנישע מאַכשירים—ניט אפ צו כאַפּנ פיש, צו אַקערנ ערד, צו מאַכנ פייער א. א. וו. פאַרקערט, די נאַטור האָט דעם מענטשנ, דעם דעמאָלטיקנ נאָכ קנעכט בא דער נאַטור, געהאַלטנ אינ אירע אָפּצווייגעס: רעגנס, געוויטערס, פאַרפלייצונגענ, גרויסע היצנ, ווילדע כייעס, קעגנ וועלכע ער האָט קיינ שום מיטל ניט געהאַט.

אָט די אומבאהאָלפנקייט קעגן די נאַטור־קויכעס, וועלכע ער האָט נאָך ניט געקאָנט דאַן באַקעמפן, האָט געשאַפן בא דעם מענטשן דעם גלויבן אין אומנאַטירלעכעס, אין א קויעך, וואָס שאַפט דאָס אַלץ, וואָס איז בלינד פאַר אים, דעם מענטשן, און וואָס פירט אָן מיט אים.

האָבן מיר טאַקע אין די אוראַלטע צייטן בא פאַרשיידענע פעלקער און וואַנדער־שוואָטים פאַרשיידענע געטער: אַ דער גאָט פון דער זון, אַ דער גאָט פון רעגן, פון געוויטער, פון מילכאָמע און וועלכע איר ווילט נאָר דערשיינונגען סיי פון דער נאַטור, סיי פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

וויפיל נעמען און פאַרקערפערונגען ס'האָט איבערגעהאַט דער יידישער גאָט, אַשטייגער? יעדע צייט, יעדער פעריאָד האָט געשאַפן אַן אַנדער פאָרשטעלונג וועגן גאָט. דאָס איז ער פריער דער גאָט פון גוטס און שלעכטס, דאָס איז ער דער גאָט פון זון אָדער מאַבל, דאָס איז ער דער גאָט, וואָס פאָדערט מענטשלעכע קאָרבאָנעס און שפּעטער, קאָרבאָנעס פון באַלכיי (ווען די אַזוי-גערופענע יידן זיינען וואַנדער־שוואָטים געווען); דאָס איז ער דער גאָט, וואָס פאָדערט שוין מייסער פון טוווע, ווען די יידן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט.

קורץ, אין יעדער צייט דורך די פאַרשיידענע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע די מענטשן האָבן געלעבט און לעבן, איז געשאַפן געוואָרן אַן אַנדער פאָרשטעלונג וועגן גאָט, זיינע דינים און מינהאָגים.

און ניט נאָר בא יידן, אויך בא אַלע פעלקער: בא די עגיפּטיאַנער, גריכן און רוימער, בא די רוסן, כינעזער און טאָטערן, בא אַלע, אַלע פעלקער איז געשאַפן געוואָרן אַן אַנדער גאָט, אַנדערע געזעצן און מינהאָגים.

דאָס איז נאָר מעגלעך געווען דערפאַר, וואָס **ניט גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, נאָר, פאַרקערט, דער מענטש האָט באַשאַפן דעם גאָט.**

ווער זשע איז געווען פאַרינטערעסירט אין גאָט?

איר האָט שוין פריער געזען, אַז אין יעדער עפּאָכע האָט מען אָפּהענגיק פון דעם אָרט, עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע

באדינגונגענ געשאפנ אנ אנדער גאָט: דער גאָט פונ דעמ וואנדער־
פעריאָד איז ניט ענלעכ אפנ גאָט פונ פעאָדאלער עפּאָכע, אונ דער
גאָט פונ דער בורזשואזער עפּאָכע איז גאָר ניט ענלעכ אפנ גאָט פונ
די פריצימ. יעדער גאָט איז געשאפנ אינ דעמ געשטאלט פונ זיינ צייט
אונ באדינגונגענ. צי קענט איר איצט קומענ צו דעמ אפילע סאמע
אָפּגעשטאנענעמ מענטשנ, וואָס לעבט אינ צייט פונ געוואלטיק גרויסער
טעכניק, פונ עלעקטריע אונ דאמפ, אונ זאָגנ, אז ס'עקזיסטירט א באַ־
זונדער גאָט פונ פייער, אָט דער גאָט וואָס האָט אמאָל „געהאָלפנ" די
ווילדע מענטשנ ארויסצוקריגנ פייער דורכנ קלאפנ א שטיינ אינ א
שטיינ? איצט, אז ס'וואקסט די טעכניק, וואָס עס שאפט דער ארבעט־
מאנ מיט זיינ מי, פראָגרעסירט אויכ די פאָרשטעלונג פונ גאָט בא די
אָפּגעשטאנענסטע מענטשנ.

ווי איר זעט, איז גאָט דער פראָדוקט פונ זיינ צייט. די מענטשהייט
אָבער לעבט, ווי באוווסט, שטענדיק אינ א קלאסנ־געזעלשאפט, די
גאנצע געשיכטע פונ דער מענטשהייט איז די געשיכטע פונ קלאסנ־
קאמפ, פונ קאמפ צווישנ אונטערדריקער אונ אונטערדריקטע.

דער „גאָט" איז אויכ אָט דער, וואָס אונטערדריקט אונ אונטערטע־
ניקט, וואָס מאכט זיכ פאסיוו צו דעמ ארומיקנ לעבנ, וואָס זאָגט דיר:
„זיצ אונ שווייג, האָרעווע שווער. ווייל אזוי איז דיר באַשערט פונ
אויבנ, אזוי איז דיינ מאזל אונ טראכט ניט איבער פונ גאָרניט, ווייל
דו וועסט גאָרניט קאָנענ איבערמאכנ—אלצ איז דיר דאָכ אָנגעצייכנט
פונעמ הימל". „גאָט איז דער אלמעכטיקער הער, דער וואָס באַשטימט
די גאנצע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג אפ דער ערד: דער קייסער איז
זיינ ערדישער שאָליעכ, די קויהאַנימ, די ראַבאָנימ, די גאלאָכימ אונ
קסיאָנדזנ זיינענ די היטער פונ זיינ גערעכטיקייט אפ דער וועלט, „זיינע
מאשגיכימ אונ שעליכימ". דארפסטו זיי הערנ אינ פאָלגנ, טאָנ אלצ,
וואָס דער אויבערשטער האָט דיר אָנגעזאָגט דורכ זיי".

אונ זיי, די אלע גאָט־מעשאָרסימ זיינענ דאָכ דיינע שילוכי־ציבער
פאר אימ, דעמ אלהערשנדיקנ אונ אלפאָרכטיקנ, דעמ „נוקעמ וועגוי־
טער", דעמ גאָט, וואָס מישפּעט דיכ אָדער צומ טויט אָדער צומ לעבנ...
אויב אזוי דארפנ זיי זיינ אינ דיינע אויגנ באזונדערס געשעצט אונ

געאכט: דאָרפסמ זיי טראָגנ דעמ „מאיסטער"—א צענטל פונ דער גאנ־ צער טווע, וואָס דו האָסט פונ פעלד אראָפּגענומענ; פארקויפנ זיי דעמ כאָמעצ, גייענ א שיילע פרעגנ צי ס'איז קאָשער צי טרייפ,—און אלצ, וואָס זיי וועלנ דיר הייסנ.

ווער האָט געקענט שאפנ אָט די גאנצע סיסטעמ פונ אָפּהענגיקייט, פונ אונטערדריקעריי און אייביקער האכנאָע? די, וואָס זיינענ אינ דעמ געווענ ביז גאָר פארינטערעסירט, וואָס האָבנ דאָ אונטערגעדריקט די מיליאָנענ ארבעט־מאסנ: דער קיהענ, דער ראָוו און גאלעכ צוזאמענ מיטנ האר, פּאָרעצ און פאבריקאנט.

רעליגיע איז דער שטענדיקער קלאסנ־געווער פונ דעמ האר, גוט־ באזיצער און בורזשוי קעגנ דעמ קנעכט, לייבייגענער, פויער און ארבעטער.

פונ זאמל־בוכ „ארבעט און פרייהייט"

דער ראָוו מיטנ פּאָפּ
זיי פארדרייענ אונדז דעמ קאָפּ
מיט א רעליגיע און מיט א גלויבנ
מיט אווייערעס און זינד
מאכנ זיי אונדז בלינד
מ'זאָל זענ, ווי מע טוט אונדז בארויבנ.
דערפאר שטייט אופ, ברידער,
מ'וועקט אייכ, מ'וועקט אייכ,
פארנ קאמפ ניט דערשרעקט אייכ.

מ. שיינגאָלד

די כאָכמע און גווורע פונ יידישנ גאָט

די סאָציאלע באַגריפנ: יוישער, גערעכטיקייט, אוולעס, אומגערעכ־ טיקייט בייטנ זיכ. יעדע עפּאָכע האָט זיכ אירע סאָציאלע באגריפנ. דאָס, וואָס איצטער ווערט אָנערקענט פאר א ווילדקייט, בארבאריזמ, איז מיט הונדערט יאָר צוריק, לעמאָשל, געווענ א נאטירלעכע דערשיינונג.

אין דער צייט פון פאנשטשינע איז האנדלען מיט קנעכט געווען א געוויינלעכע זאך; היינט רופט בא אונדז ארויס דער אינסטיטוט פון קנעכטשאפט א מוירעדיקן פראָטעסט. די מאָראַל בייט זיך אויך בענ־גייע צו פארשיידענע נאציעס און ראסן. דער טאַלמוד לערנט: אָפּנארן א גאָי מעג מען, אָבער א יידן טאָר מען נים. לינטשן א נעגער מעג מען, אָבער א ווייסן טאָר מען נים. דאָס איז גאנץ פארשטענדלעך. מיר ווייסן זייער גוט, אז מאָראל איז א סאָציאלע דערשיינונג, יעדע עפּאָכע, יעדער קלאס האָט זיין מאָראַל. אנדערש מיינט אָבער די יידישע רעליגיע. די דינים, די מאָראַל, וואָס עס שטייט געשריבן אין דער טוירע, בלייבן אָפּ שטענדיק, זיי בייטן זיך נים. יעדער פרומער ייד גלויבט, אז דאָס, וואָס גאָט האָט דורך מוישע ראַביינו געגעבן אפן באַרג סיניי, וועט זיך קיינמאָל נים בייטן; אָט פון דעם שטאנדפונקט דארף מען נים קיין בעסערע אנטירעליגיעזע אַגיטאציע קעגן גאָט, קעגן זיין טוירע ווי די עצעם מייסע פון יעציעס מיצראַיִם, ווי זי ווערט דער־ציילט אין דער „היילקער טוירע" אליין. די גאנצע מייסע פון יעציעס מיצראַיִם איז דאָך איבערפולט מיט הימל־שרייענדיקע רעציכעס, מיט מעשוגע ווילדע אכזאָריעס פון גאָט „באָרוכהו" פון דעם „גוטן און בארעמהערציקן גאָט" אליין.

הונדערטער יאָרן זיינען די יידן געווען קנעכט אין מיצראַיִם,— דערציילט די טוירע,—זיי האָבן שרעקלעך געליטן. מע האָט זיי געפּייניקט, און גאָט האָט עס נים געפּרווט ארן. מיטאמאָל „האָט גאָט דערהערט זייער געשריי און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אָפּמאך מיט אווראָהאָם, ייצכאָק און יאקאָוו (שמאָס ג'). הונדערטער יאָרן האָבן די יידן געליטן פון די מיצרים, און גאָט האָט אָן זיי פארגעסן. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך דערמאָנט און ער האָט באשלאָסן באפרייען די יידן פון מיצראַיִם.

וואָס האָט גאָט געדארפט טאָן?

דער אלמעכטיקער גאָט, וואָס האָט באַשאפן די גאנצע וועלט, וואָס קיין זאך אין דער וועלט קאָן נים געשען אָן זיין ווילן, האָט געקענט און געדארפט ארייגעבן אין פארעס הארצ א גוטן ווילן, ער זאָל ארויסלאָזן די יידן פון מיצראַיִם. עס איז דאָך בעפּירעש געשריבן

„דאָס האַרץ פון אַ קייסער איז בײַ גאָט אין די הענט, ווי גאָט וויל אַזוי קערט ער עס". וואָס טוט אָבער דער באַרעמהערציקער ייִדישער גאָט? ער מאַכט בעקיוון האַרט פּאַרעס האַרץ. ער אַליין לאָזט ניט פּאַרען אַרויסשיקן די ייִדן פון מיצראַיִם, כּדי ער זאָל קאָנען באַשטראָפן פּאַרען און דאָס גאַנצע פאָלק מיצראַיִם.

די געמאָרע אַליין פילט, אַז דאָ איז עפּעס ניט אַלץ כּשורע, עפּעס ניט יושעודיק (אין דער צייַט פון דער געמאָרע זײַנען שוין די סאָציאַלע באַגריפן וועגן יושער געווען אַנדערע) און רעב יויכענען זאָגט: „דאָס קאָן עפנען דאָס מויל פון די אפּיקאָרסים צו זאָגן, אַז גאָט אַליין איז שולדיק געווען, וואָס פּאַרע האָט ניט טשוווע געטאָן, וואָרום גאָט זאָגט דאָך אַליין, אַז ער האָט האַרט געמאַכט זײַן האַרץ. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די קלוגע געמאָרע געפינט גלייַך אַ טערעץ. רייש לאָקיש ענטפערט אויף דעם: פאַרשטאָפּט זאָל ווערן דאָס מויל פון די אפּיקאָרסים! די שלעכטע מאַכט גאָט נאָך ערגער... גאָט האָט געשיקט צו פּאַרען פינף מאָל און האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט בעסער צו ווערן, נאָר ער האָט ניט געוואָלט, האָט דעריבער גאָט געזאָגט צו אים „דו האָסט זיך פאַראַקשנט, וועל איך איצטער נאָך אַליין צוגעבן טומע צו דײַן טומע".

דאָ מוזן מיר צוגעבן, אַז אָדער רייש לאָקיש האָט געהאַט אַן אַנדער טעקסט פון דער טוירע, אָדער ער האָט פאַלש געלייגט. איידער גאָט האָט געשיקט דאָס צווייטע מאָל מוישען צו פּאַרען האָט ער געזאָגט: און איך וועל פאַרהאַרטעווען פּאַרעס האַרץ... און ער וועט אייַך ניט הערן און איך וועל אַרויסנעמען די ייִדן פון מיצראַיִם מיט גרויסע באַשטראָפונגען (פאַר די מיצרים) (שמאָס ז). ווו זײַנען די פינף מאָל, וואָס פּאַרע האָט זיך פאַראַקשנט? דאָס מויל פון די אפּיקאָרסים בלייַבט אָפן. נאָכמער, אין דער טוירע איז פאַראַן בפירעש געשריבן: און גאָט האָט געזאָגט צו מוישען... איך האָב בעקיוון פאַרשטיינערט דאָס האַרץ פון פּאַרען און פון זײַנע דינער, כּדי איך זאָל קאָנען ווייַזן מייַנע וווּנדער צווישן זיי.

אָט דאָס הייסט געטלעכע אָפּנהערציקייט!

כּדי צו באַווייַזן זײַנע „פאָקוטן", האָט דער „גוטער און שטאַר־

קער יידישער גאָט" דאָס וואַסער פאַרוואַנדלט אינ בלוט אונ די פיש אינ טייכ זיינענ פאַרניכטעט געוואָרנ (וואָס זיינענ שולדיק די פיש?); א מאַגייפע געשיקט אַפ די פי „אונ דאָס גאַנצע פי איז אויסגעשטאָרבנ" (שמאָס, ט'). וואָס איז שולדיק דער אָרעמער פויער אונ זיינ אָרעמע בעהיימע, ווייסט נאָר דער יידישער גאָט אַליינ. נאָכהער האָט א האָגל מיט פייער צוזאַמענגעמישט (גאָטס וואונדער!) כאָרעוו געמאַכט „אַלצ, וואָס איז געבליבנ אינ פעלד פונ א מענטשנ ביז א בעהיימע" (פונ וואַנענ האָבנ זיכ ווידער גענומענ בעהיימעס, די מאַגייפע האָט דאָכ זיי אויסגעהאַרגעט ביז איינע? בלייבט א קאַשע). „אויכ דאָס גראָז האָט דער האָגל צעשלאָגנ אונ די ביימער צעבראָכנ". אַלצ דערפאַר, וואָס גאָט האָט פאַרשטיינערט פאַרעס האַרצ. דאָס ביסל גראָז, וואָס איז גאַנצ געבליבנ פונ דעמ האָגל, האָט דער היישעריק אופגעגעסנ (די אַכטע מאַקע) אונ צומ סאָפ האָט גאָט געוויזנ די עמעסע וואונדער. עס רעדט זיכ וועגנ דער צענטער מאַקע—מאַקעס-בכוירעס. די מאַקע האָט גאָט דורכגעפירט אַליינ, „ניט דורכ קיינ שאָליעכ"; ער האָט דאָס קיינעמ ניט אָנגעטרויט.

אומ האַלבע נאַכט האָט גאָט „פאַרקאַטשעט די אַרבל" אונ האָט „אויסגעקוילעט אַלע בכוירימ אינ מיצראַימ פונ פאַרעס עלטערנ זונ ביז דעמ עלטערנ זונ פונ א דינסט, וואָס הינטערנ מיל אונ ביז דעמ בכאָר פונ א בעהיימע".

אָט דאָ האָט זיכ אַרויסגעוויזנ די געטלעכע „דעמאָקראַטיע": אויב אויסקוילענ די בכוירימ, איז אַלע בכוירימ גלייכ, אָנ אונטערשייד פונ קלאַסנ. וואָס איז, אייגנטלעכ, שולדיק געווענ די „דינסט פונ הינטערנ מיל"? פאַרוואָס האָט דאָס איר געקומענ, אַז גאָט זאָל דערהאַרגענענ איר אומשולדיק קינד. זי אַליינ איז דאָכ געווענ ניט מער ווי א דינסט, זי אַליינ האָט זיכ דאָכ אויכ גענויטיקט אינ באַפרייונג? וואָס טויגנ די קאַשעס, אַז גאָט האָט באַשלאָסנ צו באַווייזנ „פאָקוסנ" אונ דאַפקע אַפ „דעמאָקראַטישנ" אויפנ.

אויספילנדיק די „פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט", דאָס הייסט, אויסקוילענדיק די בכוירימ, האָט דער יידישער גאָט אַרויסגעוויזנ גרויסע אָרגאַניזיר-פעיִקייטנ, דהיינו, קעדיי ער זאָל כאַלילע ניט פאַר-

בלאָנדזשען... בײַ אַ ייִדן זײַן שטוב האָט ער אָנגעזאָגט דורך מוישען אַלע ייִדן, אַז זיי זאָלן קוילענען אַ שעפּס און מע זאָל נעמען בלוט און מאַכן סימנים אויף די טירן, „און דאָס בלוט וועט דינען פֿאַר אַ סימן אויף אײַערע הײַזער, ווו איר וועט זיך געפֿינען, און איך וועל דערזען דאָס בלוט, וועל איך איבערהיפּן איבער זיי, בעשאַס איך וועל שלאָגן דאָס לאַנד מיצראַיִם" (שמות, יב).

די צאַרישע פּאָליצײַ, ווען זי פֿלעגט אָרגאַניזירן אויף ייִדן אַ פּאָגראָם, פֿלעגט זי זיך אָנזאָגן די קריסטן, אַז זיי זאָלן אויף זייערע טירן מאַכן סימנים (צלמים), כּדי די שוואַרצמייעניקעס זאָלן נישט פֿאַרבלאָנדזשען אין אַ קריסטלעכן הויז.

נאָך דער געלונגענער דעמאָקראַטישער אָפּעראַציע איז פֿאַרעס פֿאַרהאַרטעוועט האַרץ ווײַכער געוואָרן און ער האָט שוין די ייִדן אַרויסגעטריבן. אָבער דער גוטער גאָט איז דערמיט נישט צופֿרידן. ער האָט דאָך צוגעזאָגט אַבֿרהמען אָבֿינו, אַז די ייִדן וועלן אַרויס פֿון מיצרים מיט אַ גרויס פֿאַרמעגן. נו, אַ וואָרט איז אַ וואָרט. צוגעזאָגט דאַרף מען מקיים זײַן.

וואָס דאַרף מען טאָן?

דער גרויסער שטאַרקער גאָט, וואָס האָט די וועלט באַשאַפֿן, וואָס האָט דעם ים געשפּאָלטן, וואָס האָט אויפֿן נסים באַוויזן, האָט דאָך פּשוט געקאָנט אײַנשטילן די ייִדן גאָלד, וויפֿל דאָס האַרץ גלוסט. „מיר געהערט דאָס זילבער, מיר געהערט דאָס גאָלד" אַ בעפֿיירעשער פּסוק. נאָר ניין, גאָט לאָזט זיך אויף אַ שווינדל; ער גיט איבער דורך מוישען, אַז די ייִדן זאָלן זיך אָנלײַען בײַ די מיצרים גאָלד און זילבער און טײַערע צירונג און מע זאָל זיי אָפּנאַרן, אַז זיי גייען אַוועק נאָר אויף 3 טעג דינען גאָט און אַז דערנאָך וועלן זיי זיך אומקערן און וועלן אָפּגעבן צוריק אַלץ, וואָס זיי האָבן געליִען. אָט אַזאַ וואָסערע גנייוויִשע שטיק עס לאָזט זיך דער מעכטיקער ייִדישער גאָט.

קיין אַפּיקורעס וואָלט נישט געקאָנט אָנשרײַבן אַ מער העסלעכן פּאַסקוויל אויף גאָט, ווי די טוירע אַלייִן.

דאָס איז נישט צו באַוואונדערן. די מאָראַל אין יענער צײַט איז געווען אַזאַ, אַז דאָס אַלץ, וואָס רופֿט בײַ אונדז איצט אַרויס אַן עקל,

האָט דאָס דאַנ אַרויסגערופֿנ אַ היספּײַלעס פֿונ גאָטס כאָכמע אונ גוווּרע.

דער מענטש האָט באַשאַפֿנ, ריכטיקער געזאָגט, אויסגעטראַכט גאָט לויט זײַנ אייגענעמ געשטאַלט, דעריבער איז דער יידישער גאָט, פּונקט ווי אַלע איבעריקע געטער פֿונ פֿאַרשיידענע פֿעלקער, געווענ ביטער, בלוטדאָרשטיק, שווינדלעריש, פּונקט ווי די עקספּלואַטירנדיקע קלאַסנ, וואָס האָבנ די געטער אויסגעטראַכט. אונ אַזוי שפּיגלענ זיי זיכ אָפּ אינ די אַלטע דערציילונגענ פֿונ אַלע פֿעלקער בעטויכאַמ פֿונ יידישנ פֿאָלק.

מ. אַלטשולער

די מאָראַל פֿונ דער רעליגיע

גאָט אַליינ אַלס מוסטער פֿונ מאָראַלישקייט

גאָט דינט די מענטשנ אַליינ אַלס בײַשפּיל פֿונ מאָראַל. זײַנ אַזוי מאָראַליש ווי גאָט אַליינ, זײַנ אַזוי גערעכט ווי גאָט אַליינ,—דאָס קענ נאָר זײַנ אַ אידעאַל פֿאַר די, וואָס גלייבנ אינ גאָט, וואָס האַלטנ אימ פֿאַר דעמ האַר אונ שעפֿער פֿונ דער וועלט, פֿאַרנ קוואַל פֿונ דער העכסטער אַבסאָליוטער מאָראַל.

גאָט האָט באַשאַפֿנ די וועלט. ער האָט זי באַשאַפֿנ, ווי ער אַליינ האָט געוואָלט. ער האָט באַשאַפֿנ דעמ מענטשנ אונ די כײַעס. ער האָט געקענט מאַכנ דעמ מענטשנ פֿאַר אַ גוטנ אָדער אַ שלעכטנ. אַלצ איז געווענדט פֿונ זײַנ ווילנ. ווײַל ער איז דאָכ עפּעס אַ גאָט.

מענטשנ האָבנ זיכ געפֿרוכפּערט אונ געמערט זיכ. עס האָבנ זיכ געמערט כײַעס אונ אָרימעס. עס האָבנ זיכ געמערט אַלע גאָטס באַשעפֿענישנ. מיטאַמאָל טוט גאָט אַ קוק אויפֿ זײַנע באַשעפֿענישנ, אונ אימ איז אומעטיק געוואָרנ אַפֿנ האַרצנ: ניט זולכע מענטשנ האָט ער געוואָלט האָבנ אַפֿ דער וועלט, די מענטשנ זינדיקנ,—לויט זײַנ מיינונג,—

ניט ווערט, אז די ערד זאָל זיי פרעגנ: שלעכטע הערצער זיינענ בא די מענטשנ, פארדאָרבענע כאראקטערס. האָט גאָט כאראָטע באקומענ, וואָס ער האָט באשאפנ די מענטשנ אונ האָט באשלאָסנ — ניט אויס־בעסערנ זיי, ניט פאריכטנ זייער אייגענעמ פעלער — ניינ, פארטיליקנ די מענטשנ פונ דער ערד האָט ער באשלאָסנ. אָפּמעקנ פונ דער ערד אלצ, וואָס עס לעבט, האָט גאָט באשלאָסנ, אונ ער האָט א מאבל אָפ דער וועלט געבראכט.

וואָס וואָלט געזאָגט א פּאָשעטער מענטש וועגנ אזעלכע עלטערנ, בא וועלכע עס איז געבאָרנ געוואָרנ א קינד, וואָס איז זיי ניט גע־פעלנ געוואָרנ, האָבנ זיי כאראָטע געקראָגנ, וואָס זיי האָבנ דאָס קינד אָפ דער וועלט געבראכט, אונ האָבנ אימ אינ טייכ דערטרונקענ? עלטערנ—אכזאָרימ, עלטערנ—מערדער זיינענ דאָס. די גרעסטע שטראָפ—פאר אזעלכע מענטשנ! אונ גאָט? בא אָט דעמ גאָט דעמ אכזער, בא אָט דעמ גאָט דעמ מערדער דארפנ זיכ די מענטשנ לערנענ ליבע, ראכמאָנעס, רעכטפארטיקייט!

גאָט האָט געהייסנ רוענ שאבעס.

ווענ די ייִדנ זיינענ געווענ אינ דער מידבאָר האָבנ זיי אמאָל דערזענ א מענטשנ, וואָס קלייבט האָלצ אומ שאבעס—דערציילט דער כומעש—האָט מוישע געפרעגט בא גאָט, וואָס טוט מענ מיט אזא מענטשנ? —„געטויט זאָל ווערנ דערדאָזיקער מענטש, פארשטיינענ זאָל אימ די גאנצע געמיינדע אויסער דער מאכנע!"—טראָגט ארויס גאָט זיינ פסאק־דינ. אז א מענטש זאָל וועלנ גיינ אינ די וועגנ פונ אָט דעמ גאָט, דארפ ער זיינ זונ, וואָס פאָלגט אימ ניט, גלייכ פארשטיינענ, טויטנ. זאָגט, לעמאָשל, דער פאָטער זיינ זונ, ער זאָל זיכ זעצנ אָפּרוענ נאָכ דער ארבעט, אונ דער זונ פאָלגט ניט—א טויט דעמ זונ.

אזוי הייסט טאקע די הייליקע טוירע באגיינ זיכ מיט א זונ, וואָס פאָלגט ניט טאטע־מאמע:

„אז בא עמעצנ וועט זיינ א זונ א צעלאָזענער, וואָס הערט זיכ ניט צו צו דעמ, וואָס עס זאָגט אימ דער פאָטער אונ מוטער, וואָס הערט זיכ ניט צו צו זייערע שטראָפ־רייד, זאָלנ דאנ דער פאָטער אונ מוטער ארויסשלעפּנ דעמ זונ צו די עלצטע פונ שטאָט אונ זאָגנ זיי: אונדזער

זונ הערט ניט טאטע-מאמענ, ער איז א פרעסער אונ זויפער, אלע איינוווינער פונ דער שטאט זאָלנ אימ טארשטיינענ מיט שטיינער אונ ער זאָל געטויט ווערנ" (דוואָרים, מ"ט) — אָט דאָס הייסט דערציענ קינדער לויט גאָטס געבאָטנ, לויט געבאָטנ פונ אייביקער מאָראל!

נאָר איינ גאָט אינ הימל איז דאכט זיכ פאראנ אפ דער וועלט. ער וואָלט געקאָנט באשאפנ די מענטשנ אזוי, אז זיי זאָלנ גלויבנ נאָר אינ אימ, דעמ איינציקנ גאָט. טוט ער עס ניט. ער האָט די מאָנאָפאָל אונ האָט פונדעסטוועגנ מוירע פאר קאָנקורענצ. גיט ער אזא פאראָר, ענוונג זיינע אָנהענגער: „אויב עס וועלנ דיכ אָנריידנ בעסאָד דיינ ברודער — דער זונ פונ דיינ מוטער, — אָדער דער זונ דיינער, אָדער די טאָכטער דיינע, אָדער די פרוי דיינע, אָדער דער פריינט דיינער, וועלכער איז דיר טייער ווי די נעשאָמע דיינע אונ ער וועט דיר זאָגנ: „לאָמיר גייַנ דינענ אנדערע געטער, וועלכע דו אונ דיינע אָוועס האָבנ ניט געוווּסט — געטער פונ יענע פעלקער, וואָס וווינענ ארומ דיר, אָדער ווייט פונ דיר, פונ איינ עק וועלט ביז דעמ אנדערנ, — זאָלסטו ניט איינשטימענ מיט אימ, זאָלסטו ניט פאָלגנ אימ, זאָלסטו אפ אימ קיינ ראכמאָנעס ניט האָבנ, זאָלסט זיכ אפ אימ ניט דערבארעמענ, זאָלסט אימ ניט פארדעקנ, ה א ר ג ע נ ע נ זאָלסטו אימ. דיינ האנט זאָל זיינ די ערשטע אפ אימ צו טויטנ אימ, אונ דערנאָכ די הענט פונעמ גאנצנ פ ָלק. זאָלסט אימ פארשטיינענ מיט שטיינער צו טויט, דערפאר וויל ער האָט דיכ געוואָלט אָפקערנ פונ דיינ גאָט דיינ האר, וואָס האָט דיכ ארויסגעפירט פונ מיצראַימ, פונ קנעכטשאפט" (דוואָרימ, י"ג). — א געבאָט פונ דעמ איינציקנ גאָט, דעמ קוואַל פונ אייביקער גערעכטיקייט, פונ אבסאָליוטער מאָראל!

די „אָוועס", צאדיקימ אונ הייליקע אלס מוסטער פונ מאָראלישקייט

ניט נאָר גאָט אליינ קאָנ אונדז דינענ פאר אביישפיל פונ א ז א גערעכטיקייט, פונ א ז א מ אָ ר א ל י ש ק ײ ט. ד י ז ע ל ב י ק ע מאָראלישקייט געפינענ מיר אויכ בא די „אָוועס", די „הייליקע אָוועס" פונ פאָלק איסראָעל, בא גאָטס צאדיקימ, בא גאָטס דינער,

אָט איז א מוסטער פון באַציונגען צווישן מאַן און פרוי, צווישן עלטערן און קינדער, צווישן לײַבלעכע ברידער. דאָס איז די הויזגעזינד פון איצכאָק דעם זון פון אוראָם אָווינו.

בא ריווקען, דער פרוי פון איצכאָקן איז געבאָרן געוואָרן א צווילינג: יאַנקעוו און אייסאָוו. אייסאָוו איז געווען דער בכאָר, די יונגען זײַנען אויסגעוואַקסן. איז אייסאָוו געוואָרן א מענטש, וואָס קען יאַגד, א פעלד־מענטש און יאַנקעוו איז געווען א מענטש א טאָם, וואָס זיצט אין געצעלט. איצכאָק האָט ליב געהאַט אייסאָוון דערפאַר, ווײַל ער האָט ליב געהאַט צו עסן אייסאָווס געפאַנגענע כײַעס און אויפעס, און ריווקע האָט ליב געהאַט יאַנקעוון. האָט אָפּגעקאָכט יאַנקעוו א געקעכץ. אייסעוו איז געקומען פון פעלד א מידער. האָט אייסאָוו געזאָגט צו יאַנקעוון: גיב מיר עסן אביסל פון דעם רויטס, אָט פון דעם רויטס, ווײַל איך בין זייער מיד. האָט יאַנקעוו געזאָגט אייסאָוון: פאַרקויף מיר שוין דײַן בכוירע (זײַן רעכט פון אַן עלטערן ברודער). אייסאָוו האָט אים געענטפערט: איך דאַרף באַלד שטאַרבן, אָפּ וואָס דאַרף איך האָבן די בכוירע. האָט אים יאַנקעוו געזאָגט: שווער מיר שוין. האָט ער געשוואָרן און האָט פאַרקויפט זײַן בכוירע יאַנקעוון. דאַן האָט יאַנקעוו געגעבן אייסאָוון ברויט און געקעכץ פון לינדזן. — אזוי דערציילט די טוירע (בערײשיס, כ״ה), ווי יאַנקעוו האָט פאַר א טאָפּ לינדזן אָפּגעקויפט די בכוירע בא זײַן ברודער, וואָס איז געקומען א מידער און הונגעריקער פון פעלד.

אזוי מאָראַליש, יושערדיק האָט געהאַנדלט „יאַנקעוו אָווינו“.

דער הייליקער פאָטער אונדזערער יאַנקעוו איז געווען א מייסטער נאָך אין בעסערע שפּיצלעך.

יצכאָק איז אַלט געוואָרן און האָט שלעכט געזען. האָט ער גערופן זײַן זון אייסאָוו און האָט אים געזאָגט: „איך בין שוין אַלט, איך ווייס ניט ווען איך וועל שטאַרבן. זע נעם דײַן געווער, דײַן פײַל און בויגן, גיי אין פעלד און גרייט מיר צו א געקעכץ, וואָס איך האָב ליב. ברענג מיר, איך וועל עסן, קעדיי מײַן נעשאָמע זאָל דיך בענטשן, איידער איך וועל שטאַרבן“. ריווקע האָט דאָס אַלץ געהערט, האָט אונטער־געערדט יאַנקעוון, אז ער זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר אייסאָוון, און

אויסגארנ באמ פאָטער די בראָכעס, מיט וועלכע ער וויל בענטשנ אייסאָוונ. יאנקעוו איז גלייכ אפ דעמ איינגעגאנגענ, האָט זיכ פאר־מאסקירט, אונ אימ האָט זיכ איינגעגעבנ אָפּצונארנ איצכאָקנ אונ אויס־נארנ בא אימ די בראָכעס, וואָס זיינענ געווענ באשטימט פאר אייסאָוונ.

א מוסטער פונ א פאָטער: איצכאָק אָווינו, וואָס האָט ליב זיינ זונ, ווייל ער האָט ליב געהאט א געשמאק שטיקל געפאנגענעמ אָפּ, וואָס דער זונ פלעגט אימ ברענגענ.

א מוסטער פונ א מוטער: די צנועה ריווקע, וואָס נארט אָפּ דעמ אלטנ מאנ אונ רייצט איינ זונ אפנ צווייטנ.

א מוסטער פונ ברידערלעכע באציונגענ: יאנקעוו אָווינו, וואָס גוצט אויס די מידקייט אונ דעמ הונגער פונ זיינ ברודער, וואָס נארט אָפּ זיינ פאָטער אונ באשווינדלט זיינ ברודער.

אָט בא וועמענ די גלויבנדיקע לערנענ זיכ מאָראלישע פאמיליענ־פארהעלטנישנ.

אונ וואָס זיינענ די בראָכעס, מיט וועלכע דער אלטער איצכאָק בענטשט זיינ זונ?—„זאָלנ דיר דינענ פעלקער אונ בוקנ זאָלנ זיכ פאר דיר קעניגרייכנ, זיי א האר איבער דיינע ברידער אונ קניענ פאר דיר זאָלנ די קינדער פונ דיינ מוטער".

פעלקער־סינע, פעלקער־קנעכטשאפט, הערשאפט פונ איינ מענטשנ איבער דעמ צווייטנ, פונ איינ פאָלק איבערנ אנדערנ—אָט איז די מאָראל פונ איצכאָק אָווינו.

נאָכ א מוסטער פונ מענטשנ־ליבע, פונ גערעכטיקייט, פונ גלייכהייט קאָנ דינענ יויסעפ האצאדיק.

א הונגער איז געווענ אינ מיצראימ,—דערציילט דער כומעש. „אונ עס איז ניט געווענ קיינ ברויט איבערנ גאנצנ לאנד, ווייל דער הונגער האָט זיכ זייער פארשטארקט אונ עס זיינענ אויסגעגאנגענ פונ הונגער דאָס לאנד מיצראימ אונ דאָס לאנד קנאאנ. יויסעפ האָט צוזאמענגעקליבנ דאָס גאנצע זילבער, וואָס איז געווענ אינעמ לאנד מיצראימ אונ אינעמ לאנד קנאאנ פארנ ברויט, וואָס ער האָט פארקויפט, אונ דאָס זילבער האָט ער געבראכט אינ הויז פונ פארע. האָט זיכ אויסגעלאָזנ זילבער אינעמ לאנד מיצראימ אונ לאנד קנאאנ. זיינענ געקומענ אלע מיצרים

צו יויסעפן און האָבן געזאָגט: גיב אונדז ברויט; זאָלן מיר דען שטארבן פאר דיר, ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזן בא אונדז זילבער? האָט יויסעף געזאָגט: ברענגט צו פירן אייער פי, וועל איך אייך געבן ברויט פאר אייער פי, אויב עס האָט זיך אויסגעלאָזן אייער זילבער. האָבן זיי געבראכט זייער פי צו יויסעפן, האָט זיי יויסעף געגעבן ברויט פאר זייערע פערד, פאר די טשערעדעס קליין־פי, פאר די רינדער־טשערעדעס און פאר די אייזלען. האָט זיי יויסעף באזאָרגט מיט ברויט אין יענעם יאָר פאר זייער גאנצן פי. איז פארביי דערדאָזיקער יאָר. זיינען זיי צו אים געקומען אפן אנדערן יאָר און האָבן אים געזאָגט: מיר וועלן ניט לייקענען פאר אונדזער האר — עס האָט זיך אויסגעלאָזן דאָס זילבער און די פי בא אונדז. עס איז בא אונדז גאָרניט געבליבן פאר אונדזער האר, ווי בלויז אונדזערע לייבער און אונדזער ערד. זאָלן מיר דען אומקומען פאר דיינע אויגן — מיר און אונדזער ערד? קויף אונדז און אונדזער ערד פארן ברויט, און מיר און אונדזער ערד וועלן זיין קנעכט בא פארען; גיב אונדז זריע, מיר זאָלן לעבן און ניט שטארבן, און די ערד זאָל ניט וויסטעווען. האָט יויסעף אופגעקויפט די גאנצע ערד פון מיצראַים פאר פארען, ווייל אלע מיצרים האָבן פארקויפט זייער ערד איבערן שטארקן הונגער. און די ערד איז איבערגעגאנגען צו פארען. און דאָס פאָלק האָט ער געמאכט פאר קנעכט פון איין עק מיצראַים ביזן צווייטן". (בערײשיס, מ"ז).

אָט דאָס איז א צאדיק לויט דער טוירע! אויסנוצן דעם הונגער פון לאנד, פארוואנדלען א גאנץ פאָלק אין קנעכט — קען דען זיין א גרעסערע רעכטפארטיקייט, א מער דערהויבענע מאָראל? יאָ, בא אזא צאדיק מעג זיך לערנען יעדער פאָרעץ, יעדער באלעגופ אויך בא היינטיקן טאָג. פאר זיי קאָן די ביבל זיין א בוך פון „אייביקער" מאָראל!

ווי באגייט מען זיך מיט קינדער? לערנט זיך בא גאָטס דינער, באם הייליקן מענטשן — דעם נאָווי עלישאָ. „און ער — דער נאָווי עלישאָ — איז אוועק קיין בייסייל. ווען ער איז געגאנגען אין וועג, זיינען קליינע קינדער ארויס פון שטאָט, האָבן געלאכט פון אים און האָבן געשריען: גיי פליעכוואטער! גיי פליעכוואטער! האָט

זיך עלישאָ אומגעקוקט, און האָט זיי געשאָלטן אין גאָטס נאָמען. זיינען ארויס פון וואלד צוויי בערן און האָבן צעריסן צוויי און פערציק קינדער". (מלאָכים ב. ב׳) — אָט ווי מע דארף זיך באגיין מיט קינדער־שטיפער לויט דער „אייביקער" מאָראל פון דער טוירע.

די מאָראל פון די הערשנדיקע קלאסן

די הערשנדיקע קלאסן, וואָס לעבן פון עקספּלואטאציע און רויב, זיינען פאראינטערעסירט אין דעם, אז די טוירע זאָל גערעכנט ווערן פארן קוואל פון העכסטער מאָראל. זיי דערקלערן, אז די מאָראל גופא איז פון געטלעכער אָפּשטאמונג: באַם באשאפן דעם מענטשן האָט דער ריבוינעשעלוילעם אריינגעבלאָזן אין אים די שטרעבונג צו גוטס דעם באגריף גוטס. גאָט האָט באזעצט אין דעם מענטשנס הארצן דעם יעיצער־טויוו און דעם יעיצער־האָרע און האָט אים, דעם מענטשן, געגעבן די ברייִרע (דעם אויסוואל) צו פאָלגן דעם יעיצער־טויוו (דעם מאלעך פון גוטס) אָדער דעם יעיצער־האָרע (דעם מאלעך פון שלעכטס). די גוטס אליין איז פון געטלעכער אָפּשטאמונג; און די שלעכטס איז פון דער „סיטרע־אַכרע", פון טייוול. וואָס איז גוטס און וואָס איז שלעכטס — האָט גאָט אליין באשטימט אין זיין „הייליקער" טוירע.

„האָבן ליב דעם נאָענטן ווי זיך אליין" — דערקלערן די הערשנדיקע קלאסן פאר א געזעץ פון דער טוירע, און טייטשן עס אויס אף זייער אויפן. דעריבער טאָרט איר, אונטערדריקטע, ניט אויפשטיין קעגן אייערע אונטערדריקער, ווייל גאָט אליין האָט איינגעשטעלט דעם סיידער פון דער וועלט, ער האָט אזוי געוואָלט, אז אף דער וועלט זאָלן זיין אָרעמע און רייכע, הערשער און באהערשטע, און דעריבער דארף זיך דער מענטש ניט ווערן קעגן גאָטס וועלט־סיידער. פילט אויס דער האר גאָטס ווילן און הערשט, דארף אויך דער אונטערדריקטער אויספילן גאָטס ווילן און לאָזן זיך אונטערדריקן. ווערן זיך קעגן דער אונטער־דריקונג, אויפשטיין מיט געווער קעגן דעם האר, קעגן דעם אונטערדרי־קער איז קעגן גאָטס ווילן, איז אנטימאָראליש. „זאָלסט ניט געלוסטן דאָס הויז פון דיין נאָענטן", „זאָלסט ניט גאנווענען", ווייל גאָט האָט

אזוי גענבאָטן. פאר די, וואָס שטרעבן צו פאַרייביקן דאָס אייגנטום פאר די הערשנדיקע קלאסן איז עס אַן אויסגעצייכנטער געבאָט.

„הארגע ניט“, און דעריבער מאַכ קיין רעוואָליוציע ניט. די רעוואָ־ ליוציע איז ניט מאָראליש.

הארגענען איז אומאָראליש, איז קעגן גאָטס געבאָט, איז דערווידער דער אייביקער מאָראל, וואָס גאָט האָט אין דעם מענטשן פאַרפלאַנצט — טייַנען די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע, און דעריבער...

ווערן געהארגעט מיליאָנען מענטשן אין אימפּעריאַליסטישע מילכאָמעס.

ווערן דערשאָסן, דערשטאָכן, דערשטיקט מיליאָנען כינעזער, אינדיאַנער, רעוואָליוציאָנערע ארבעטער און פויערים, נאָר דערפאר, ווייל זיי ווילן זיין פריי, ווייל זיי ווילן לעבן ווי מענטשן.

אין נאָמען פון גערעכטיקייט זיינען אומגעבראַכט אַפן עלעקטרישן טויט־שטול סאקאָ און וואַנצעטי.

אונטערן שוץ פון „אייביקער“ מאָראל הונגערן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, גייען זיי אום נאַקעט און באָרוועס, דאַן, ווען די פאבריק־ לאַגערן זיינען איבערגעפילט מיט סכוירעס.

די גנעדיקע פאבריקאַנטן פילן אויס גאָטס געבאָט און גיבן „צדאָקע“ די הונגעריקע, און... ווארפן ארויס אַפן גאַס טויזנטער נאָך טויזנטער ארבעטער, רעכענען זיך אָפּ דורך שווערד, פייער און טורמעס מיט די שטרייקנדיקע און פארמישפּעטן אַפּ עלנד און נויט מיליאָנען.

טויטן אַפּ אַ מילכאָמע איז ניט דערווידער גאָטס טוירע, ווייל די טוירע אַליין דערציילט, ווי גאָט האָט געהאָלפן זיינע אויסדערווײלטע מילכאָמע צו האלטן, הארגענען, פארטיליקן די פיינט פון גרויס ביז קליין.

טויטן געפאַנגענע האָט זיך גערעכנט פאר ניט מאָראליש, קאָלוּמאַן מע האָט מילכאָמע געהאלטן ניט מיט קיין קאָמוניסטן. געפאנגענע קאָמוניסטן מעג מען אָבער הארגענען. אזוי האָבן געפאַסקנט יודעניטש, וראַנגעל, קאָלטשאַק, די ענגלישע, פראַנצויזישע אָפיצערן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. קאָמוניסטן — געפאנגענע מעג מען הארגענען, ווייל זיי זיינען די אנטשיידנסטע קלאסן־סאָנים, ווייל זיי

טראָגנ מיט זיכ די באצילג פונ רעוואָליוציאָנערנ קלאסנקאמפ אונ קאָנענ נאָכ אָנשטעקנ מיטנ שעדלעכנ רעוואָליוציאָנערנ גייסט די אר־בעטער אונ פויערימ פונ דעמ סוינעס ארמיי.

אינ גאָטס נאָמענ, אינ נאָמענ פונ אייביקער מאָראל, האָט די אינדוסטריעלע בורזשואזיע אויסגעראָטנ מיליאָנענ מענטשנ אינעמ אימפעריאליסטישנ קריג אונ זעצט פאָר איר הייליקע ארבעט אויכ איצט. „גאָט איז מיט אונדז“ — איז דער אויפשריפט געווענ אפ דער דייטשישער קריגס־פאָנ, „С нами бог!“ — אפ דער רוסישער אונ אפ די אנטשפּרעכנדיקע לעשוינעס בא די אנדערע רויבער.

אינ נאָמענ פונ גאָט האָבנ די יידנ אינ אלטערטומ אומגעבראכט פעלקער—פונ קליינ ביז גרויס.

אינ נאָמענ פונ גאָט האָט די קאטוילישע אינקוויזיציע אומגעבראכט אינ פייער 9 מיליאָנ מענטשנ. בלויז אינ שפאניע זיינענ אומגעבראכט געוואָרנ 345.626 מענטשנ פאר די יאָרנ 1481—1418.

אָט דאָס איז דער פיירעש, וואָס די הערשנדיקע קלאסנ גיבנ דורכ בלוטיקע פאקטנ צו זייער באהויפטונג, אז אָנ דעמ גלויבנ אינ גאָט איז אוממעגלעכ א מאָראלישע מענטשהייט.

אזוי זעט אויס די מאָראלישקייט פונ די הערשנדיקע קלאסנ.

לעני נ.

וועגנ קאָמוניסטישער מאָראל

(אנ אויסצוג פונ דער רעדע אפנ 3־טנ צוזאמענפאָר פונ אללקי״ם. אינ 1920 יאָר).

איז פאראנ קאָמוניסטישע מאָראל?

פארשטייט זיכ, פאראנ. אָפטמאָל שטעלט מענ דעמ איניענ אזוי פאָר, אז מיר האָבנ ניט קיינ אייגענע מאָראל, אונ זייער אָפט באשול־דיקט אונדז די בורזשואזיע אינ דעמ, אז מיר, קאָמוניסטנ, לייקענענ יעדע מאָראל. דאָס איז א מעטאָד פונ שיטנ זאמד אינ די אויגנ פונ די ארבעטער אונ פויערימ.

אינ וואָס פאר א זינענ לייקענענ מיר די מאָראַל, לייקענענ מיר זיטלעכקייט?

אינ דעמ זינענ, ווי ס'האָט זיי געפּריידיקט די בורזשואַזיע, וואָס האָט דידאָזיקע זיטלעכקייט באַגרינדעט אפ גאָטס באַפעלנ. מיקוייעכ דעמ זאָגנ מיר, פאַרשטייט זיכ, אז מיר גלויבנ ניט אינ גאָט, אז מיר ווייסנ זייער גוט, אז אינ נאָמענ פונ גאָט האָבנ גערעדט די גייסטלעכע (קלייקוידעש), האָבנ גערעדט די פריצימ, האָט גערעדט די בורזשואַזיע, קעדיי דורכפירנ אירע עקספּלואַטאַטאָרישע אינטערעסנ. מיר ווייסנ, אז זיי האָבנ דידאָזיקע מאָראַל אַרויסגעפירט אָדער פונ גאָטס באַפעלנ, אָדער פונ אידעאַליסטישע אונ האַלב אידעאַליסטישע פראַזנ, וואָס זייער סאַכאַקל איז קעסיידער געווענ זייער ענלעכ צו גאָטס באַפעלנ.

יעדע זיטלעכקייט פונ אזא מינ, וואָס איז גענומענ פונ אויסער־מענטשלעכנ, אויסער־קלאַסנ־באַגריפ, לייקענענ מיר. מיר זאָגנ, אז ס'איז א ליגנ, אז ס'איז שווינדל, אז מע וויל פאַרשטאָפּנ די קעפּ פונ אַרבעטער אונ פּויערימ צוליב די אינטערעסנ פונ פריצימ אונ קאַפּי־טאַליסטנ.

מיר זאָגנ, אז אונדזער זיטלעכקייט (עטיק) איז פולשטענדיק אונטער־געוואָרפנ די אינטערעסנ פונ פּראָלעטאַרישנ קלאַסנקאַמפ. אונדזער עטיק ווערט אַרויסגעפירט פונ די אינטערעסנ פונ פּראָלעטאַרישנ קלאַסנ־קאַמפ.

די אַלטע געזעלשאַפט איז געווענ געבויט אפ דעמ, אז פריצימ אונ קאַפּיטאַליסטנ האָבנ אונטערדריקט אַלע אַרבעטער אונ פּויערימ. מיר האָבנ געדאַרפט דידאָזיקע געזעלשאַפט כאָרעוו מאַכנ, די אונטער־דריקער אַראָפּשליידערנ, — אָבער צוליב דעמ איז געווענ נייטיק א פאַראייניקונג. גאָטעניו וועט אזא פאַראייניקונג ניט שאַפנ.

אזא פאַראייניקונג האָבנ געקאָנט געבנ בלויז פאַבריקנ, זאַוואָדנ, בלויז דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז געלערנט, וואָס האָט דערוואַכט פונ זיינ אַלטנ שלאָפ. ערשט דעמאָלט, ווענ דערדאָזיקער קלאַס האָט זיכ געבילדעט, דעמאָלט האָט זיכ אָנגעהויבנ א מאַסנ־באַוועגונג אונ האָט געבראַכט צו דעמ, וואָס מיר זעענ איצט: צומ ניצאָכנ פונ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אינ איינעמ פונ די שוואַכסטע לענדער, וואָס

קעמפט דריי יאָר נאָכאַנאַנד קעגנ דער אָנגרייפנדיקער אַלוועלטלעכער בורזשואַזיע.

ס'איז ניט שווער געווענ אַראָפּוואַרפנ דעמ קייסער,—ס'איז דערצו נייטיק געווענ עטלעכע טעג. ניט זייער שווער איז געווענ פאַרטרייבנ די פּריצים,—דאָס האָט מענ געקאָנט מאַכנ אינ עטלעכע כאָדאָשים, ניט זייער שווער איז פאַרטרייבנ אויכ די קאַפּיטאַליסטנ. אָבער פאַרניכטנ קלאַסנ איז אָנ אָנ ערעכ שווערער. ס'איז נאָכ אַלצ געבליבנ די פאַ־נאַנדערטיילונג אַפ אַרבעטער אונ פויערים. אויב דער פויער זיצט אַפ אַ באַזונדער שטיקל ערד אונ נעמט זיכ דאָס איבעריקע ברויט, דאָס הייסט אַזאַ ברויט, וואָס איז ניט נייטיק ניט אים, ניט זיינ בעהיימע, אונ אַלע איבעריקע בלייבנ אָנ ברויט, ווערט שוינ דער פויער אַליינ אַנ עקספּלואַטאַטער. וואָס מער ברויט ער לאָזט זיכ, אַלצ מער לוינט עס אים, אונ אַנדערע מעגנ הונגערנ: „וואָס מער זיי הונגערנ, אַלצ פאַר אַ בעסערנ מעקעכ וועל איכ פאַרקויפנ דעמ ברויט".

מע דאַרפ, אַז אַלע זאָלנ אַרבעטנ לויט איינ געמיינזאַמענ פּלאַנ אַפ געמיינזאַמער ערד, אַפ געמיינזאַמע פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, לויט אַ געמיינזאַמענ סיידער. איז דאָס גרינג איינשטעלנ? איר זעט, אַז דאָס קאָנ מענ ניט דערגרייכנ אַזוי לייכט, ווי פאַרטרייבנ דעמ קייסער, די פּריצימ אונ די קאַפּיטאַליסטנ. דאָ איז נייטיק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל איבערדערציענ, איבערלערנענ אַ טייל פויערימ, אַריבערציענ צו זיכ יענע, וואָס זיינענ אַרבעטנדיקע פויערים, קעדיי צעברעכנ דעמ ווי־דערשטאַנד פונ די רייכע פויערים, וואָס באַרייכערנ זיכ אַפ דער נויט פונ די איבעריקע.

הייסט עס, אַז די אויפגאַבע פונ פּראָלעטאַרישנ קאַמפ איז נאָכ ניט פאַרענדיקט דערמיט, וואָס מיר האָבנ אַראָפּגעוואָרפנ דעמ קייסער, די פּריצימ אונ די קאַפּיטאַליסטנ. אונ אינ דעמ באַשטייט דאָכ די אויפגאַבע פונ יענער אָרדענונג, וועלכע מיר רופנ אָנ דיקטאַטור פונעמ פּראָלע־טאַריאַט.

דער קלאַסנקאַמפ דויערט; ער האָט נאָר אומגעביטנ זיינע פאָרמענ. דאָס איז דער פּראָלעטאַרישער קלאַסנקאַמפ פאַר דעמ, ס'זאָלנ ניט קאָ־נענ קומענ די אַלטע עקספּלואַטאַטערנ; פאַר דעמ, ס'זאָל זיכ פאַראייניקנ

די צעבראָקלטע מאַסע פונ פינצטערנ פויערטום אינ איינ בונד. דער קלאַסנקאַמפ דויערט, אונ אונדזער אופגאַבע איז אונטערוואַרפנ אַלצ די אינטערעסנ פונ דעמדאָזיקנ קאַמפ.

אונ מיר וואַרפנ אונטער אונדזער קאָמוניסטישע עטיק דעמדאָזיקער אופגאַבע. מיר זאָגנ: עטיק איז דאָס, וואָס דינט צו צעשטערנ די אַלטע עקספּלואַטאַטאָרישע געזעלשאַפט, אונ צו פאַראייניקנ אַלע אַרבעטנדיקע אַרומ דעמ פּראָלעטאַריאַט, וואָס באַשאַפט אַ נייע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט.

קאָמוניסטישע עטיק איז יענע, וואָס דינט דעמדאָזיקנ קאַמפ, וואָס פאַראייניקט די אַרבעטנדיקע קעגנ יעדע עקספּלואַטאַציע, קעגנ יעדנ קליינייגנטום, ווייל דאָס קליינייגנטום גיט אינ די הענט פונ איינ פאַרשוינ דאָס, וואָס איז באַשאַפנ דורכ דער אַרבעט אַפ דער גאַנצער געזעלשאַפט.

די אַלטע געזעלשאַפט איז געווענ געגרינדעט אַפ דעמ קלאַל, אַז אָדער דו באַרויבסט עמעצנ, אָדער עמעצער באַרויבט דיכ; אָדער דו אַרבעטסט אַפ יענעמ, אָדער יענער אַרבעט אַפ דיר; אָדער דו ביסט אַ שקלאַפנבאַזיצער, אָדער אַ שקלאַפ. אונ ס'איז פאַרשטענדלעכ, אַז מענטשנ, דערצויגענע אינ דערדאָזיקער געזעלשאַפט, נעמענ אופ, קאָנ מענ זאָגנ, מיט דער מאַמעס מילכ די פּסיכאָלאָגיע, די געוווינהייט, דעמ באַגריפ: אָדער באַזיצנ קנעכט, אָדער זיינ אַ קנעכט; אָדער זיינ אַ קליינ-אייגנטימער, אַ קליינ־אָנגעשטעלטער, קליינ־באַאַמטער, אינטעליגענט, וואָס זאָרגט נאָר וועגנ דעמ, ער זאָל האָבנ זיינס, אונ פאַר יענעמ אַרט אימ ניט.

אויב איכ באַלעבאַטעווע אַפ דעמדאָזיקנ שטיקל ערד, איז גייענ מיכ מענטשנ ניט אָנ; אויב יענער וועט הונגערנ, איז טאַקע גוט—כ'וועל טייערער פאַרקויפנ מיינ ברויט. אויב איכ האָב מיינ ערטל, ווי אַ דאָקטער, אַ אינזשענער, אַ לערער, אַנ אָנגעשטעלטער,—איז ניט מיינ אייסעק, וואָס טוט זיכ מיט יענעמ.

עפּשער וועל איכ דורכ צוויעס, דורכ כניפע פאַר די מאַכטהאָבער אָפּהיטנ מיינ ערטל, אונ עפּשער טאַקע דורכשלאָגנ זיכ, ווערנ אַ בורזשוא, אַזאַ פּסיכאָלאָגיע אונ אַזאַ שטימונג טאָר ניט זיינ באַ קיינ קאָמוניסט.

װענ די ארבעטער אונ פויערים האָבנ דערוויזנ, אז מיר קאָנענ מיט אייגענער קראפט פארטיידיקנ זיכ אונ באשאפנ א נייע אָרדענונג,—אָט דאָ האָט זיכ אָנגעהויבנ די נייע קאָמוניסטישע דערציִונג, א דערציִונג אינ קאמפ קעגנ עקספלואטאטערנ, א דערציִונג אינ בונד מיטנ ארבעטער־קלאס קעגנ עגאָיסטנ אונ קליינ־אייגנטימער, קעגנ יענער פסיכאָלאָגיע אונ יענע געוווינהייטנ, וואָס מיינענ: כ'דארפ מיינ פארנאָסע, אונ דאָס איבעריקע גייט מיכ ניט אָנ.

אָט אינ וואָס עס באשטייט דער ענטפער אפ דער פראגע, ווי אזוי דארפ זיכ לערנענ דעמ קאָמוניזמ דער יונגער אויסוואקסנדיקער דאָר.

ער קאָנ לערנענ זיכ דעמ קאָמוניזמ, בלויז צונויפבינדנדיק יעדנ טריט פונ זיינ לערנענ זיכ, פונ זיינ דערציִונג אונ בילדונג מיט אומופהערלעכנ קאמפ פונ פראָלעטאריער אונ ארבעטנדיקע קעגנ דער אלטער עקספלואטאטאָרישער געזעלשאפט.

בעשאס מע רעדט אונדז וועגנ עטיק, זאָגנ מיר: פאר א קאָמוניסט באשטייט די גאנצע עטיק אינ אָט דער באהעפטער סאָלידארישער דיסציפלינ, אינ באוווסטזיניקנ מאסנ־קאמפ קעגנ די עקספלואטאטערנ. מיר גלויבנ ניט אינ אייביקער עטיק, מיר דעקנ אויכ די ליגנערישקייט פונ אלע באָבע־מייסעס וועגנ אזא עטיק.

די עטיק דינט צוליב דעמ, די מענטשלעכע געזעלשאפט זאָל זיכ אויפהויבנ העכער, זי זאָל פאָטער ווערנ פונ ארבעט־עקספלואטאציע.

אינ גרונט פונ קאָמוניסטישער עטיק ליגט דער קאמפ פאר באפעסטיקנ אונ דערבויענ דעמ קאָמוניזמ. אָט אינ וואָס עס באשטייט אויכ דער גרונט פונ קאָמוניסטישער דערציִונג, בילדונג אונ לימעד”.

II. רעליגיע אונ קאמפ קעגנ דער וויסנשאפט

וו. פריטשע

דזשאָרדאנאָ ברונאָ

העכער 350 יאָר צוריק (אינ 1548 יאָר) איז אינ איטאליע בא אָרימע עלטערנ געבאָרנ געוואָרנ א יינגל פיליפ ברונאָ.

יונגערהייט טרעט ברונאָ אריינ אינ מאָנאסטיר. דאָרטנ בייט ער זיינ נאָמענ אפ דזשאָרדאנאָ. דער מאָנאסטיר גיט אים די מעגלעכקייט פארנעמענ זיכ מיט וויסנשאפט. 12 יאָר איז ברונאָ געוועננ אינ מאָנאסטיר. פאר דער צייט האָט ער זייער פיל געלערנט, זייער פיל וויסנשאפט באקומענ. דאָרטנ האָט ער זיינע ערשטע ווערק אָנגעשריבנ.

דער יונגער מאָנאכ האָט אָבער געהאט די האָזע צו טראכטנ אנדערש, ווי עס איז געוועננ אָנגענומענ אינ יענער צייט, אנדערש, ווי די רעליגיע האָט דערלויבט. מע באשולדיקט אים אינ אפיקאָרסישקייט אונ מע הויבט אים אָנ צו רודפנ.

ברונאָ נאנטלויפט זיכ ארויס פונ מאָנאסטיר אונ פאָרט אריבער אינ רוים. אָבער אויכ אינ רוים שטייט פאר אים א גרויסע סאקאָנע. ער ווארפט פונ זיכ אראָפ זיינע מאָנארכישע קליידער אונ באהאלט זיכ אויס א ביסל צייט אינ גענוע. פונ דאמאָלט אָנ הויבט ברונאָ אָנ צו וואנדערנ פונ שטאָט צו שטאָט, פונ לאנד צו לאנד. אומעטום, ווו ער קומט פארשפרייט ער זיינ וויסנשאפט. פאלט אָנ אפ די קאטוילישע קירכע. ער דערווייזט, אז די פאָרשטייער פונ דער קירכע גלויבנ אליינ גיט אינ דעם, וואָס זיי פראָפאגאנדירנ, אז זיי נוצנ אויס די רעליגיע

אום איינהאלטן די באפעלקערונג אין דער פינצטערניש, קעדיי זי אמ־
בעסטן אויסנוצן צוליב זייערע פערזענלעכע אינטערעסן.
לאנג האָט געוואנדערט ברונאָ; ער האָט זיך אָבער שטארק פאר־

דזשאָרדאנאָ ברונאָ

בענקט נאָך איטאליע און אין 1592 יאָר קערט ער זיך אום אין ווענע־
ציע. זיינע פריינט האָט זייער באומרויקט זיין אומקערן זיך און ניט
אומזיסט. אין דעמזעלבן 1592 יאָר האָט זיך געפונען א פאסקודניק,

וועלכער האָט פארמאסערט ברונאָ. מע ארעסטירט אים און מע ווארפט אימ אריינ אינ א טפיסע.

ברונאָ טיינעט די גאנצע צייט, אז ער וויל ניט און קאָנ זיכ ניט אָפזאָגנ פונ זיינע מיינונגען.

20־טנ יאנוואר 1600 יאָר קומט פאָר די לעצטע זיצונג פונ געריכט איבער אימ און 3־טנ פעווראל האָט מענ אימ איבערגעלייענט דעמ פסאק־דינ, אז ער ווערט אויסגעשלאָסנ פונ דער קירכע און ווערט איבערגעגעבנ אינ די הענט פונ דער בירגערלעכער מאכט, וועלכע דארפ אימ פארברענענ אפנ פייער־שייטער. ברונאָ הערט רויִק אויס דעמ פסאק, הויבט שטאָלצ אופ דעמ קאָפ און ווענדעט זיכ צו זיינע ריכטער: „בא מיר איז פאראנ א כשאד, אז איר טראָגט ארויס דעמ באשלוס מיט מער שרעק, איידער איכ הער אימ אויס".

אפנ 12־טנ פעווראל איז באשטימט געוואָרנ אויספירנ דעמ טויט־אורטייל, מע לייגט עס אָבער אָפ, האָפנענדיק, אז ברונאָ וועט זיכ אונטערגעבנ און וועט זיכ אָפזאָגנ פונ זיינע אפיקאָרסישע געדאנקענ. אָבער אלע האָפענונגענ לאָזנ זיכ אויס מיט גאָרנישט.

עס קומט אָנ דער פרילינג פונ 1600־טנ יאָר. דער בלויער הימל באַלייכט די שטאָט רוימ. עס הערט זיכ דער געזאנג פונ די פויגעלעכ. אינ לופט שמעקט מיט בלומענ און אפ איינעמ פונ די רוימישע פלעצער שטייט א טויזנטקעפיקער אוילעמ און ווארט אפ עפעס.

עס באווייזנ זיכ פאנאנדערגעוויקלטע כאָרוגוועס, די קלאנגענ פונ די גלעקער פארפילנ די פרילינג־לופט. אפנ מיטנ פלאצ לייגט מענ פאנאנדער האָלצ און טרוקענע צווייגנ. ארומ דעמ שייטער שטייענ מענער, פרויענ, קינדער, מיליטער־לייט, מאָנאכנ און אנדערע. מיטאמאָל הויבט די מאסע זיכ אָנ צו באוועגנ... יעדערער באמיט זיכ ארויסרוקנ זיכ פאָרויס, יעדערער וויל אָנקוקנ דעמ ווונדער. פונ דער גאס קומענ אָנ גאלאָכימ; אָנגעטאָנ אינ די הייליקע קליידער טראָגנ זיי א גרויסנ קרייצ—דער סימוואָל פונ ליבע און בארעמהערציקייט. עס הערט זיכ דער קלאנג פונ די קייטנ... אָט פירט מענ ברונאָ צומ שייטער, מע בינדט אימ צו מיט די קייטנ צומ סלופ און מע צינדט אונטער דעמ שייטער. די טרוקענע האָלצ צעפלאקערט זיכ, דער לייכטער פרילינג־

ווינטל צעבלאָזט דעמ פלאמ אונ געל־שווארצע פייער־צינגער הויבט
זיכ אופ אלצ העכער אונ כאפנ ארומ דזשארדאנאָ ברונאָ...
ברונאָ שווייגט: קיינ געשריי, קיינ זיפצ רייסט זיכ ניט ארויס פונ זיינע



דער קאמפ פונ דער קירכע קעגנ דער וויסנשאפט. דאָס פארברענענ דזשאָרדאנאָ ברונאָ.

ליפנ, ער הויבט נאָר העכער אופ זיינ קאָפ אונ זיינע שיינע פארכאָ־
לעמטע אויגנ צומ לעצטנ מאָל קוקנ ארייננ אינ דער טיפעניש פונ דעמ
פרילינג־הימל. שווארצע וואָלקנס רויכ כאפנ געדיכט ארומ דזשאָרדאנאָ
ברונאָ אונ פארבאהאלטנ אימ אפ אייביק סיי פונ זיינע סאָנימ, סיי פונ
זיינע פריינט.

עס איז אַרבײ קאמאט 300 יאָר. דעם 9־טנ יוני 1889 יאָר איז דערזעלביקער שטאָט רוים, אפנ זעלביקנ פּלאַץ, װו מע האָט פאר־ברענט ברונאָ, באַװעגט זיכ װידער א טױזנטקעפּיקער אױלעם, אָנגעטאָנ אינ יאָנטעװדיקע קלײדער, איבער די קעפּ פונ דעם אױלעם דערהױבט זיכ א גרױסע בראָנד־סטאטוע דזשאָרדזשאָ ברונאָ. דאָס עפנט מענ א דענקמאָל דעם גרױסנ מארטירער פונ דער װיסנשאפט. דאָס מאָל הערט זיכ ניט קײנ גלעקער־קלאַנג. די קלױסטערס זײנענ פארמאכט. פול געבײדעס זײנענ מיט טרױער באַדעקט.

די קאטױלישע מאָנאכנ פילנ זיכ ניט גוט, אונ זײ האָבנ טונ װאָס פו זײנ אומעטיק, זײ דארפנ מיט אַש דעם קאָפּ באַשיטנ אונ װענדנדי־זיכ צו ברוגאָס דענקמאָל זאָגנ: „דו האָסט באַזיגט". *).

„די װיסנשאפטלעכע פאָרשטעלונג װעגנ דער װעלט אונ איר אנטװיקלונג לאָזט ניט איבער קײנ שום אָרט פאר א באַשעפער אונ הימלשער רעגירער". (ענגלס).

װ. פריטשע.

גאלילײ

דאָס איז געשענ מיט 300 יאָר צוריק אינ איטאליע.

פרימאָרגנ. אינ א רײכ באַפוצטנ צימער באַם פענצטער, אינ א הױכנ פאטעל איז געזעסנ א דארער אלטער, אָנגעטאָנ אינ א הײליקער רײכער ריזע. זײנ געזיכט האָט אױסגעזענ געל, אָנ סימאָנימ פונ לעבנ. זײנע

*) דזשאָרדאנאָ ברונאָ, אפנ גרונט פונ קאָפּערניקס לערע, האָט צעשטערט די „װענט פונ דער װעלט". ער האָט דערקלערט אז די װעלט איז אומענדלעכ. ער האָט געגעבנ אזא פאָרשטעלונג װעגנ דער װעלט, װאָס אינ אירע גרונט־שטריכנ פאַלט זי צונױפ מיט אונדזער הײנטיקער פאָרשטעלונג װעגנ דער װעלט. ער האָט אױסגעלאכט די טעאָריע, אז גאָט האָט, קלומערשט, באַשאפנ די װעלט לױט א געװיסנ פּלאַנ, אז ער זעט פאָרױס, װאָס עס װעט פאָרקומענ, אונ אז ער מישט זיכ אינ אלע דעטאלנ פונעמ לעבנ אפ דער װעלט. (דער איבערזעצער)

האלב פארמאכטע אויגנ האָבנ געקוקט ארױפ. אומקעגנ אים איז מיט דערעכעטעצ געשטאנענ א יונגער מאנ, געקליידעט ווי א מאָנאכ, מיט כיטרע באוועגלעכע אויגנ.

זיי ביידע האָבנ געהערט צו דער אינקוויזיציע, וועלכע האָט געדארפט אכטונג געבנ, אז קיינער זאָל ניט ארויסזאָגנ אזעלכע געדאנקענ, וואָס ווידערשפרעכנ דער לערע פונ דער רוימישער קירכע.



גאליליי

— איר האָט מיר וואָס איבערצוגעבנ? האָט דער אלטער געפרעגט ניט אופהויבנדיק די אויגנ.

— יאָ, הייליקער פאָטער.

— איכ הער. וועגנ וואָס האנדלט זיכ?

— הייליקער פאָטער, ביז אהער האָבנ מיר קריסטנ, געגלויבט, אז די ערד שטייט אפ אנ אָרט, אונ די זונ באוועגט זיכ ארומ איר, אזוי האָט אונדז געלערנט די הייליקע רוימישע קירכע.

— נו, געוויס, ווער דענ צווייפלט אינ דעמ?

— הייליקער פאָטער, גיט א קוק אפ דאָס ביכל.—דער מאָנאכ האָט דערביי דערלאנגט דעמ אלטנ א קליינ ביכל.—אינ דעמ ביכל־האָט ער פאָרגעזעצט־איז געשריבנ פונקט פארקערט, אז די ערד דרייט זיכ ארומ דער זונ.

די אויגנ פונ אלטנ האָבנ זיכ אָנגעצונדנ מיט א בייזנ פייער:

— וואָס הייסט, דאָס איז דאָכ אפיקאָרסיש. ווער האָט געהאט די העזע אָפדרוקנ אזא ביכל?

דער מאָנאכ שווייגט.

— די ערד דרייט זיכ, כא ,כא, כא... לאכט ביין דער אלטער.—

אויף זי דרייט זיך, דאַרף דאָך זיין אַזעלכער, וואָס זאָל איר קאָנען באַ־וועגן. ווער קאָן עס זיין, געוויס א מאַלעך. איז וועג דער מאַלעך זאָל זיך געפינען פון אויבן אפּ דער ערד וואָלטן מיר דאָך אים געזען און אין דער טיפעניש פון דער ערד קאָן ער דאָך ניט זיין, ווייל די רוימישע קירכע לערנט אונדז, אז דאָרטן געפינען זיך נאָר בייזע גייסטער. ווער האָט דאָס געהאט די האָזע אָנשרייבן אזא זאַך?

— גאַלילייַ, גאַליליי, היילקער פּאָטער.

— וואָס? דער פּראָפעסער פון פּאַדזער אוניווערסיטעט?

— יאָ.

— נו, עפּשער לוינט ניט מאַכן קיין טומל איבער דעמדאָזיקן ביכל, עפּשער וועט אים קיינער ניט לייענען? האָט א פרעג געטאָן דער אלטער.

— צום פּאַדויערן, ווייסט שוין וועגן דעם די גאַנצע וועלט. טויזנטער מענטשן פון אַלע עקן אייראָפּע קומען צו גאַליליי לערנען זיך. קיינער גלויבט שוין ניט אין דער רוימישער קירכע. די וויסנשאַפט באַזיגט.

דער אלטער האָט זיך געשווינד א הויב געטאָן פון שטול.

— אפּ אזא אויפן מוזן מיר אים צוציען צום געריכט און צווינגען אים אָפּזאָגן זיך פון זיין לערע און אָנערקענען, אז ניט ער, נאָר די קירכע איז גערעכט.

— און ווי אויב ער וועט ניט וועלן אָפּזאָגן זיך?

— וועלן מיר אים מאַטערן אזוי לאַנג, ביז וואַנען ער וועט מאַסקים זיין; וועגן ער וועט זיך דאָך פאַראַקשענען וועלן מיר אים פאַרברענען אפן פייער־שייטער. גייט רופט אויף די ריכטער פון דער אינקוויזיציע. איך קום גלייך.

דער אלטער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, זיין געזיכט האָט באַ־קומען זיין פריערדיקן טויטבלאַסן אויסזען.

— און עפּשער איז טאַקע עמעס, אז די ערד באַוועגט זיך — האָט ער א טראַכט געטאָן, אָבער גלייך פאַרטריבן דעם געדאַנק. — אפילו אויב עס איז אזוי, טאָרן מיר דערמיט ניט מאַסקים זיין, ווייל אויב גאַליליי וועט בלייבן גערעכט, דאַן איז א סאָף צו אונדזער קירכלעכער

מאכט. מיר וועלן פארוועדן די ערד דרייען זיך ארום דער זון און מירן ראטעווען אונדזער מאכט.

ווען גאלילײ איז ארײַן אין האלב־פינסטערן זאל האָט ער דערזען פאר זיך צען קארדינאלן אין רויטע היטלען. זייערע געזיכטער זיינען געווען פינצטער און בייז.

דער הויפט־אינקוויזיטער, דער דארער אלטער, האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— דאָס איז אייער ביכל?

— יאָ.

— איר דערווייזט, אז די ערד באוועגט זיך ארום דער זון און די זון שטייט אפ אן אָרט?

— יאָ.

— איר ווייסט, אז די הייליקע קירכע לערנט אונדז פונקט פארקערט?

— יאָ.

— זייט איר איבערצייגט, אז איר זייט גערעכט?

— יאָ.

— אפ אזא אופן ווילט איר זיך ניט אָפּזאָגן פון אייער לערע?

— ניין.

דער אלטער האָט א מאך געטאָן מיט דעם קאָפּ צו דער זייט, וווּ עס איז געשטאנען דער הענקער. דער לעצטער איז צוגעגאנגען צו גאלילײ און האָט אים ארויסגעפירט אין א צווייטן צימער.

אין א האלבע שעה ארום, ווען מע האָט גאלילײ ארייַנגעפירט צוריק איז שווער געווען אים צו דערקענען. די קלעפּ האָבן צעבראָכן זיין אלטן קערפּער, ער האָט זיך קאָם געהאלטן אפ די פיס.

— איר קענט גיין — האָט אים געזאָגט דער הויפט־אינקוויזיטער — ביזן סאָף פון אייער לעבן וועלן מיר אייך נאָכקוקן. אויב איר וועט האָבן די האָזע גיין אונדז אנטקעגן וועט אייך קיינער ניט ראטעווען פון פייער־שייטער.

גאַלילײ קאָם באַוועגנדיק די פֿיס אין אַרויס פֿון געריכט־זאַל.
באַם אַרויסגאַנג האָט אַ פּילטויזנטקעפּיקער עולם באַגעגנט גאַליליי'ען
דאָס זײַנען געווען זיינע טאַלמידים און אָנהענגער.
אַלע ווי אײַנער האָבן אַראָפּגענומען די הי̇טלען און אין דער לופֿט
האָט זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגן:
— זאָל לעבן גאַליליי!
— זאָל בליען די וויסנשאַפֿט!
די אַלע פֿריילעכע קולעס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין טעכ-
טיקן אויסגעשריי:
— „די ערד דרייט זיך פֿאָרט".

מ. שיינגאָלד

אוריעל־אַקאָסטאַ

העכער 3 הונדערט יאָר צוריק איז אין פּאָרטוגאַל געבאָרן אוריעל אַקאָסטאַ. זיינע עלטערן זיינען געווען געטויפֿטע יידן, וואָס האָבן אָנגענומען דעם קאַטויילישן גלויבן.

דער הייס־גלויביקער אוריעל אַקאָסטאַ אַנטוישט זיך אין דער קריסטלעכער עמונע, זיין פֿרייער גייסט קאָן ניט שלעם מאַכן מיטן שרעקלעכן פֿאַנאַטיזם פֿון דער קאַטויילישער קירכע. ער פֿאַרלאָזט זיין היים, זיין פֿאָטערלאַנד, לאָזט זיך אַוועק אין האָלאַנד, אין אמסטער-דאַם און דאָרטן, זוכנדיק אַ „נייעם גלויבן" איז ער זיך מעגייער.

דער קריטישער גייסט לאָזט אים אָבער ניט רוען, ער זעט גלייך איין, אַז די ראַבאָנים אין זייערע אייגענע אינטערעסן, קעדיי צו באַשווינדלען דאָס פֿאָלק און אונטערצודריקן אים, האָבן אויסגעטראַכט פֿאַרשיידענע דינים, וואָס דאַרפֿן פֿעסטען דעם ווילן פֿון פֿאָלק און האַלטן אים אין געהאָרכזאַמקייט. איבערהויפּט טרעט ער אַרויס קעגן דעם גלויבן אין דער אייביקייט פֿון דער נעשאָמע, קעגן יענע וועלט. שפּעטער קריטיקירט ער אויך דעם טאַנאַך, ער געפֿינט „אַז אַלע רעליגיעס

פונ די פאַרשיידענע נעוויִים האָבנ נאָר פאַרטונקלט די נאַטירלעכע רעליגיע און אָנשטאָט ליבע און ברידערלעכקייט זייענ זיי צווישנ מענטשנ קינע און סינע“.

אומעטום, ווו ער קאָנ, טרעט ער אַרויס מיט זיינ שאַרפנ וואָרט, מיט זיינ שאַרפער קריטיק. צומ סאָפ שרייבט ער אָנ אינ דעמ גייסט אָ בוכ פול מיט בייסנדיקע קריטישע געדאַנקענ.

1618 יאָר. דער אַמסטערדאַמער בעסמעדרעש איז געפּאַקט מיט מענטשנ. אויבנאָנ זיצט דער עלטסטער ראָוו דע־סאַנטעס, אַרומ אימ־פיר ראַבאָנימ, נעבנ זיי ליגנ שויפרעס. שוואַרצע ליכט ברענענ אינ די הענג־לייכטערס. דער אוילעמ וואַרט אופגערעגט.

עס עפנט זיכ די טיר. מע פירט אַריינ אוריעל־אַקאָסטאַ. דער ראָוו הויבט אופ די אויגנ, קוקט אָפּ אימ בייז, און גיט אַ פרעג שטרענג:

— אַט דאָס בוכ האָסטו געשריבנ?

— איכ.

— דו ווייסט, אַז דערמיט האָסטו געלעסטערט אונדזער הייליקע עמונע?

— איכ האָב נאָר געפרווט אָפוואַשנ די עמונע פונ שמוץ, וואָס איז אָפּ איר אָנגעוואַקסנ.

— שווייג, אַפּיקוירעס! — אַלע, וואָס גלייבנ אינ זיינ הייליקנ נאָמענ, זאָלנ זיכ שטעלנ אָנ אַזייט.

אַלע גייענ אָפּ פונ אוריעלנ אָפּ דער אַנדערער זייט. אוריעל בלייבט אַליינ.

די שויפרעס בלאָזנ. דער ראָוו ווענדט זיכ צו אוריעלנ און זאָגט:

— „פאַרשאָלטנ ביסטו פונ גאָט, פונ אַלע זייטנ זאָלנ דיכ אַרומ־רינגלענ צאָרעס און פיינ. פאַרפלוכט זאָל זיינ דער, וואָס וועט דיכ שטיצנ. אַלע זאָלנ פונ דיר וייכנ, ווי מע וייכט פונ אַ מאַגייפע. אַז דו וועסט קראַנק זיינ, זאָלסטו גיכט אנשטאָט אַ רעפוע געפינענ און שטאַרבנ זאָלסטו עלנט אינ אַ וויסטנ „פעלד“.

דער אוילעמ שרייט אויס: „פאַרשאָלטנ זאָל זיינ דער אַפּיקוירעס!“

אָפּנ שול־הויפּ ברענט אַ שייטער, אָפּ וועלכנ מע פאַרברענט אוריעלס ספאָרימ. אוריעל גייט פאַרביי און רופט אויס: „דער פייער איז

ניט אימשטאַנד צו פאַרניכטן דעם גייסט, וואָס שטרעבט צו וויסן״.

עס גייען אַריבער 15 יאָר, 15 שווערע יאָר פאַר אַקאָסטען, פול מיט רעדיפעס, פול מיט לייד און פיין. פריער די טפיסע און נאכ־הער די איזאָלירטקייט ברעכן אונטער זיין שטאַרקן גייסט. ער ווענדט זיך מיט אַ בריוו צום אמסטערדאַמער ראָוו, אין וועלכן ער טוט טשוווע. מע נעמט אַראָפּ פון אים דעם כיירעם, נאָר מע אָרגאַניזירט נאָך אים אַ געהיימע נאָכשפּירונג. די פאַנאַטישע ראַבאָנים געפינען, אַז ער פירט זיך אויף ניט אזוי פרום. זיי צווינגען דאַן אוריעל אקאָס־טען, ער זאָל עפנטלעך טשוווע טאָן.

אין אַ פול געפאַקטן בעסמעדרעש, האַלב נאקעט, צוגעבונדן צו אַ זייל, זאָגט זיך אוריעל־אקאָסטא עפנטלעך אָפּ פון זיינע אפּיקאָרסישע געדאַנקען. מע שלאָגט אים 39 מאַלקעס, מע לייגט אים אפּן שוועל פון בעסמעדרעש און אלע טרעטן אריבער איבער זיין קערפּער.

אוריעל־אַקאָסטא קאָן עס ניט אַריבערטראָגן. ער רייסט איבער זיין בונטאַריש לעבן מיט אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער.

III. די וויסנשאפט צעשטערט די רעליגיע

ג. פלעכאנאָוו

רעליגיע און וויסנשאפט

פארשטייט זיך, אז עס איז ניטאָ קיין גרינגערע זאך, ווי צו דערלייזן אלע שווערע פראגעס אָנווייזנדיק אפ גאָטס האשגאָכע: אזוי איז געפעלן די געטלעכע כאָכמע. אזא ענטפער לאָזט ניט איבער קיין אָרט פאר קיין שום צווייפל. נאָר אין דער וויסנשאפט קאָן אזא ענטפער ניט האָבן קיין שום באדייטונג.

קאָלזמאן מיר שטיצן זיך אפן געטלעכן ווילן, האָבן מיר קיין רעכט צו ריידן וועגן געזעצמעסיקייט פון די נאטורדערשיינונגען. די וויסנשאפט שטעלט אָבער פאר זיך אן אויפגאבע צו אנטדעקן אָט דידאָזיקע געזעצמעסיקייט.

אָט פארוואָס די ערנסטע וויסנשאפט קאָן קיינמאָל ניט לעבן בעשאָלעמ מיט דער רעליגיע.

ביסלעכווייז שלאָגט די וויסנשאפט ארויס די רעליגיע פון אלע אירע פּאָזיציעס, און בא היינטיקן טאָג וועט שוין קיינער פון די, וועלכע האָבן א וואָסער ניט איז פאָרשטעלונג וועגן וויסנשאפטלעכן דיינקען זיך ניט שטיצן אפ גאָטס ווילן, ווי אפ דער סיבע פון די נאטור־דערשיינונגען אָדער פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג.

עס איז אָבער ניט גענוג דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון שטיצן זיך אױף גאָטס השגחה אום צו דײַנקען שטרענג װיסנשאַפֿטלעך. אין דער געזעלשאַפֿטלעכער װיסנשאַפֿט באַגעגענען מיר זיך נאָך אױך איצט גאַנץ אָפֿט מיט װײַט ניט קײן װיסנשאַפֿטלעכע דערקלערונגען פֿון די דערשײַנונגען.

ניט אַלעמאָל רעכנט מען .פֿאַר זיך אומבאַדינגט נייטיק דאָס לאָגישע דײַנקען.

װען עס דערװעקט זיך אַ פֿראַגע װעגן דער סיבה פֿון דער אָדער יענער היסטאָרישער דערשײַנונג טרעפֿט גאַנץ ערנסטע מענטשן פּאַטערן זיך אָפֿט אָפּ מיט אױסלײכע ענטפֿערן, װאָס דערקלערן אַבסאָליוט גאָרניט און שטעלן מיט זיך פֿאָר נאָר אַ איבערכאַזערן פֿון דער פֿראַגע אין אַנדערע אין נײַע אױסדריקן.

אַנטירעליגיעזע איװרע

די װעלט אין דער שײַן פֿון דער װיסנשאַפֿט

די רעליגיע שטעלט פֿאָר די װעלט אַלט אַ זאַך, װאָס ענדערט זיך ניט. לױט דער טױרע איז די װעלט שטענדיק געװען אַזאַ, װי גאָט האָט איר באַשאַפֿן, און זי װעט אױף שטענדיק אַזאַ פֿאַרבלײַבן.

די װיסנשאַפֿט האָט קלאָר דערװיזן, אַז דאָס איז ניט ריכטיק. אַלץ באַװעגט זיך און אַלץ בײַט זיך. די ערד ליגט ניט, װי אַ טױטער קערפּער אױף אײן אָרט, נאָר זי באַװעגט זיך אַרום דער זון. די זון־שטראַלן רוקן זיך איבער אױף אומענדלעכע שטרעקעס. די שטערן באַװעגן זיך, בערג װערן אַרױסגעבלאָזן פֿון די ערד־טיפֿענישן און, פֿאַרקערט, װערן אַמאָל צעפֿאַלן און פֿאַרשװינדן. דער יאַם פֿאַרטרינקט אַמאָל גאַנצע טעריטאָריעס און פֿאַרקערט — אַמאָל רוקט ער זיך אָפּ און עס באַװײַזן זיך נײַע אײַנדזלען, נײַע טעריטאָריעס. אין דער טיפֿעניש פֿון דער ערד קומט אױך פֿאָר ענדערונגען.

די קאָרע פֿון דער ערד װערט אָפּגעקילט און דריקט זיך צונױף. אױף דער אױבערפֿלאַך באַװײַזן זיך בערג. עס קומען פֿאָר ערד־ציטערנישן. מיט אײן װאָרט עס ענדערט זיך די גאַנצע ערד. אױף דער װעלט

איז ניטאָ קיינע פּאַרגליוועַרס. אַלצ ענדערט זיך און אַלצ האָט זיין סאָפּ.

אונדזער ערד, זון און שטערן זיינען אַמאָל אַנטשטאַנען און וועלן אַמאָל פאַרשווינדן.

די הײנטיקע וויסנשאַפט האָט שוין די מעגלעכקייט גאַנצ גענוי צו דערקלערן, ווי אַזוי עס אַנטשטייען און גייען אונטער וועלטן.

אין דער טויטע רעדט זיך וועגן דעם הימל, ווי וועגן אַ האַרטן קערפער. די וואָס האָבן די ביבל צונויפגעשטעלט, האָבן זיך פאָרגע־שטעלט, אַז די זון, די לעוואָנע און די שטערן זיינען צוגעפעסטיקט צום הימל פונקט ווי הענגלייכטערס. זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז די ערד איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט יאַם.



די פאָרמע פון דער ערד, ווי דאָס האָבן זיך פאָרגעשטעלט די אינדוסן.

אין פאַרשיידענע רעליגיעס האָבן עקזיסטירט פאַרשיידענע ווילדע פאָרשטעלונגען וועגן דער ערד. אָט, לעמאָשל, האָבן אייניקע געטראַכט, אַז די ערד האַלט זיך אויף 3 וואַלפיש (קיטן). אַנדערע, — אַז די ערד שפּאַרט זיך אָן אויף 3 העלפאַנדן, וועלכע שטייען אויף אַ גרויסער טשערעפּאַכע, וואָס שווימט אין וואַסער.

איצטער ווייסט מען שוין גאנץ גענוי, אז די ערד שטעלט מיט זיך פֿאָר א קיילעך, וואָס, לעמאָשל, אף אן עראָפּלאַן קאָן מען אים ארומפֿאָרן אין פארלויף פֿון א דעקאדע.

זינט מענטשן האָבן זיך דערוווּסט, אז די ערד איז א קיילעך, האָט זיך באַ זיי גענומען וואקלען דער גלויבן אין די ביבלישע מייסעס.

א טויטקלאפּ דער ביבלישער טעאָריע פון וועלט־באשאף האָבן דערלאנגט די באַוווּסטע אסטראָנאָמען גאלילײ און קאָפּערניק, וואָס האָבן דערוויזן, אז די ערד שטייט ניט אף אן אָרט, נאָר זי באוועגט זיך ארום איר אייגענער אקס און ארום דער זון.

ס'איז קלאָר געוואָרן, אז די ערד איז ניט דער צענטער פון דער וועלט, נאָר אז זי איז איינע פון די פילצאָליקע פלאנעטעס אין דער זונסיסטעם. דערדאָזיקער לערע האָבן די פֿאָרשטייער פֿון אלע רעליגיעס ארויסגעוויזן א שרעקלעכן ווידערשטאנד, זיי האָבן זיך געשטיצט אף די הייליקע שריפֿטן פון דער ביבל. אָבער קאָפּערניקס אנטדעקונג האָט זיך באַזירט אף גרינטלעך דערלערנטע באָבאכטונגען, און די הייליקע פּסוקים האָבן דאָ גאָרניט געקאָנט מאכן.



די גרייס פון דער זון, ערד און אנדערע פלאנעטן, ווען מע פארגלייכט זיי איינס מיטן אנדערן.

דער טעלעסקאָפּ (א לאנגע טרויב מיט א פארגרעסער־גלאָז) האָט געהאָלפן די געלערנטע דערווייזן, אז עס עקזיסטירט ביקלאל ניט



דער טעלעסקאָפּ פון פולקאָווער אָבסערוואַטאָריע לעבן לעניגראַד.

קיין הימלשער „הארטער קערפּער", ווי אין דער ביבל שטייט געשריבן.

די ערד רינגלט ארום א באשטימטער לופט־שיכט, נאָך וועלכן עס הויבט זיך אָן אומענדלעכער רוים. אין דעמדאָזיקן אומענדלעכן רוים, מיליארדן קילאָמעטערס איינער פון צווייטן, טראָגן זיך ארום שטערן, וואָס זיינען אייגנטלעך אויך זונען, ווי די זון, וואָס מיר ווייסן. זיי זעען אונדז אויס זייער קליין דערפאר, ווייל זיי געפינען זיך אף א שרעקלעכער ווייטקייט פון אונדז.

מיטן פראָסטן אויג קאָנען מיר אָנציילן אפן הימל ביז צוויי מיט א האלב טויזנט שטערן; ווען מיר באַטראכטן אָבער דעם הימל דורך א שטארקן טעלעסקאָפּ, דאן קען מען זען מיליאָנען.

אדאנק דער דערפינדונג פון א ספּעקטראָסקאָפּ איז שוין מעגלעך צו דערגיין, פון וואָסער מאטעריע עס באשטייען די שטערן. מיר ווייסן שוין איצטער גאנץ גענוי, אז די זון, די פּלאנעטעס, באשטייען פון דערזעלביקער מאטעריע, וואָס די ערד.

ביסלעכוויז דערוויסט זיך דער מענטש די סוידעס פון דער נאטור. די געלערנטע ווייסן שוין איצט, ווי אזוי אויסצומעסטן די ווייטעניש פון די שטערן, זייער באוועגונג, זייער אויסזען און אויך זייער כעמישן באשטאנד.

דער מעהאלעך פון אונדזער ערד ביז די שטערן איז אזוי גרויס, אז אונדזער ערדישע מאָס פּאסט שוין ניט אפ צו באשטימען דעמדאָזיקן מעהאלעך.

די ווייטקייט ביז דער זון קאָן מען נאָך אויסמעסטן אפ קילאָמעטערס. פון דער ערד ביז דער זון האָבן מיר 150 מיליאָן קילאָמעטער. אָבער ביז די נאָענטסטע שטערן איז אזוי ווייט, אז דער קילאָמעטער טויג שוין ניט אלס מאָס. דאָ קומען מיר אָן צו דער הילף פון א נייער מאָס, וואָס רופט זיך ליכט־יאָר—דאָס איז די צאָל קילאָמעטער, וואָס די ליכט גייט דורך אין א יאָר.

איצט, ווען מיר ווייסן, אז די ליכט גייט דורך 300.000 קילאָמעטער אין א סעקונדע קאָנען מיר שוין זיך פאָרשטעלן די ווייטקייט צו די נאָענטסטע שטערן, פון וועלכע די ליכט דערגייט צו אונדז אין פאר־

לויט פון 4 יאָר. דערצו איז נויטיק 300.000 קײַלען אַפּ 60 סעקונדעס, נאכהער אַפּ 60 מינוט, דערנאָך אַפּ 24 שעה; נאָכדעם אַפּ 365 טעג און צום סאַפּ אַפּ 4 יאָר, דאָס באַטרעפט 378.360.000.000.000 קילאָמעטער (378 טריליאָן און 360 מיליארד).

עס זיינען אָבער פאראן אזעלכע שטערן, וואָס זייער ליכט דערגייט צו אונדז אין פאַרלויף פון הונדערטער און אפילו טויזנטער יאָרן. דאָס דערווייזט, ווי ווייט זיי זיינען פון דער ערד, ווי גרויס איז אַפּ אזא אויפן די וועלט.

די וועלט איז אָן א ברעג און אָן א סאָף.

ווען מיר זאָלן זיך אריבערטראָגן מיט אונדזערע טעלעסקאָפּן אַפּ איינער פון די פלאנעטעס, וואָס דרייען זיך ארום וואָסער ניט איז ווייטן שטערן־זון, וואָלטן מיר זיכער געזען די זעלביקע ליכט־רוים און שטערן, שטערן אָן א סאָף.

מע קאָן זיין זיכער, אז ארום די שטערן דרייען זיך אזעלכע פלא־נעטעס, ווי אונדזער ערד.

די ערד — א זאמד־קערנדל אין דער וועלט

וואָס פאר א אָרט פארנעמט די ערד אין דער וועלט?

פריער פון אלץ דארף מען זיך פאָרשטעלן די זון־סיסטעם (די זון מיט אירע באגלייטערס — די פלאנעטעס). אינעם צענטער פון דער סי־סטעם איז דער קאָלאָסאַלער צעגליטער קײַלעך — די זון. זי איז 50 מי־ליאָן מאָל די גרייס ווי די ערד. ארום דער זון אין א קרייז פון מי־ליאָנען קילאָמעטער דרייט זיך די פלאנעטע מערקורי; זי איז די נאָ־ענטסטע צו דער זון. נאָך מערקורי אין נאָך א גרעסערן קרייז דרייט זיך די פלאנעטע ווענוס, און נאָך ווייטער — א דריטע פלאנעטע — אונדזער ערד.

אין א שרעקלעך גרויסן קרייז דרייט זיך די פלאנעטע מארס. נאכהער דער קאָלאָסאַלער צעשמעלצטער יופיטער, נאכהער דרייט זיך די פלאנעטע אוראן און צום סאָף — די פלאנעטע נעפטון, וואָס פארענדיקט איר קרייז ארום דער זון אין פארלויף פון 164 יאָר. אָט דאָס איז אונדזער

זון־סיסטעם, אויב ניט רעכענען די קליינע פּלאַנעטעס, וואָס פליען ארום אַן אַ שיר צווישן מארס און יופּיטער.

און אָט די גאנצע זון־סיסטעם איז נאָך א קלייניגקער אינדזעלע אין דעם גרויסן יאם פון דער שטערן־סיסטעם, וואָס מיר זעען אין דער פאָרם פון דעם אזויגערופענעם „מילך־וועג״, אין וועלכן מיליארדן זונען לייכטנדיקע און פארלאָשענע דרייען זיך ארום.

איז עפּשער דער „מילך־וועג״ דער גרענעץ פון דער וועלט?

הויבט זיך ניט אָן, ער איז נאָר איינער פון די ראַיעס שטערן, וואָס זיינען אָן א צאָל צעוואָרפן אין דעם אומענדלעכן רוים.

טאָ, וווּ איז דער ברעג פון דער וועלט?

ער איז ניט פאראן. די וועלט האָט קיין ברעג ניט.

פיל מענטשן קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס הייסט אָן א ברעג. אָן א סאָף. אָבער די זאך איז פּונקט אזוי. די וועלט איז אומענדלעך. קיין אנדער ענטפער איז ניט פאראן.

איצט באטראכט נאָר, צי פארדינט די ערד דעם פּאראד, וואָס דער ביבל מאכט ארום איר, ווי ארום דעם צענטער פון דער וועלט? די ערד איז נאָר א קליין זעמדעלע אין דער אָנברעגיקער וועלט.

י. מארדערשטיין

ווי אזוי איז אנטשטאנען דאָס לעבן אַף דער וועלט

א לאנגע צייט האָבן מענטשן געמיינט, אז פיל לעבעדיקע קערפּערס קאָנען געבוירן ווערן פון זיך אליין, פון דער טויטער נאטור, אָט אזוי, לעמאָשל, פליגן, ווערים און אינזעקטן ווערן געבאָרן פון פוילע געוויקסן. וואָס ווינציקער מע האָט געוווּסט וועגן דער לעבעדיקער נאטור, אלץ מער האָט מען געהאלטן פון דער טעאָריע, וואָס האָט זיך גערופן „פונזיכגעבורט״. מע איז דערגאנגען אפילו דערצו, אז מע האָט געפּרוווט צונויפשטעלן רעצעפּטן, ווי צו באשאפן קינסטלעכע מייז.

דידאָזיקע טעאָריע פון „אליינגעבורט" האָט אינגיכן געפּלאַצט. די וויסנשאַפט האָט באַוויזן, אַז די ווערים, די פליגן ווערן ניט געבאָרן פון די פוילע געוויקסן, ווו זיי געפינען זיך, נאָר פון די אייעלעך, וואָס די פליגן לייגן דאָרטן. דער איטאַליענישער געלערנטער ספּאַליאַנצאַני (18־טער יאָרהונדערט), ווי אויך דער פראַנצויזישער געלערנטער פּאַסטער (19־טער יאָרהונדערט) האָבן דערוויזן, אַז די זאַכן, אויף וועלכע אין יעוויינלעכע באַדינגונגען באַווייזן זיך זייער גיך איינפאַכע לעבעדיקע באַשעפענישן, אויב מע זאָל זיי איבערקאָכן און דערמיט פאַרניכטן די אייעלעך, נאָכהער זאָל מען זיי פאַרמאַכן אין אַ קיילע אַזוי, אַז קיין שום באַקטעריעס פון דער לופט זאָלן ניט קאָנען צוקומען וועלן זיך בעשומויפן קיין לעבעדיקע באַשעפענישן דאָרטן ניט באַווייזן.

אויף אַזאַ אויפן איז פעסטגעשטעלט, אַז ב אַ די איצטיקע באַדינגונגען קאָן אַ לעבעדיקע באַשעפעניש אַרויסקומען נאָר פון זיין גלייכן, נאָר פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש, אָבער בעשומויפן ניט פון דער טויטער נאַטור. די רעליגיעזע פאָרשטייער האָבן דידאָזיקע טעאָריע אויסגענוצט צו דערווייזן, אַז די ערשטע לעבעדיקע באַשעפעניש איז באַשאַפן געוואָרן דורך גאָט, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אַ „לעבעדיקע קראַפט" אין די ערשטע לעבעדיקע בראָים. פאַראַן בורזשואַזע געלערנטע (זיי רופן זיך „וויטאַליסטן"), וואָס האַלטן אונטער די „טעאָריע" פון דער רעליגיע. די בורזשואַזיע איז פאַראינטערעסירט אונטערהאַלטן אין די מאַסן דאָס גלויבן אין גאָט.

די עמעסע וויסנשאַפט וואַרפט אָפּ דידאָזיקע צוטראַכטעניש. די פּראָצעסן פון די לעבעדיקע אָרגאַניזמען זיינען גרינטלעך דערלערנט געוואָרן, זיי וואַרפן זיך אונטער די געזעצן פון פיזיק און כעמיע, וואָס ווירקן ביקלאַל אין דער נאַטור.

דער באַוווסטער כעמיקער וועלער, האָט דער ערשטער אין 1827־טן יאָר אויף אַ קינסטלעכן אויפן באַשאַפן אַזאַ שטאָף, וואָס האָט געהאַט די אייגנשאַפטן פון אַ לעבעדיקן קערפּער.

באַ די איצטיקע באַדינגונגען, וואָס עקזיסטירן אויף דער ערד, קאָן אַ לעבעדיקע זאַך פון דער טויטער נאַטור ניט באַשאַפן ווערן, אָבער

אינ יענע ווייטע צייטנ, ווענ די ערד איז געווענ א צעגליטע קיילעכדיקע מאסע, דאנ איז דאָס לעבנ אנטשטאנענ פונ דער טויטער נאטור.

ווי אזוי?

אפ דער פראגע ענטפערט דער געלערנטער פפלוגער (1875־טנ יאָר).

מיר ווייסנ, אז דער קערפער פונ לעבעדיקע אָרגאניזמענ באשטייט פונ אזעלכע קאָמפּליצירטע שטאָפנ, ווי ווייסלענ, פעטס, אונ אנד. די ווייסלענ באשטייענ פונ א צעמישונג פונ קוילנזויער אונ אזאָט. אזא צעמישונג קאָנ פאָרקומענ נאָר בא שרעקלעכ הויכער טעמפּעראטור אינ די ווייטע ווייטע צייטנ, ווענ אפ דער ערד איז געווענ די געהעריקע הויכע טעמפּעראטור, האָט זיכ געקאָנט שאפנ די צונויפמישונג פונ קוילנזויער מיט אזאָט, וואָס באהעפטנדיק זיכ מיט אנדערע שטאָפנ, האָבנ געפירט האלב לעבעדיקע באשעפענישנ, וואָסעריע אינ פארלויפ פונ מיליאָנענ יאָרנ האָבנ זיכ פארוואנדלט אינ לעבעדיקע באשעפענישנ.

איצטער איז אפ דער ערד שוינ ניטאָ דיראָזיקע באדינגונגענ—קאָנ קיינ אליינגעבוירט ניט פאָרקומענ, נאָר אינ די לאבאָראטאָריעס קאָנענ די געלערנטע שאפנ אפנ קינסטלעכנ אויפנ האלב לעבעדיקע באשעפענישנ.

מ. אלטשולער

צי איז פאראנ א נעשאָמע

די פאָרשטעלונג פונ גלויבנדיקע יידנ וועגנ גופ אונ נעשאָמע

„אונ גאָט האָט באשאפנ דעמ מענטשנ פונ ערד אונ האָט אימ ארייגעבלאָזנ אינ די נאָזלעכער דעמ אָטעמ פונ לעבנ״,—אזוי דערציילט די טוירע אינ בערײשיס. גלויבנ פרומע יידנ, אונ לערנענ זייערע

קינדער אזוי צו גלויבנ, אז דער מענטש באשטייט פונ א גופ אונ פונ א נעשאָמע.

האלטנ גלויבנדיקע יידנ פאר א מיצווע צו שטיינ בעיס דער גסיסע פונ א יידנ, בעיס „יעציעס נעשאָמע“ — ווענ די נעשאָמע פארלאָזט דעמ גופ. אינ די הייזער, וואָס געפינענ זיכ בישכיינעס מיטנ הויז, ווו עס איז עמיצער געשטאָרבנ, מוז מענ אויסגיסנ דאָס וואסער פונ די דייזשקעס. פרעגט בא דער יידענע, פארוואָס גיסט זי אויס דאָס וואסער, וואָס זי האָט מיט מאטערניש געבראכט צוטראָגנ פונ ברונעמ, וועט זי אייכ ענטפערנ, אז דאָס וואסער איז אומריינ, אונ מע טאָר ניט נוצנ. אומריינ איז עס דערפאר, ווייל דער מאלעכאמאָוועס האָט אינ אימ אָפּגעוואשנ דעמ מעסער, מיט וועלכנ ער האָט אומגע־בראכט דעמ אָקאָרשט געשטאָרבענעמ מענטשנ.

די זינ פונ דעמ פארשטאָרבענעמ, אויב זיי זיינענ נאָר גלויבנדיקע, וועלנ עלפ כאדאָשימ זאָגנ קאדעש נאָכנ פאָטער. דער קאדעש דארפ פארלייכטערנ דער נעשאָמע פונ פארשטאָרבענעמ איר לעבנ אפ „יענער וועלט“, העלפנ איר אריינ אינ גאנעידנ. איידער די נעשאָמע וועט אריינ אינ גאנעידנ מוז זי זיכ אויסלייטערנ פאר אירע זינד, וואָס זי האָט געטאָנ, דאָ, אפ דער וועלט. די שטראָפ פאר די זינד אירע וועט זי אָפּקומענ אינ געהענעמ, ווו די מאלאָכימ פונ גאָט פירנ אויס איבער די זינדיקע נעשאָמעס אכזאָריעסדיקע פייניקונגענ: בראָטנ אפ הייסע סקאָוואָראָדעס, באָדנ אינ קעסלענ קאָכעדיקע פעכ, אופהענגענ פאר דער צונג אונ נאָכ אונ נאָכ אזוינע יעסורימ. דערפאר אָבער אינ גאנעידנ לעבט שוינ די נעשאָמע א גוט לעבנ: קיינ שומ ארבעט דארפ זי דאָרט ניט טאָנ, זי עסט אונ טרינקט דאָרט, וואָס איר גלוסט זיכ, אונ לערנט גאָטס טוירע.

ווו, אינ וועלכנ טייל גופ, געפינט זיכ די נעשאָמע? — „אינ בלוט“, וועט אייכ ענטפערנ דער גלויבנדיקער ייד. אונ דעריבער פארבאָט טאקע די טוירע צו עסנ בלוט: „ווייל דאָס בלוט איז דער נעפעש“. דאָס הייסט, דאָס בלוט איז די נעשאָמע. גייט ארויס די נעשאָמע פונ גופ, גייט מיט איר צוזאמענ ארויס אויכ דאָס לעבנ. איז די נעשאָמע ארויס, שלאָגט שוינ אויכ מער ניט דאָס הארצ, באוועגנ זיכ ניט די הענט אונ

די פיס, הערנ ניט די אויערנ, זעענ ניט די אויגנ, הערט אומ דער מענטש צו לויבנ גאָט. יעדע באַוועגונג פונ פינגער, יעדער שלאָג פונ האַרצ זאָגט איידעס, אַז עס איז דאָ אַ נעשאָמע אינ גופ — זאָגנ די גלויבנדיקע.

וואָס זאָגנ וועגנ דעמ די געלערנטע?

קינסטלעכע אויפלעבונג פונ פאַרשיידענע גופ־טיילנ

שוינ לאַנג האָבנ די געלערנטע באַמערקט, אַז ווענ מע שניידט אויס בײַ אַ לעבעדיקער זשאַבע דאָס האַרצ, שלאָגט נאָכ דאָס האַרצ אַ היפּשע צייט. די געלערנטע האָבנ אָנגעהויבנ פּרוּווּנ דאָס האַרצ פונ אַנדערע באַלעכייעמ אונ זיינענ געקומענ צומ אויספיר, אַז אָפּ לעבעדיק מאַכנ דאָס האַרצ פונ אַ קראָליק, אַ קאַץ, אָדער אַפילע פונ אַ מענטשנ זיינענ נויטיק בלויז: די געהעריקע טעמפּעראַטור, זויערשטאָפ אונ איינציקע זאַלצנ, וואָס ווערנ אויפגעלייזט אינ וואַסער אונ ווערנ דורכגעלאָזנ דורכנ האַרצ.

די ענגלישע געלערנטע רינגער אונ לאָק האָבנ באַוויזנ, אַז קעדיי אויפצולעבנ אַ האַרצ, קאָנ מענ דורכלאָזנ דורכנ האַרצ ניט קיינ עמעסע בלוט, נאָר אַ פליסיקייט, וואָס באַשטייט פונ איינפאַכע וואַסער, אינ וועלכער עס זיינענ אויפגעלייזט די זאַלצנ, וואָס געפינענ זיכ אינ בלוט, דערהויפט איז אָפּגערייניקטע קאָכ־זאַלצ. דידאָזיקע זאַלצנ דאַרפנ גענו־מענ ווערנ אינ דערזעלבער פּראָפּאָרצ, ווי זיי געפינענ זיכ אינ בלוט. צו אָט דער אויפלייזונג גיט מענ נאָכ צו אַ ביסל צוקער. די אויפלייזונג וואַרעמט מענ אָנ ביז 38—40 גראַד אונ דורכ אַ גלעזערנ טרייבל, וואָס מע שטעלט אַריינ אינ אַ גרויסנ בלוט־אָדער, וועלכע גייט פונ האַרצנ, לאָזט מענ זי דורכ אינ האַרצ. אַזוי ווי דאָס האַרצ נויטיקט זיכ נאָכ אינ זויער־שטאָפ, לאָזט מענ דורכ אַ טרייבל אינ דער פליסיקייט זויערשטאָפ פונ אַ ספּעציעלער קיילע, וואָס איז אָנגעפילט מיטנ דאָזיקנ גאַז. ווענ מע לאָזט דורכ אָט דידאָזיקע פליסיקייט אינ האַרצנ, הויבט

עס אָנ צו שלאָגנ, פונקט ווי עס וואָלט געווענ אינ גרוסט־קאסטנ. אזעלכע פרוווּנ זיינענ געמאכט געוואָרנ ניט נאָר אפ כייעס. אויכ דאָס הארצ פונ א מענטשנ לאָוט זיכ אופלעבנ אפ דעמזעלביקנ אופנ.


א הארצ, וואָס לעבט אויסערנ גופ

דער רוסישער געלערנטער קוליאבקאָ האָט מיט 20 יאָר צוריק גענומענ דאָס הארצ פונ א געשטאָרבנ קינד, אינ 20 שאָ נאָכדעם, ווי דאָס קינד איז געשטאָרבנ פונ א לונגנ־אָנצינדונג. אונ האָט אינ אים, אפ דעם פריער באשריבענעם אופנ, ארייגעלאָזנ די פיזיאָלאָגישע אופליזונג (אזוי הייסט די אופליזונג פונ די זאלצנ אינ וואסער) אונ זויערשטאָפ. דאָס הארצ פונ קינד האָט אופגעלעבט אונ האָט געשלאָגנ אסאכ שאָ נאָכאנאנד. פונ קוליאבקאָנ אָנ האָבנ געלערנטע אסאכ מאָל דורכגעמאכט דעמדאָזיקנ פרווו, איבער די הערצער פונ געשטאָרבענע קינדער אונ דערוואקסענע, אונ זיי איז געלונגענ די הערצער אופצולעבנ. נאָר ניט בלויז אפ הערצער זיינענ אזעלכע פרוווּנ געמאכט געוואָרנ. עס זיינענ אפ דעמזעלבנ אופנ אופגעלעבט געוואָרנ אויכ אנדערע מענטשלעכע איבורים. אינ די אָדערנ פונ אנ אָפגעשטאָרבענעם פינגער איז ארייגעפירט געוואָרנ די אויבנ־באשריבענע פליסיקייט, אונ

דער פינגער האָט „אָפגעלעבט״. אפ אזא פינגער איז אינ מעשעכ פונ עטלעכע טעג געוואקסנ דער נאָגל. ווענ מע שפריצט אינ אימ ארײנ פילאָקאָרפינ (אזא רעפוע צו שוויצנ) באווייזנ זיכ אפנ פינגער טראָפנס שווייס.



א מענטשנס פינגער, וואָס לעבנ אָט אָפגעשניטענער פונעמ קערפער

דער פראנצויזישער געלערנטער בראונ־סעקאר האָט אָפגעהאקט א הונט דעמ קאָפ, אונ האָט ארײנגעשפריצט אינ אָפגעהאקטנ קאָפ דורכ די בלוט־אָדערנ פרישע בלוט. דער קאָפ האָט „אָפגעלעבט״. ווענ מע האָט גערופנ דעמ הונט בא זיינ נאָמענ, האָבנ זיכ די אויגנ אינ דעמ אָפגעהאקטנ קאָפ א קער געטאָנ אינ יענער זייט, ווו מע האָט דעמ נאָמענ פונ הונט גערופנ. נאָכ דעמ געלערנטנ בראונ־סעקאר האָבנ דעמ דאָזיקנ פרווו דורכגעמאכט אסאכ געלערנטע. אָנשטאָט בלוט האָבנ זיי גענומענ די אויבנ־באשריבענע „פיזיאָלאָגישע אופלייזונג״. די אָפגעשניטענע קעפ פונ די הינט האָבנ אויכ בא אָט די געלערנטע באוועגט מיט די אויגנ. אונ ווענ מע האָט אינ מויל פונ אָפגעשניטענעמ קאָפ ארײנגעלייגט שפייז האָט זיכ פונ די שפייעכץ־דריזנ ארויסגעשיידט שפייעכץ. אינ 1927 יאָר האָבנ אזעלכע עקספערימענטנ דורכגעמאכט די דאָקטוירימ בריוכאָנענקאָ אונ טשעטשולינ אינ פס״רר. זיי האָבנ אָפגעשניטנ א הונט דעמ קאָפ אונטער א שלאָפטרונק אונ האָבנ דורכגעמאכט דיזעלבע אָפעראציעס, וואָס זיינענ פריער באשריבנ. דער קאָפ האָט צוערשט געשלאָפנ, דערנאָכ האָט ער זיכ אופגעכאפט, געעפנט די אויגנ, געשלונגענ שפייז; ווענ מע האָט אימ שטארק געקיצלט, האָט ער אָנגעהויבנ אזוי שטארק צו עפענענ אונ פארמאכנ דעמ מויל, אז ער איז שיר ניט אראָפגעפאלנ פונ טעלער. אזוי האָט דער קאָפ געלעבט 3 מיט א האלבער שאָ.

דער אמעריקאנער געלערנטער קארעל האָט אויסגעשניטן בײַ א קאַץ די געדערים און האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין א גלעזערנער קיילע. אין דער קיילע האָט ער אַרײַנגעגאָסן די נויטיקע נערונג־אויפלייזונג און האָט עס געהאַלטן אין דער נויטיקער טעמפּעראַטור. די געדערים האָבן געאַרבעט 2 טעג ווי געהעריק איז: האָבן איבערגעקאָכט שפּײַז און האָבן זי דורכגעשטויסן צו אונטן.

אויב מע זאָל גלייבן, אַז אָן א נשמה קאָן דער גוף ניט לעבן, ווי אַזוי קאָן מען דערקלערן דאָס, וואָס פֿאַרשיידענע טיילן פֿון גוף קאָנען קיינסטלעך אויפֿגעלעבט ווערן, בעת דער גאַנצער גוף איז טויט? קיינער וועט דאָך ניט זאָגן, אַז אין דער פֿליסיקייט, וואָס ווערט אַרײַנגעגאָסן, אין דעם אויסגעשניטענעם האַרץ, אין אָפּגעשניטענעם פֿינגער, צ.ב. די אויסגעשניטענע געדערים, איז צוגעמישט א טייל פֿון נשמה.

דאָס גײַסטיקע לעבן און די נערוון־סיסטעם

אָן א נשמה, זאָגן גלייבנדיקע, וואָלט א מענטש אָבער ניט געקאָנט ריידן, דענקען, הערן, זען, געדענקען, האָבן דעם באַגריף פֿון גוטס און שלעכטס און אַז. וו.

מיר זעען אָבער אַז עס איז גענוג א מענטש זאָל אויסטרינקען א פֿלעשל בראָנפֿן, און זײַנע פֿעיִקייטן צו דענקען ענדערן זיך, זײַנע „מאָראַלישע" געפֿילן אַפֿילו זײַנען גאָרניט דיזעלבע ווי פֿריער. א מענטש איז קראַנק מיט טיפֿוס, בײַ אים איז א הויכע טעמפּעראַטור, און ער רעדט שוין ניט צו דער זאַך, דערקענט ניט זײַנע נאָענטע מענטשן. ווען בײַ א קינד פֿאַרשווינדט דורך א וועלכער עס איז קרענק די פּאַנצעראַרטיקע דריזע אויפֿן האַלדז, אָדער ווען מע שנײַדט אויס דידאָזיקע דריזע אָפּ א כירורגישן אופֿן, ווערט דאָס קינד אָן זײַנע פֿריערדיקע „גײַסטיקע" פֿעיִקייטן — דאָס קינד הערט אויף צו וואַקסן און ווערט אַן אידיאָט. זאָל מען אָבער דעם קינד געבן עסן דיזעלבע דריזן פֿון א קאַלב, וועט דאָס קינד ווידער באַקומען זײַנע גײַסטיקע פֿעיִקייטן. אויב מע זאָל רעכענען, אַז „גײַסטיקע" פֿעיִקייטן זײַנען א פֿונקציע פֿון דער נשמה, דאַרף מען זאָגן, אַז בראָנפֿן מאַכט שיכּור

די געשמאַק, אַז אַ הויכע טעמפּעראַטור ווירקט אויף דער געשמאַק, אַז אין דער פּאַנגערערטיקער דריזע פון אַ קאַלב זיצט אַ שטיק געשמאַק פון אַ מענטשנס קינד. עס איז אויך ניט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אַ מענטש ווערט קליגער מיט די יאָרן, אָדער, פאַרקערט, ער פאַרלירט זיין פאַרשטאַנד, ווען ער ווערט שטאַרק אַלט. די געשמאַק בלייבט דאָך אין אים די זעלבע, פאַרוואָס ענדערן זיך זיינע „גייסטיקע" פעיקייטן? אָדער לאָמיר נעמען אַזאַ זאַך: אַ מענטש טרינקט זיך. מע ראַטעוועט אים אַרויס פון וואַסער. ער איז שוין קימאַט ווי טויט. דער דאָקטער ווענדעט אָן דאָס קינסטלעכע אָטעמען, ער שפּריצט איין רעפּועס פאַרן האַרץ, און דער מענטש לעבט אויף. האָט דען דער דאָקטער אים אַ „געשמאַק" אַריינגעבלאָזן?

די מעדיצין, ווייטער, דערציילט אונדז אַזעלכע פאַלן:

בייַ אַ מענטשן זיינען גאָר געזונטע אויגן און ער זעט גאָרנישט. די סיבה דערפון, ווייזט זיך אַרויס, איז דאָס, וואָס בייַ דעם דאָזיקן מענטשן איז געשעדיקט אַ טייל פונעם קאָפּ־מאַרך, אין דער פּאָטיליצע.

בייַ אַ מענטשן האָט אָפּגענומען אַ האַלבער גוף. ער וויל רירן מיט אַ האַנט, מיט אַ פוס, מיט דער צונג, און קאָן ניט. די סיבה איז, ווי עס שטעלן פעסט די דאָקטוירים, דאָס וואָס אַ טייל פון קאָפּ־מאַרך, פון רעכטס אָדער לינקס, ליידט דערפון, וואָס דאָרט האָט געפּלאַצט אַ בלוט־געפעס, עס האָט זיך דאָרט אויסגעגאָסן בלוט, און אָט דאָס בלוט דריקט דאָרט אויפן מאַרך. אַפּאָניט, אַז די פעיקייט פון מענטשן צו זען הענגט אָפּ פון אַ געוויסן פונקט אין זיין קאָפּ־מאַרך. די פעיקייט פון די הענט, פון די פיס, פון דער צונג צו באַוועגן זיך—הענגט אויך אָפּ פון אַ געוויסן אָרט אין קאָפּ־מאַרך, וואָס פאַרוואַלטעט מיט דער טעטיקייט פון אָט די אָרגאַנען. אויב מע זאָל איבערשניידן דעם נערוו, וואָס גייט פון קאָפּ־מאַרך צו אַ וועלכן עס איז טייל פון אונדזער קערפּער, למשל צו דער האַנט אָדער צו דער פוס, פאַרלירט די האַנט אָדער די פוס די פעיקייט צו באַוועגן זיך. די האַנט לעבט, זי פילט, ווען מע גיט זי אַ שטאָך מיט אַ נאָדל, עס וואַקסט אויף איר דער נאָגל, אין אירע בלוט־אָדערן פליסט בלוט, נאָר די פעיקייט צו באַוועגן זיך האָט זי אָנגעוואָרן. מיר קאָנען איבערשניידן אַן אַנדער

נערוו, וואָס גייט צו דער האנט, און די האנט הערט אוף צו פילן, ווענ מע שטעכט זי מיט א נאָדל, ווענ מע שניידט זי. פארקערט, די פעיקייט צו באוועגנ זיכ איז בא איר געבליבנ ווי פריער. דאָס הייסט, אז מיר האָבנ איבערגעשניטנ דעם עמפינדונג-נערוו.

די וויסנשאפטלעכע מעדיצינ האָט איצט גאנצ גענוי פעסטגעשטעלט, וואָס פאר א ראָל עס שפילנ פארשיידענע טיילנ פונעם מארכ: ווו איז



די פארשיידענע צענטרענ אינעם מענטשנס קאָפ-מארכ

דער צענטער פונ ריידנ, פונ זעענ, פונ הערנ, פונ זיקאָרנ, פונ באוועגנ מיט דער אָדער יענער גרופע מוסקולנ. ווערט געשעדיקט דער אָדער יענער צענטער, רופט זיכ עס גלייכ אָפּ אפ די פונקציעס פונ קערפער, מיט וועלכע דערדאָזיקער צענטער פארוואלטעט; עקספערימענטנ אפ בעלעכאים באשטעטיקנ עס. די געלערנטע מאכנ דעם עקספערימענט אזוי: זיי שלעפערנ איינ דעם באלעכיי און עפענענ בא אים אופ דעם שארבנ. דאנ רירנ זיי זיכ צו מיט אנ עלעקטריש שטראָם צו דעם אָרט, ווו זיי רעכענענ, אז דאָרט געפינט זיכ דער צענטער, לאָמיר זאָגנ, פונ די פאָדערשטע פיס. ווי זיי רירנ זיכ נאָר צו צו אָט דעם אָרט אינ מארכ, הויבנ זיכ גלייכ אָנ צו באוועגנ די געהעריקע מוסקולנ. שניידט מענ אויס דעמדאָזיקנ אָרט פונ מארכ, בלייבט דאָס באלעכיי לעבנ, עס הערט אָבער אופ צו באוועגנ מיט די מוסקולנ פונ די פאָדערשטע פיס, שניידט מענ אויס דעמ טייל מארכ, וואָס ליגט אינ שלייפ, הערט דער באלעכיי אופ צו הערנ, דאָסזעלבע קאָנ מענ דורכמאכנ מיטנ צענטער פונ זענ אונ אז. וו.

דער קאָפּ־מארכ און רוקנ־מארכ זיינענ אפּ אזא אופנ א מינ צענטראלע סטאנציע, וואָס פארוואלטעט מיט אלע לעבנ־פונקציעס פונ דעמ מענטשנ. ווערט קאליע וועלכער עס איז פונקט אינ דער צענטראַ־לער סטאנציע, רופט זיכ עס גלייכ אָפּ אפּ דער געהעריקער פונקציע.

די אלע „גייסטיקע" פונקציעס פונ דעמ מענטשנ ליגנ, ווי מיר זעענ, אינ דער מאטעריע—אינעמ מארכ. ניט דער „גייסט" איז די סיבע פונ דער מאטעריע, נאָר, פארקערט, די מאטעריע איז די סיבע פונ די „גייסטלעכע" דערשיינונגענ.

וו. נעסטערענקאָ

גופּ און נעשאָמע

ביסלעכווייז האָט זיכ באמ מענטשנ געשאפנ א פאָרשטעלונג, אז דער מענטש באשטייט פונ 2 טיילנ—גופּ און נעשאָמע. אינ כאָלעמ און נאָכנ טויט טיילט זיכ אָפּ די נעשאָמע פונעמ גופּ, לעבט זיכ פונ אימ באזונדער און קאָנ אפילע אוועקפליענ אינ הימל אָדער לעבנ אונטער דער ערד. אנדערש גערעדט: די טויטע און אויכ די געטער האָט מענ זיכ פאָרגעשטעלט פונ לויטער נעשאָמע, אָנ גופּ (אָדער „רוכניעסדיקע", ווי די קלייקוידעש זאָגנ).

פארוואָס האָבנ עס מענטשנ איינגעטיילט זייערע מייסימ — און אויכ זיכ אליינ — אינ 2 טיילנ: און גופּ און נעשאָמע? דאָס האָט פאסירט גאנצ פּאָשעט: זיי האָבנ געזענ, אז די טויטע ווערנ צעפוילט, עס ווערט פונ זיי א טעל. דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו גלויבנ אינ יענער וועלט. די מייסימ זיינענ דאָכ צו זיי געקומענ צו כאָלעמ, זיי האָבנ אָפּטמאָל געזענ זיי אויכ אפּ דער וואָר (האלוצינאציע). זיינענ זיי סאָפּקן־לסאָפּ געקומענ צומ אויספיר, אז דער מענטש פארמאָגט אויסערנ גופּ נאָכ עפּעס. אָט „דאָס עפּעס" באוועגט דעמ מענטשנ און לעבט אינ אימ. ווענ דער מענטש שטארבט, שטארבט אָפּ בלויז דער קערפּער, „דאָס עפּעס" בלייבט אָבער ווייטער לעבנ. בעת דער מענטש

שלאָפּט, קאָנ זיכ „דאָס עפּעס“ אוועק שפּאַצירנ. דעריבער טאַקע איז געוועג אַנ אַבערגלויבנ, אַז דעם שלאָפעדיקנ מענטשנ טאָר מעג ניט אויפוועקנ מיטאַמאָל: „דאָט עפּעס“ (וואָס איז פונ אים אַרויסגעגאַנגענ בעייסנ שלאָפ) וועט נאָכ כאָלילע ניט באַוויינ צוריקצוקערנ זיכ אונ דער מענטש וועט נעבעכ בלייבנ שלאָפנ אייביק. אָט אַזוי האָט זיכ אויסגעבילדעט דער גלויבנ אינ נעשאָמע.

אָסטאַפּ ווישניאַ

די אַנטשטייונג פונ דער וועלט

צום אָנפאַנג איז אַפ דער ערד גאָרניט געווענ. אייגנטלעכ — ניט „אַפ דער ערד“ איז גאָרניט געווענ, נאָר עס איז בּיקלאַל גאָרנישט ערגעצ געווענ. אונ די ערד איז אויכ ניט געווענ. פוסט אַרום אונ אַרום... נו, גיטאָ וווהינ אַרויסגיינ, ניט וווהינ אַרויספאָרנ.

גאָט איז געווענ... ווו איז ער געווענ — מע קענ ניט וויסנ. אָבער ער איז געווענ... דעמאָלט איז גאָרניט געווענ, אונ אינ דעם גאָרניט איז געווענ גאָט... ער איז געפלויגנ... וווהינ איז ער געפלויגנ — שווער צו וויסנ... וואָרום דעמאָלט איז דאָכ קיינ לופט ניט געווענ... אָבער ער איז געפלויגנ, אַפ דערופ איז ער דאָכ א גאָט... אונ ווי באַלד ער איז גאָט, הייסט עס, האָט ער געקענט פליענ, כאָטש עס איז ניט געווענ, ווו צו פליענ... איז ער געפלויגנ, געפלויגנ, ווו ער גיט א קוק — פינצטער... שוואַרצ אַרום, כאָטש דער „אַרום“ איז ניט געווענ, ווייל ס'איז דאָכ דאַנ גאָרניט געווענ... אונ גאָט איז פינצטער געווענ, כאָטש קיינ פינצטערניש איז נאָכ ניט געווענ, ווייל פינצטערניש איז מאַראַנ נאָר דאַנ, ווענ מע ווייסט וועגנ ליכטיקייט...

מיט איינ וואָרט, גאָט איז נימעס געוואָרנ אַרומפליענ אינ זאַכ, וואָס איז ניט געווענ... א קוק געבנ, וווהינ דו פליכט קאָנ מענ ניט, וואָרום עס איז ניטאָ, אַפ וואָס צו קוקנ, אונ קוקנ ווילט זיכ. כאָטש קיינ ווילנ איז דאַנ ניט געווענ.

האָט זיכ גאָט ארומגעקוקט אפ אלע זייטנ, כאָטש קיינ זייטנ זיינענ דאנ ניט געווענ.

האָט גאָט א ליארעמ געטאָנ:

— זאָל ווערנ ליכטיק!

דאָס איז געווענ דער ערשטער טאָג, כאָטש קיינ טעג איז דעמאָלט ניט געווענ.

אונ עס איז געוואָרנ דורכויס ליכטיק... ליכטיק, ליכטיק.

האָט גאָט א קוק געטאָנ—ליכטיק... אונ מע קאָנ גאָרניט זענ, ווייל ס'איז ניטאָ אפ וואָס צו קוקנ...

— גו, וואָס — זאָגט ער—ווידער פליענ?

די פליגלענ טוענ וויי, כאָטש קיינ פליגלענ זיינענ ניט געווענ.

— מע דארפ — זאָגט ער — א דירע זוכנ!

גו, ווו געפינט מענ זי?

טוט ער ווידער א ליארעמ:

— זאָל ווערנ א הימל! זאָל ווערנ די ערד!

האָט זיכ אָנגעהויבנ דרייענ, דרייענ (כאָטש עס איז ניט געווענ, וואָס עס זאָל זיכ דרייענ) אונ עס האָט זיכ אויסגעדרייט דער הימל... זי חאָט זיכ אויסגעדרייט אונ געבליבנ הענגענ אינ דערהייכ, כאָטש קיינ הייכ איז דאנ ניט געווענ... עס האָט זיכ אויכ אויסגעדרייט די ערד. איז דאנ גאָט ארופגעפלויגנ אפנ הימל, האָט זיכ געזעצט (כאָטש זיצנ איז ניט געווענ אפ וואָס), האָט א גלעט געטאָנ די באָרד אונ האָט א זאָג געטאָנ:

— נו, איצטער וועט די זאכ א גיי טאָנ אפ אלע הונדערט פראָצענט. אנו, זאָגט ער — די ערד — אפ רעכטס, די וואסער — אפ לינקס! (כאָטש קיינ וואסער איז דאנ ניט געווענ).

האָט גאָט אָפגעשיידט די וואסער פונ דער טריקעניש.

— א נו, ערד, לאָז ארויס געוויקסנ.

האָבנ אָנגעהויבנ שפארנ געוויקסנ.

האָבנ גענומענ וואקסנ פארשיידענע בוימער: סאָסנע, דוב אונ אָלכע.

זיי וואקסנ. אונ וואקסנ, אונ וואקסנ ביז היינטיקנ טאָג...

קיינ זונ איז ניטאָ, אָבער זיי וואַקסנ...

— איר וואַקסט? — פֿרעגט גאָט — נו, גוט, האָט קיינ צאָר ניט — באַלד וועט זייַנ די זונ, און די לעוואָנע וועט זייַנ! און די שטערנ וועלנ זייַנ!

האָט גאָט אַ מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט — און מיט אַנ עמעס: עס האָט אַ שייַנ געטאָנ די זונ, אַ בלישטשע געטאָנ די לעוואָנע און געפֿינקלט די שטערנ.

דאָס איז געשענ באַנאַכט (כאָטש קיינ נאַכט איז ניט געווענ) און די זונ שייַנט, די לעוואָנע שייַנט און עס שייַנענ די שטערנ...

דאָס איז געווענ דער פֿערטער טאָג.

אַפֿנ פֿינפֿטנ טאָג האָט זיכ גאָט אויפֿגעהויבנ, אַ קוק געטאָנ — וואַסער אָנ אַ ברעג, וועלדער אויסגעוואַקסנ און וואָלט זייַנ כאָטש אַמ אַ רעפּוע אַ פֿישעלע, אַ פֿייגעלע.

— אַנו — גיט ער אַ זאָג — גיב זיכ אַ ריר, פֿישעלע, הויבט אָנ צווִיטשערנ, פֿייגעלעכ!

אינ פֿינפֿ מינוט אַרומ האָבנ אַ שווומ געטאָנ פֿישעלעכ, האָט אַ זונג געטאָנ דער קורסקער סאָלאָוויי... מיט איינ וואָרט, עס איז אָוועק אַ סעדרע פֿיש און פֿייגעלעכ.

אַפֿנ זעקסטנ טאָג זיצט גאָט און טראַכט:

— אַלצ איז פֿאַראַנ! און קיינ מענטשנ זייַנענ ניטאָ! און קיינ כייעס זייַנענ ניטאָ! איז ווער וועט מיר אַ ליכטל שטעלנ, ווער וועט צו מיר ספּילע טאָנ?

האָט ער אַ מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט — זייַנענ זיכ צעפֿלויגנ פֿאַרשיידענע כייעס. דערנאָכ האָט ער כאַפּ געטאָנ אַ שטיק ליימ, האָט אַ שפּיי געטאָנ, האָט אַ מיש געגעבנ, האָט אויסגעקלעפּט אַ מענטשעלע און אַפּ אים אַ בלאָז געטאָנ... האָט דער ערשטער מענטש אָנגעהויבנ ניטנ און גלייכ אַ זאָג געטאָנ:

— געלויבט ביסטו, אינ די הימלענ גאָט, זדראַווּיע זשעלאַיו, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ!

— נייַנ — זאָגט גאָט — אַזוי לויבט מענ מיר ניט... אַזוי וועסטו לויבנ די גענעראַלנ, מיר דאַרפֿ מענ זינגענ: „הייליקער גאָט, הייליקער אַלמעכטיקער...!“ לייג זיכ, אָדעמ!

אונ גאָט האָט א כאפּ געטאָנ אָדעמענ פארנ ריפּ האָט א צופּ געטאָנ... האָט ארויסגעצופּט דעמ ריפּ — א בלאָז געטאָנ

— גײ דיר א כאווענ! פרוכפערט זיכ אונ מערט זיכ! אונ איכ וועל גײנ שלאָפנ!

דעמ גאנצנ זיבעטנ טאָג האָט גאָט אָפּגעשלאָפנ.

אמ אכטנ טאָג האָט ער זיכ אופגעכאפּט, א קוק געטאָנ, א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ:

— נו, האָב איכ דאָס אָפּגעטאָנ א שטיקל מעלאָכע!

„די וויסנשאפט ווירקט אפנ סייכל אונ שטרעבט צו דערוועקנ דעמ באוווסטזיינ, די רעליגיע שטרעבט צו פארטומענ דעמ סייכל אונ איינרעדנ, אז גאָט האָט באשטראָפט דעמ מענטשנ פארנ זיינ שטרעבנ צו וויסנשאפט".

(פייערבאכ).

IV. די קאָנטר־רעװאָלוציאָנערע ראָליע פונ דער רעליגיע

א. לעװ אונ ב. װינ.

די ראַבאָנישע שװארצע מײע פאָגראָמירט די ײדישע ארבעטער

אינ זײער קאמפ קעגנ דער ארבעטער־באװעגונג האָבנ זיכ די ײדישע קאפּיטאליסטנ אונ ראבאָנימ ניט באנוגנט מיט די „פרידלעכע" קאמפ־מעטאָדנ. שפּיאָנערײ, מעסירעס, העצע, אָפּנעמענ דאָס שטיקל ברויט, ארויסװארפנ פונ דער פאבריק—דאָס אלצ איז זײ נאָכ געװענ װײניק, קעדײ אָפּצושטעלנ דעמ רעװאָלוציאָנערנ קאמפ פונ די ײדישע ארבעטער. די ארבעטער-באװעגונג איז געװאקסנ אונ האָט זיכ פארשפּרײט. די שײנע יוסטע באלעבאטימ מיט די קלײקױדעש האָבנ זיכ אָפּ אנ עמעס איבערגעשראָקנ פאר דעמדאָזיקנ װוקס. די פײנע באלעבאטימ, ראבאָנימ, צאדיקימ אונ געװיר־ימ האָבנ דאנ באשלאָסנ אָנװענדנ „אנט־שײדענע מיטלענ" אינ קאמפּ קעגנ דער „קראמאָלע". מיט דער הילפּ פונ דער פּאָליצײ, פונ דער „װולאסט", האָט מענ גענומענ אָרגאניזירנ שװארצמײעשע באנדעס, װעלכע זאָלנ פיזיש אויסװאָרצלענ, דערשטיקנ אונ דערדריקנ די ײדישע ארבעטער. פארשײדענע שלעגער־באנדעס „שומרײ עמונע", „כאװײרימ קאָל יסראָעל" א. ד. גל., װאָס זײנענ באַ־שטאנענ פונ דער שטאָטישער פּסולעס, גאנאָװימ, כוליגאנעס, האָבנ געמאזיקט, געמאָרדעט אונ טעראָריזירט די ארבעטער־באפעלקערונג פונ די ײדישע שטעטלעכ. אפ דעמ גוװירס אונ גאבעס געלט, מיט דעמ

צאדיקס אונ ראָוס בראָכע איז געשאפנ געוואָרנ א יידישע שווארצע מייע, וואָס איז ניט אָפּגעשטאנענ לויט אירע רעציכעס אונ געוואָלטעס פונ דער רוסישער שווארצער מייע. אינ א מעשעכ פונ א צאָל יאָרנ, אָנגעהויבנ פונ יאָר 1905, דעם יאָר פונ העכסטנ אויפשטייג פונ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג, ביז די יאָרנ פונ דער טיפסטער רעאקציע, זיינענ דידאָזיקע גאָטס קאזאקנ געווענ „טעטיק" אינ די יידישע ארבעטער-קווארטאלנ. די טשינאָווניקעס מיטנ בלוטיקנ צאר צוזאמענ האָבנ געמעגט זיינ צופרידנ פונ דער יידישער בורזשואזיע אונ קלעריקאלנ, וועלכע האָבנ געטריי געדינט דער קאָנטר-רעוואָליוציע.

דער ראָוו צירלסאָנ—אנ עלטסטער פונ א שווארצ־ מייעשער באנדע

אינ פרילוקי האָט דער ראָוו צירלסאָנ *) מיט עטלעכע באלעבאטים אָרגאניזירט א באנדע שלעגער, וועלכע פלעגנ אָנפאלנ אָפּ באָכערים, וואָס גייענ אום שאבעס מיט שטעקלעכ אינ די גאסנ, אונ פלעגנ זיי שלאָגנ. פארשטייט זיכ, אז די באָכערים מיט די שטעקלעכ האָבנ אויכ ניט געשוויגנ, אונ איינמאָל, נאָכדעמ ווי מע האָט גוט אָנגעקלאפּט די ביינער א פּאָר גאָטס־זשאנדארמענ פונ צירלסאָנס כיידער, איז צירלסאָנ אוועק אינ זשאנדארמעריע אונ האָט אָנגעזאָגט, אז אלע די, וואָס גייענ ארומ אום שאבעס מיט שטעקלעכ איבער די גאסנ, זיינענ „דעמאָקראטנ", און מע מוז זיי ארויסשיקנ פונ שטאָט. די זשאנדארמעריע האָט זיכ ניט געפוילט אונ האָט עטלעכע אזעלכע באָכערים ארעסטירט, געמאכט בא זיי אנ אונטערזוכונג, אונ ניט געקוקט דערויפ, וואָס מע האָט בא זיי גאָרניט געפונענ, האָט מענ זיי דאָכ ארויסגעשיקט פונ שטאָט. אט זייער פראגע, פארוואָס שיקט מענ זיי ארויס, האָט מענ זיי געענטפערט, אז די יעדיעס וועגנ זיי קומענ פונ אזא אָנגעזעענער אָפיציעלער פערזאָנ, ווי דער ראָוו צירלסאָנ אליינ, אונ דעריבער קאָנ קיינ שומ צווייפל ניט זיינ, אז זיי זיינענ אינדערעמעס „דעמאָקראטנ".

*) איצט איז ער א טעלערלעקער בא דער רומענישער רעגירונג.

אינ דעמ בונדישנ אומלעגאלנ אָרגאנ „די לעצטע נאַכריכטנ“ פונ 9־טנ אווגוסט פונ יאָר 1905 איז אָפּגעדרוקט א קאָרעספּאָנדענצ פונ פּעטריקאָוו (פּוילנ), דאטירט דעמ 4־טנ יולי, אונטערנ קעפּל „די יידישע אונ רוסישע שווארצמייעניקעס“, אינ וועלכער עס ווערט דערציילט פאָלגנדיקער פאקט:

„ווּנטיק, דעמ 25־טנ יוני, האָט די היגע גרופּע פונ „בונד“ אָרגאני־זירט אנ אלגעמיינעמ פּאָליטישנ שטרייק אלס פּראָטעסט קעגנ די רעציכעס פונ די רעגירונג־באנדעס אינ לאָדז אונ צומ אָנדענק פונ די געפאלענע לאָדזער כאווײרימ *). אינ דעמ שטרייק האָבנ אויכ גענומענ אנ אָנטייל פיל קריסטלעכע כאווײרימ. עס איז אָרגאניזירט געווענ א מאניפעסטאציע, וואָס האָט געדויערט ביז 30 מינוט. צווישנ די מאניפעסטאנטנ אונ דער אָנגעלאָפענער פּאָליצײ איז פאָרגעקומענ א צוזאמענשטויס. אפנ צווייטנ טאָג, דעמ 26־טנ, איז באמ היגנ ראָוו געווענ אנ אסיפע, אפ וועלכער מע האָט געטראכט וועגנ דעמ, ווי צו פארניכטנ די דעמאָקראטנ. אכוצ די פאָרשטייער פונ דער קליינבורזשואזיע האָבנ אפ דער אסיפע געשפּילט א גרויסע ראָליע: ג. פרענקעל, ג. גאָראָוויצ, א. בראונ אונ גוטקינד. עס איז געבליבנ צו אָרגאניזירנ א שווארצע מייע אונ צאָלנ יעדנ פונ זיי צו 2 ר. 50 ק. א טאָג, אכוצ א שײנ ביסל בראָנפנ. (אונטערגעשטראָכנ דורכ אונדז). גערעדט אונ געטאָנ. נאָכ אינ דעמזעלביקנ טאָג פונ 12 אזייגער האָט זיכ אָנגע־הויבנ א עמעטער געיעג נאָכ די דעמאָקראטנ. די שווארצמייעניקעס, וואָס מע האָט צונויפגעקליבנ פונ די אויסווורפנ פונ דער היגער באַ־פעלקערונג, זיינענ געגאנגענ פונ פאבריק צו פאבריק, פונ שטוב צו שטוב אונ האָבנ אָנ ראכמאָנעס געשלאָגנ יעדנ, אפ וועמענ עס איז נאָר געפאלנ א כשאד, אז ער געהערט צו די „דעמאָקראטנ“. מע האָט געשלאָגנ וועמענ מע האָט נאָר געקאָנט: מענער, פרויענ, ארבעטער, אינטעליגענטנ אונ דערנאָכ איבערגעגעבנ דער פּאָליצײ. מע האָט זיכ, עמעס, געקאָנט אויסקויפנ מיט געלט, אָבער ניט פאר אלעמענ איז געווענ מעגלעכ צו

*) דאָ רעדט זיכ וועגנ די בארוטאלע אָנפאלנ פונ דער פּאָליצײ אפ די ארבעטער אונ וועגנ דער שטיצ־עקזעקוציע, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ זומער 1905 יאָר.

באַצאָלנ אזא פרייז. די שוואַרצמייעניקעס האָבנ דעמ ערשטנ טאָג געשטעלט א העכערנ פרייז: צו 15 רובל פונ א מענטשנ. דער פאָליציי האָט מענ צוגעשטעלט א לאַנגע רעשימע פונ מענטשנ, אפ וועלכע עס פאלט א כשאד, אונ פונ דינסטיק אָנ האָט מענ אַרעסטירט מאסנ יידנ אונ קריסטנ. אָט אזוי העלפט די יידישע בורזשואזיע דער צארישער באנדע אויסצוואָרצלענ די דעמאָקראַטנ”.

ווענ דעמ פאָגראָמ אפ אַרבעטער, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ זדונסקא־וואָליע (קאַליש. גוב.) אינ אינ וועלכנ עס האָבנ זיכ באַטייליקט עטלעכע אָרטיקע יידישע פאַבריקאַנטנ, דער זשאַנדאַרמ אונ דער אָרטיקער רעוו, האָט געשריבנ א געליטענער פונ דעמדאָזיקנ פאָגראָמ, מ. ליוו*).

דאָס איז געווענ זומער 1905 יאָר, אינ זדונסקא וואָליע. ס'איז צו יענער צייט געווענ דאָ א 10 טויזנט טעקסטיל־אַרבעטער, צווישנ זיי ביז 3000 יידישע.

אינ שטעטל איז געווענ א גרויסע גוט אָרגאַניזירטע כעוורע גאַנאָווימ, פאַר וועלכער ניט בלויז דאָס שטעטל, נאָר אויכ די גאַנצע אַרומיקע געגנט האָט געציטערט ווי פאַר פייער.

צוליב די אָפטע שטרייקנ, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ יענעמ זומער, האָבנ אַנדערע פאַבריקאַנטנ אָנגעהויבנ די באַנדע אופצורייצנ אפ די „אכדעס” (אזוי האָט מענ גערופנ די אָרגאַניזירטע אַרבעטער).

איינמאָל אינ א טאַמעוודיקנ אָוונט, ווענ איכ בינ נאָרוואָס אַרויס אפ דער „בירזשע”, ווערט מיטאָמאָל א טומל, אז אינ מאַרק שלאָגט מענ אַרבעטער. איכ מיט נאָכ עטלעכע כאַווײרימ האָבנ זיכ געלאָזט לויפנ אינ מאַרק. אָבער אָפלויפנדיק א קליינע שטרעקע, האָב איכ מיט אמאָל דערפילט איבערנ קאָפ א שטאַרקנ קלאַפ. ווי פונ עפעס א שווערער טעמפער קיילע, אונ איכ בינ אָנ באַוווסטזיינ אַנידערגעפאַלנ. איכ בינ אָבער באַלד געקומענ צו זיכ אונ געלאָזט זיכ ווייטער לויפנ, נאָר עטלעכע באַקאַנטע האָבנ מיר אָנגעכאַפט, מיט געוואַלד

*) „עמעס” נומ. 178 פונ 1923.

מיכ ארײנגעשלעפּט אינ א שטוב, ווו מע האָט מיכ ארומגעוואשנ פונ בלוט.

ווענ איכ בינ ארויס אינ גאס, זײנענ שוינ געשטאנענ רעדלעכ מענטשנ, ניט אויסגעשלאָפּענע, ניט ארומגעוואשענע. דאָ בינ איכ ערשט געוואָר געוואָרנ דאס שרעקלעכע נײס, אז א גאנצע נאכט האָט געווילדעוועט א גוט באוואָפנטע ײדישע באנדע, מיט די אָרטיקע גאנאָווימ אינ דער שפּיצ, אז דאס ערשטע איז מענ אָנפאנג אָוונט באפאלנ עטלעכע ארבעטער אינ מארק אונ אײנעמ פונ זײ מיט א מעסער געשטאָכנ אפ טויט; דערנאָכ האט מענ מיט מעסערס, שטעקנס אונ אײזנס געמאזיקט אונ צעשעדיקט, וועלכנ ארבעטער מע האָט נאָר געטראָפנ, אונ ערשט דאנ איז מענ לויט אנ אויסגעשריבענעמ צעטל באפאלנ די דירעס פונ די מער באוווסטע ארבעטער־טוער, אונ ניט געקוקט אפ די געשרײענ פונ די שטוביקע, האָט מענ זיכ מיט זײ אָפּגערעכנט מיט דער גרעסטער אכזאָרישקײט.

קימאָט אלע כאווײרימ האָבנ די באנדיטנ געטראָפנ אפ די געלעגערס, אונ קײנער פונ זײ האָט ניט געקאָנט שטעלנ קײנ שומ ווידערשטאנד. אײנעמ האָט מענ אויסגעהאקט אנ אויג. אײנעמ האָט מענ איבערגעבראָכנ א פוס. דער טאכאקל איז געווענ: אײנ טויטער, בא א 10 פארוווּנדעטע, כוצ א מאסע לײכטער געליטענע.

שפּעטער האָט מענ זיכ דערוווסט, אז דער פּאָגראָמ איז פאָרגעקומענ מיטנ וויסנ פונ עטלעכע אָרטיקע ײדישע פאבריקאנטנ, פונמ זשאנדארמ אונ פונעמ אָרטיקנ ראָוו.

„די עמעסע רעליגיע איז די, אפנ צאד פונ וועלכער עס זײנענ דער קײסער אונ דער טאליענ". האָלבאכ.

אנ. ניקאָלינ

די רעליגיע, די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אונ דער בירגער־קריג

אינ אָקטיאבער 1917 האָט דער פראָלעטאריאט, אונטער דער אָנפי־רונג פונ דער באָלשעוויסטישער פארטיי געמאכט א סאָפ צו דער הערשאפט פונ די קאפיטאליסטנ אונ פריצימ אונ איינגעשטעלט די פראָלעטארישע דיקטאטור. מיט דעמ איז ארונטערגעריסנ געוואָרנ די גרונט־באזע, אויפ וועלכער די רעליגיע האָט זיכ געהאלטנ. איינער פונ די ערשטע דעקרעטנ פונ דער ארבעטער־פויערשער רעגירונג איז געווענ וועגנ אָפטיילנ די רעליגיע פונ דער מעלוכע.

ס'איז דעריבער קלאָר, פארוואָס די קלעריקאלנ פונ אלע רעליגיעס אונ רעליגיעזע סעקטעס האָבנ איינינעמ מיט דער בורזשואזיע אָנגע־שטרענגט אלע זייערע קרעפטנ, כדי ארויסצורייסנ די מאכט פונעמ פראָ־לעטאריאטס הענט, כדי אומצוקערנ די מאכט דער בורזשואזיע.

קערענסקעס רעגירונג, דער צייטווייליקער רעגירונג, האָבנ די קלע־ריקאלנ טריי געדינט. זיי האָבנ באשווירנ די סאָלדאטנ צו זיינ געהאָרכ־זאמ אונ דינענ טריי דער בורזשואזיע. איינינעמ מיט די קערענסקעס, מיליוקאָווס אונ די פירשטנ לוואָווס האָבנ זיי דעמ 3—5 יולי 1917 צעשאָסנ די ארבעטער, קעגנ וועלכע זיי האָבנ געפירט א נידערטרעכ־טיקע העצע, ווי קעגנ שפיאָנעג, פארעטער אונ באנדיטנ. אומ איינצור־האלטנ די מאכט פונ דער בורזשואזיע איז, ווי מיר זעענ, געווענ מאָביליזירט דער גאנצער אפאראט פונ דער רעליגיע. פארשטייט זיכ, אז נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָבנ די קלעריקאלנ מיט זייער גאנצער קראפט ארויפגעוואָרפנ זיכ אפנ פראָלעטאריאט.

האגאמ געוויינלעכ באהויפטנ די קלעריקאלנ, אז „יעדע מאכט איז פונ גאָט”, נאָר דער מאכט פונ דעמ פראָלעטאריאט, דער מאכט פונ די פרייער אונטערדריקטע מאסנ האָבנ זיי ארויסגעוויזנ א פארצווייפלטנ ווידערשטאנד. די גאלאָכימ, קסיאָנדזנ, מולאס, ראבאָנימ, גייסטלעכע פונ די פארשיידענע רעליגיעזע סעקטעס — אלע זיינענ זיי געווענ מאָבי־

ליזירט צו אָרגאניזירנ א ווידערשטאנד דעמ אָנגרייפנדיקנ פראָלעטאריאט.

אינ די קלויסטערס אונ אַלע אַנדערע „געבעט־הייזער" האָבנ די קלייקוידעש פונ אַלע רעליגיעס עפנטלעכ געהעצט די מער אָפּגעשטאַנענע מאסנ קעגנ דער נייער מאכט; קעדיי צו ווירקנ אפ די געפילנ פונ די גלויבנדע, האָבנ זיי אויסגעטראכט פארשיידענע ליגנס, אז די באָלשעוויקעס פארפאָלגנ קלוימערשט די רעליגיע, איזדעקעווענ זיכ איבער איר א. א. וו. אינ אסאכ ערטער האָבנ די גאַלאָכימ אונ אַנדערע קלייקוידעש אויסגעלאָזנ אונ פארשפרייט קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע בלעטלעכ, אינ וועלכע זיי האָבנ גערופנ די גלויבנדע צו אָרגאניזירנ א ווידערשטאנד דער פראָלעטארישער דיקטאטור. באזונדערס האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט זיינע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע אויפרופנ דער פאטריארכ טיכאָנ.

אינ דער צייט פונעמ בירגער־קריג האָבנ די קלעריקאלנ געהאָלפנ מיט וואָס נאָר זיי האָבנ געקאָנט די ווייסגווארדעישע באנדעס אונ איינגעריידט די אָפּגעשטאַנענע הארעפּאשניקעס ארייַנטרעטנ אינ דידאָזיקע באנדעס אונ אַקטיוו, מיט געווער אינ די הענט, קעמפנ קעגנ דער רויטער ארמיי. די קלעריקאלנ האָבנ שטענדיק אונ אומעטומ ארויסגעגעבנ דער ווייסער קאָנטער־ראזוועדקע די באָלשעוויקעס, וואָס האָבנ געארבעט אומלעגאַל אונ ביכלאַל די אַלע, וואָס האָבנ מיטגעפילט די באָלשעוויקעס אונ דער רויטער ארמיי. צוזאמענ מיט די ווייסע גענעראלנ האָבנ די קלייקוידעש באטייליקט זיכ אינ די שטראָפ־עקספעדיציעס קעגנ די פויערשע מאסנ, וואָס האָבנ געקעמפט קעגנ קאָלטשאקנ, וראנגעלנ, דעניקינענ א. א. די קלעריקאלנ האָבנ אָרגאניזירט ספעציעלע רעליגיעזע קאמפ־אָטריאדנ, פארנומענ זיכ מיט שפּיאָנאזש, פארוואנדלט די קלויסטערס אינ געהיימע געווער־סקלאדנ. נאָכ ביז גאָר ניט לאנג פלעגט מענ באמ פארמאכנ קלויסטערס אונ ליקווידירנ מאָנאסטירנ דאָרט געפינענ געווער, קוילנ אונ פארשיידענע מיליטערישע מאכשירימ. אינ 1929 האָט מענ אינ מ ע נ ז ע ל י נ ע ר מאָנאסטיר געפונענ א גרויסע צאָל מיליטערישע מאכשירימ אונ, צווישנ אַנדערע, אויכ ענגלישע באָמבעס.

די ראבאָנימ אונ די יידישע קלייקוידעש ביכלאַל זיינענ אויכ אינ דער הינזיכט ניט געווענ קיינ אויסנאמענ. זיי האָבנ אויכ געלייגט זיכ אינדערלענג אונ אינדערפרייט, געטאָנ אלצ, וואָס זיי האָבנ געקאָנט, קעדיי

צו העלפנ די ווייסגווארדעישע באנדעס אונ די אויסלענדישע אינטערווענטנ

אינ דאָנער געגנט, בא דער הערשאפט פונ גענעראל קאלעדינ, האָט די יידישע קעהילע אונטערגעטראָגנ דעמ „העכסטנ אָנפירער" א פייער־לעכנ לויב־אדרעס, אריינגעלייגט אינ „כיידעמ" אלע יידנ־באָלשעוויקעס א. א. וו. דידאָזיקע קעהילע האָט אויכ געשיקט א דעלעגאציע דעמ גענעראל קראסנאָוו, הזגאמ אָט דער גענעראל האָט זיינ הערשאפט אינ דער דאָנער געגנט שיר ניט אָנגעהויבנ פונ צוריק אופשטעלנ אלע צארישע באגרענצונגענ פאר דער יידישער באפעלקערונג.

ווענ אינ קיעוו האָבנ געהערשט די טרייע דינער פונ די דייטשישע אָקופאנטנ מיט סקאָראָפאדסקינ בעראָש, האָבנ די אָרטיקע יידישע קלעריקאלנ אינ זייער זשורנאל „דאָס נייע יידישע לעבנ" אָפנ באדויערט די ליקווידירונג פונ דער בלוטיקער צארישער זעלבסטהערשונג, פאר־שאָלטנ די „אנארכיע" אונ געדאנקט גאָט, וואָס אינ אוקראינע געפינענ זיכ די דייטשנ, וועלכע „היטנ אָפ די אָרדענונג אונ זייער פארמעגנ".

די סווואלקער ראבאָנימ האָבנ אָרגאניזירט פאר די ווייספוילישע באנדעס א פייערלעכנ קאבאָלעס־פּאָנעמ. אינעמ טאָג, ווענ זיי האָבנ געדארפט אריינטרעטנ אינ שטאָט, איז דער גרויסער בעסמעדרעש געווענ באפוצט מיט נאציאָנאלע פוילישע פאָנענ, אפנ דאכ האָבנ די ראבאָנימ ארויסגעשטעלט א פוילישנ אָדלער צוזאמענ מיט א „מאָגנ־דאָוויד". א ספּעציעלע דעלעגאציע האָט באגעגנט די ווייספוילישע ארמיי באמ טריומפאלנ טויער.

די ראבאָנימ, ווי די גאלאָכימ, קסיאָדזנ, סעקטאנטנ—אלע האָבנ זיי אינ די יאָרנ פונ בירגער־קריג אָנגעשטרענגט זיכ ביז דער לעצטער מעגלעכקייט, אָפּגעגעבנ זיכ אינגאנצנ אינ רעשוס פונ די ווייסגוואר־דעישע גענעראלנ אונ אויסלענדישע אָקופאנטנ, האָפנדיק, אז מיט זייער הילפ וועט זיכ איינגעבנ צו „באפרייענ זיכ" פונ דער פראָלעטארישער דיקטאטור אונ אופשטעלנ די מאכט פונ די קאפּיטאליסטנ אונ פריצימ.

רעליגיע אונ די סאָציאליסטישע בויונג

„די רעליגיעזע אָרגאניזאציעס, וועלכע ס'ווערנ מאטעריעל געשטיצט ניט נאָר דורכ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ פונ פסר"ר, נאָר אויכ

דורכנ אויסלענדישנ קאפיטאל, זײנענ אינ טאָכ א פאָליטישע אגענטור אונ א פאָליטישער אפאראט פונ די פײנטלעכע צום פראָלעטאריאט קלאסנווע גרופירונגענ אינ אונדזער לאנד גופא, אונ אויכ פונ דער אינטערנאציאָנאלער בורזשואזיע. אזוי האָט כאראקטעריזירט די ראָליע פונ די רעליגיעזע אָרגאניזאציעס דער צווייטער אלפארבאנדישער צו־זאמענפאָר פונעמ פארבאנד קריגערישע אפיקאָרסימ. אונ דידאָזיקע כא־ראקטעריסטיק אנטשפרעכט פולשטענדיק דער ווירקלעכקײט, אנטפלעקט קלאָר אונ בוילעט דאָס, וואָס ס'באהאלט זיכ געוויינלעכ אונטער דער מאסקע פונ רעליגיע.

באַ אונדז אינ פסר"ר זײנענ די רעליגיעזע געמײנדעס די אײנציקע לעגאלע פאָרמ פאר דער זעלבסט־אָרגאניזאציע פונ אונדזערע קלאסנ־סאָנימ. דער באלעגופ אונ נעפמאנ, וועלכע זײנענ פאקטיש די אָנפי־רערס פונ די רעליגיעזע אָרגאניזאציעס, פירנ הינטער דער שירמע פונ צײלעמ אונ פאָרויכעס א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע ארבעט, קעמפנ אק־טיוו קעגנ דער ראטנמאכט, מאסקירנדיק זיכ מיט רעליגיעזע לאָזונגענ, פרווונ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ ארומטרײסנ אונ פארטאָרמאָזירנ די אנטוויקלונג פונ די סאָציאליסטישע פאָרמענ פונ אונדזער ווירט־שאפט.

בלויז פארנ לעצטנ פעריאָד האָבנ די אָרגאנענ פונ אָגעפעו אנטדעקט א רײ רעליגיעזע אָרגאניזאציעס מיט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פראָ־גראמעס אונ מײסימ. אזעלכע אָרגאניזאציעס זײנענ געווענ אנטדעקט אינ לענינגראד, איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק, אסטראכאנ, וויאטקע, מינסק אונ אינ א רײ אנדערע שטעט אונ רײאָנענ. אלס אויפגאבע האָבנ די־דאָזיקע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ זיכ צוגעדעקט מיט א רעליגיעזער מאסקע, געשטעלט זיכ צו קעמפנ קעגנ דער ראטנמאכט. אינ שפיצ פונ זיי זײנענ געשטאנענ סיי דינער פונ די רעליגיעזע קולטנ, סיי אלערליי „געוועזענע מענטשנ", צומ בײשפיל, מיט דער איוואנאָוואָ־וואָזנעסענ־סקער אָרגאניזאציע האָבנ אָנגעפירט דער יאראָסלאווער ארכיעפיסקאָפ רעשענצאָוו אונ דער קינעשמער יעפיסקאָפ גאָלובאָוו, אינ אסטראכאנ האָט מיט דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער ארבעט אָנגעפירט דער יעפיסקאָפ פיליפ. אינ מינסק האָבנ מיט דער קלעריקאלער אנטיסאָווע־

טישער אָרגאַניזאַציע אָנגעפירט: דער מאַגיד שאַקאָוויצקי, דער ראָוו קערשטיינ, די געוועזענע קאַפּיטאַליסטנ שאָכער, קאַבאַקאָוו א. א.

אינ דער צוייגענער צייט זיינענ אַנטדעקט געוואָרנ אויכ אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי די סעקטעס „אימיאַסלאַווצעס" אַפּ צאָפּנ־קאַווקאַז, „פּיאָדאָראָווצעס" אינ דער צענטראַלער שוואַרצערדישער געגנט, שולצס סעקטע אינ מאָסקווע, דער „פאַרבאַנד צו באַפרייענ אוקראַינע" א. א. מיט אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבנ אָנגעפירט געוועזענע אָפיצערנ, באַלעגופים, וויסגוואַרדייער. אַלס הויפּט־אויפגאַבע האָבנ זיי זיכ געשטעלט שעדיקנ מיט אַלע מעגלעכקייטנ די סאָציאַליסטישע בויונג אונ ליקווידירנ די מאַכט פונ די ראַטנ.

די פּראָגראַם פונ דער קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער סעקטע „פּיאָדאָראָווצעס" איז געווענ קלאָר אויסגעדריקט אינ איינער פונ די פּילצאָליקע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זי האָט פאַרשפּרייט. אינ דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע ווערט געזאָגט, אַז די ראַטנמאַכט דאַרפ מענ אַראָפּוואַרפנ אונ אַז מע דאַרפ אויסאַרבעטנ אַזאַ געזעצ, וואָס זאָל דערלויבנ יעדנ איינעמ לעבנ אַזוי, ווי ער וויל...

„מיר,—ווערט געזאָגט אינ דערדאָזיקער פּראָקלאַמאַציע,—וועלנ פאַרניכטנ אַלע סאָוועטישע ביכער, מיר וועלנ אַרונטערייסנ די ראַטנמאַכט. איר דאַרפט פאַרשטיינ אונ ניט גיינ קעגנ אונדז, נאָר פּראָטעסטירנ קעגנ דער מאַכט פונ די ראַטנ. אַראָפּ די קאָמונע! דערלאַנג דעמ אַלטנ שטייגער! ברידער, פאַרשטייט עס אונ גייט קעגנ דעמ ראַטנ־פאַרבאַנד!"

ווי ס'איז צו זעענ פונ דער פּראָקלאַמאַציע, האָט דידאָזיקע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע באַלעגופישע סעקטע געוואָלט איינשטעלנ אַזאַ „ברידערלעכנ געזעצ", בײַ וועלכנ די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ וואָלטנ געקאָנט פריי עקספּלואַטירנ, ווי זיי האָבנ דאָס געטאָנ ביז דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. זיי האָבנ געוואָלט אומקערנ די ערד צו די פּריצימ, די פאַבריקנ צו די קאַפּיטאַליסטנ, צוריק אַרופזעצנ דעמ קייסער אַפּנ טראָנ, כּדי ווי פריער פאַרשקלאַפנ די פּויערימ, עקספּלואַטירנ די אַרבעטער.

די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע פּראָגראַמ פונ דער סעקטע „אימיאַ־

סלאוועצעס" איז געווען אויסגעדריקט אין די פאָלגנדיקע 12 געבאָטנ־באדינגונגען, וואָס מע האָט געשטעלט יעדנ מיטגליד פונ דער סעקטע, אונ וועלכע ער האָט געמוזט אויספילנ:

1. קעמפנ קעגנ דער ראטנמאכט. 2. ניט גײנ אינ דער רויטער ארמיי. 3. ניט ארבעטנ אפ קיינ שום סאָוועטישער שטעלע. 4. ניט אריינטרעטנ אינ די הילפ־געזעלשאפטנ. 5. ניט אריינטרעטנ אינ דער קאָאָפעראציע אונ ניט נעמענ אינ די הענט קיינ מיטגליד־ביכלעכ. 6. אליינ ניט לערנענ זיכ אונ ניט לערנענ די קינדער אינ די סאָוועטישע שולנ. 7. ניט ווענדנ זיכ נאָכ הילפ צו דער סאָוועטישער מעדיצינ. ניט באזוכנ די לייענשטיבלעכ אונ אנדערע קולט-אנשטאלטנ. 9. ניט אויסשרייבנ אונ ניט לייענענ קיינ סאָוועטישע צייטונגענ. 10. ניט צאָלנ קיינ שטייערנ. 11. ווארטנ אפנ פאלנ פונ דער ראטנמאכט אונ ביז דענסטמאָל געדולדיק איבערטראָגנ אלע פארפאָלגונגענ; נאָכנ אָנקומענ פונ די ווייסע וועט יעדערער מאר דעמ ווי געהעריק באלוינט ווערנ. 12. קיינעמ ניט דערציילנ וועגנ אלצ, וואָס מע ווייסט וועגנ דער סעקטע.

אונ דידאָזיקע סעקטאנטנ האָבנ ניט נאָר „געווארט אפנ פאלנ פונ דער ראטנמאכט", נאָר זיי האָבנ אפנ סאמע אקטיוונ אויפנ געגרייט זיכ צו אראָפצווארפנ זי מיט דער הילפ פונ אנ אינטערווענצ. צוליב דעמ האָבנ זיי פארגרייט געווער, דערלערנט די וועגנ אונ שטעגנ, דורכ וועלכע מע זאָל קאָנענ דורכפירנ פונ יאמ די ווייסע אָטריאדנ, וואָס מע האָט דערווארט פונ אויסלאנד. דאָס פאלנ פונ דער ראטנמאכט האָבנ דידאָזיקע סעקטאנטנ דערווארט אינ 1932—1933 אונ פאָרויס האָבנ זיי שוינ באשטימט, וואָס פאר א טייל פונ פס״רר יעדע קאפיטאלי־סטישע מעלוכע וועט באקומענ.

אָט אזוי, מאסקירנדיק זיכ מיט דער רעליגיע, שטרעבנ אָנ די קלעריקאלנ פונ אלע רעליגיעס זייערע קרעפטנ, כדי אופצו־שטעלנ די מאכט פונ די קייסאָרימ, קאפיטאליסטנ אונ פריצימ, כדי אופצושטעלנ די עקספלואטאציע אונ פארשקלאפונג פונ די הארעפאשנע מאסנ.

די רעליגיעזע אָרגאניזאציעס לאָזנ ניט דורכ קיינ איינ מאָסמיטל

פונ דער ראטנמאכט. קעגנ אלע מאָסמיטלענ טרעטנ זיי ארויס, סטארענ זיכ צו דיסקרעדיטירנ זיי אינ די אויגנ פונ די אָפּגעשטאנענע מאסנ, סטארענ זיכ ארונטערצורייסנ זיי.

בעייס די איבערוואלנ פונ די ראטנ אגיטירנ די קלייקוידעש קעגנ די קאַנדידאטנ, וועלכע עס רוקנ ארויס די פארטעישע אָרגאניזאציעס אונ דער סאָוועטישער אַקטיוו, זיי זוכנ מיט אלערליי מיטלענ אראָפּ־צווארפנ די וואל־פארזאַמלונגענ, ברענגענ אראָפּ כאזאָנים אונ מאגידים, וועלכע זאָלנ אָפּציענ די מער אָפּגעשטאַנענע וויילער פונ די באריכט־ אונ איבערוואַלנ־פארזאמלונגענ, אָרגאניזירנ—ניט זעלטנ אינ די קלויסטערס אונ קלויזנ—געהיימע פארזאמלונגענ אפּ וועלכע זיי מערקנ אָנ זייערע באלעגופישע קאַנדידאטנ אינ ראט, לאָזנ ארויס בלעטלעכ, אינ וועלכע זיי רופנ פארייניקנ זיכ ארומ דער רעליגיע, ניט באטייליקנ זיכ אינ די איבערוואלנ פונעמ ראט א. ד. גל.

ווייסנדיק גוט, אז אפּ דער באזע פונ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע וועט דאָס באלעגופנטומ ליקווידירט ווערנ אלס קלאס, לייגנ זיך די קלייקוידעש פונ אלע רעליגיעס, וועלכע זיינענ טרייע דינער פונ די באלעגופימ, אינדערלענג אונ אינדערבריים, קעדיי ארונטערצורייסנ די קאָלווירטישע באוועגונג אונ די קאָלווירטישע בויונג. זיי אגיטירנ קעגנ אָרגאניזירנ קאָלווירטנ אונ קעגנ אריינטרעטנ אינ די שוינ עקזיסטירנ־דיקע קאָלווירטנ. זיי פארשפרייטנ צווישנ די אָפּגעשטאנענע פויערימ, אונ איבערהויפּט פויערטעס, די סאמע מעשונע ווילדע קלאנגענ וועגנ דעמ לעבנ אינעמ קאָלווירט. אינ די קאָלווירטנ,— שרעקנ זיי די פויערטעס,—פארגעזעלשאפטלעכט מענ די פרויענ אונ די קינדער, די באָלשעוויקעס נעמענ צו די גאנצע גערעטעניש, אלע פראָדוקטנ אונ מע גיט ניט אפילע קיינ גלאָז מילכ פאר א קראנק קינד, אינ קאָלווירט זיינענ אלע גלייכ—דער ארבעטזאמער, וואָס הארעוועט פונ פינצטער ביז פינצטער אינ פעלד, אונ דער פויליאק—אלע באקומענ גלייכ, אונ נאָכ, אונ נאָכ אזעלכע אונ ענלעכע ווילדע נארישקייטנ דערציילנ זיי וועגנ די קאָלווירסנ, קעדיי אָפּצושטויסנ פונ זיי די אָפּגעשטאנענע אָרעמע אונ מיטעלע פויערימ. אינ אטאכ ערטער, דערינ אויכ אינ די יידישע יישוווימ אונ ביישטעטליקע קאָלווירטנ,

טשאָרענ זיכ די קלייקוידעש אפ אלערליי אויפאנימ אונ ד׳רכ פאר־ שיידענע מיטלענ צו דעזאָרגאניזירנ אונ ארונטעררייסנ די ארבעט פונ די קאָלווירטנ. ווו זייערע אָנהענגער גיט זיכ איינ צו פארכאפנ די אָנפירונג, לאָזנ זיי אינ קאָלווירט ניט ארייננ די אָרעמשאפט אונ באטראַקעס. „קיינ קאפצאָנימ, וואָס האָבנ גאָרנישט, דאַרפנ מיר ניט".. זיי אגיטירנ קעגנ צונויפשיטנ דעמ זריע־מאטעריאל אונ העלפנ די באלעגופימ פארבאהאלטנ אימ. באמ ניי־זלאטאָפאָליער ראָוו סאָרינ האָט מענ פרילינג 1930 געפונענ באהאלטנ העכער הונדערט פוד באלעגופישע ווייצ, וואָס מע האָט געדארפט צונעמענ אלס זריע־מאטעריאל.

די קלייקוידעש אגיטירנ קעגנ פארברייטערנ דעמ פארזיי־שעטעכ, קעגנ אריבערגייננ צו טעכנישע קולטורנ, קעגנ אָנווענדנ אַגראָנאָמישע מאָסמיטלענ, קעגנ אויספילנ די פלענער פונ דער ברויט־פארגרייטונג, קעגנ דער זעלבסטבאשטייערונג, מעלוכע האַלוואָעס א. א. וו. אונ ד. גל.

אינ דאָרפ יעגאָרליצק (צאָפנ־קאווקאז) האָט מענ באמ קלויסטער געשאפנ א ספעציעלנ פאָנד אפ צו קעמפנ קעגנ דער קאָלעקטיוויזאציע. אינ דאָרפ מאטווייקאָווע (מאָסקווער געגנט) האָט דער גאַלעכ איינגעמ מיט די סעקטאַנטנ דורכגעפירט א געהיימע פארזאמלונג אינ קלויסטער, אפ וועלכער ס׳איז געשטאנענ די פראגע וועגנ ארונטעררייסנ דעמ אָרטיקנ קאָלווירט. אינ דאָרפ קיעווקע (מיטל־וואָלגע) האָט דער גאַלעכ אגיטירט די פרויענ קעגנ דעמ פינפיאָר־פלאַנ, אינ דער יידישער קאָלאָ־ניע כלעבאָדאַרעווקע האָבנ די קלייקוידעש אגיטירט פאר ארויסטרעטנ פונ די קאָלווירטנ, ווייל אז ניט, האָבנ זיי געשראָקנ, וועלנ די ארומיקע אוקראינישע פויערימ מאכנ א פאָגראָמ.

בעיס די ברויט־פארגרייטונגענ ווערנ די קלויסטערס אונ באָטעמע־דראָשימ פארוואנדלט אינ געהיימע סקלאַדנ פונ באלעגופישנ ברויט, וועל־כע זיי ווילנ ניט אָפגעבנ דער מעלוכע.

מיט איינ וואָרט, ס׳איז ניטאָ קיינ איינ ווינקעלע אינ אונדזער פאָליטישנ אונ ווירטשאפטלעכנ לעבנ, ס׳איז ניטאָ קיינ איינ פראָנט־באצירק אינ אונדזער סאָציאליסטישער בויונג, קעגנ וועלכנ ט׳זאָלנ ניט קעמפנ די רעליגיע אונ די קלייקוידעש — אָט די לעגאליזירטע אגענטור פונ די רעשטלעכ קאפיטאליסטישע עלעמענטנ אינ אונדזער לאנד.

אינעמ קאמפ פארנ נייעמ שטייגער, פאר דער קולטור־רעוואָליוציע שטויסנ זיכ אָנ די האָרעפּאשנע מאסנ אפ דער רעאקציאָנערער ווירקונג פונ דער רעליגיע אונ אפ א שארפנ ווידערשטאנד מיצאד די קלעריקאלנ.

די ראבאָנימ לאָזנ ארויס ספאָרימ, אינ וועלכע זיי אגיטירנ קעגנ כאסענע האָבנ דורכ פארשרייבנ זיכ אינ „זאגס", ווייל די קינדער וועלנ זיינ „מאמזיירימ". די קלייקוידעש אָרגאניזירנ אונ האלטנ אויס כאדאָ־רימ אונ יעשיוועס, קעדיי אָפּצוציענ די קינדער פונ דער סאָוועטישער שול, זיי לאָזנ ניט אויסוואָרצלענ די פארשיידענע נארישע רעליגיעזע טראדיציעס אונ זאבאָבאָנעס, ווי מילע, כופע וקדושנ, מיקווע, טאשלעכ, סוקע א. אז. וו. א. ד. גל. די רעליגיע אונ אירע דינער בלאָזנ פאנאנ־דער בא די אָפּגעשטאנענסטע מאסנ דעמ אנטיסעמיטיזמ אונ שאָוויניזמ, באמיענ זיכ ארויסצורופנ נאציאָנאלע רייבונגענ אונ קאָנפליקטנ צווישנ די ארבעטנדיקע פונ פארשיידענע פעלקער, פלאנצנ אומצוטרוי צו דער סאָציאליסטישער קולטור, צו די נייע לעבנ־פאָרמענ, צומ נייעמ שטייגער.

די רעליגיע פארשקלאפט די פרוי. די ראטנמאכט פירט דורכ א ריי מאָסמיטלענ, קעדיי צו באפרייענ די האָרעפּאשנע פרויענ, קעדיי צו מאכנ זיי באגלייכ מיט די מענער פאר אקטיווע בויער פונעמ סאָציאליזמ, אונ די רעליגיע דורכ אירע „הייליקע" דינער קעמפט אנטשיידנ קעגנ דעמ, שטערט מיט אלערליי מיטלענ דורכצופירנ דאָס אינ לעבנ. איבערהויפט איז פארשפרייט דערדאָזיקער קאמפ אינ די פארבאנדישע מיזרעכ־רעפּובליקנ, ווו די פרוי איז באזונדערט פארשקלאפט. דאָ דארפ די פרוי, לויט די רעליגיעזע דינימ, דאָס גאנצע לעבנ ארומגיינ מיט א פאר־דעקט פאָנימ. אראָפּנעמענ די דעקטוכ—טשאדרא, פאראנדזשא—רעכנט זיכ פאר א גרויסע אוויירע. די פרוי וואָס האָט אינ זיכ געפונענ מוט אונ קראפט צו צערייסנ מיט אָט דער פארשימלטער קנעכטישער רע־ליגיעזער טראדיציע, די פרוי, וואָס האָט פונ זיכ אראָפּגעריסנ די דעק־טוכ, ווערט באשטראָפט פונ די מיזרעכדיקע קלייקוידעש אונ באלעגופימ אפנ סאמע אכזאָריעסדיקנ אויפנ. מע העצט קעגנ איר, מע פארפאָלגט זי אונ ניט זעלטנ באצאָלט זי פאר דעמ מיטנ לעבנ. בעייס ס'האָבנ דאָרט געוויליעוועט די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע באנדעס פונ די באס־מאטשעס זיינענ די ערשטע קאָרבאָנעס זייערע, ווענ זיי פלעגנ זיכ

ארייננרייסנ אינ א דאָרפ, אָפּט געוועג די פרויענ, וואָס האָבנ פונ זיכ אראָפּגעוואָרפנ די דעקטוכ, אלס צייכנ, אז זיי צערייסנ מיטנ שימל פונ די דוירעס אונ באהעפטנ זיכ צומ נייעמ לעבנ, צומ קאמפ פארנ סאָציאליזמ.

דער אלוועלטלעכער קאפּיטאליזמ פילט די דערנענטערונג פונ זיינ סאָפ. פונ איינ זייט שטייט די ערשטע אינ דער וועלט פּראָלעטארישע מעלוכע, וועלכע איז ארומגערינגלט מיטנ מיטגעפיל פונעמ פּראָלעטאריאט פונ דער גאנצער וועלט, אונ פונ דער צווייטער, די קאפּיטאליסטישע וועלט, וועלכע שטרעבט צו דערשטיקנ דעמ ראטנפארבאנד. פאר די לעצטע יאָרנ וויקלט זיכ פאנאנדער פאר אונדזערע אויגנ א נייע, ביז איצט נאָכ ניט קיינ געזעענע אנטיסאָוועטישע העצע, אינ וועלכער די רעליגיע אונ די קלייקוידעש שפּילנ דאָס ערשטע פידל. מיט זייער פּרעכער העצע, מיט זייערע ווילדע שקאָרימ אונ רעכילעס זיינענ די קלייקוידעש אויסנ צו העלפנ די וועלט־אימפּעריאליסטנ צוצוגרייטנ א מילכאָמע קעגנ דער מעלוכע פונ די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע.

פאָרמעל נעמענ זיכ די קלייקוידעש אָנ די קריוודע פונ דער רעליגיע אונ אירע דינער, וועלכע ווערנ קלוימערשט פארפאָלגט אינ פסר״ר. איגדערעמעסנ אָבער איז דער גאנצער „קרייצ־צוג״, וועלכנ ס׳האָט אָרגאניזירט דער רוימישער פּויפּסט, מיט דער הילפ פונ די ענגלישע, פראנצויזישע א. א. יעפּיסקאָפּנ, פונ די לאָנדאָנער, ניו־יאָרקער אונ וואָרשעווער ראבאָנימ, געווענדעט קעגנ אונדזער סאָציאליסטישער בויונג, קעגנ אונדזער פינפיאָר־פּלאנ, וועלכער וואָרצלט אויס די לעצטע רעשטלעכ קאפּיטאליזמ אינ אונדזער לאנד אונ וואָס דאָס דריטע אנטשיידנדיקע יאָר זיינס פארענדיקט שוינ דעמ פונדאמענט פונ אונדזער סאָציאליסטישער עקאָנאָמיק.

אויכ אינ דעמ פאל איז די רעליגיע א מאסקע פאר די קאפּיטאליסטנ, אונ די קלייקוידעש זיינענ א טרייע אגענטור זייערע. לויט דער באשטעלונג פונעמ קאפּיטאל האָט „גאָטס שטעלפארטרעטער אפ דער ערד״, דער רוימישער פּויפּסט, פי דער עלפטער, דערקלערט א „קרייצ־צוג״ קעגנ פסר״ר, צו וועלכנ ס׳האָבנ זיכ באלד פאראייניקט די ראבאָנימ פונ אמעריקע, ענגלאנד, פראנקרייכ אונ פוילנ, די „העלדנ״ פונ דעניקינס

אונ קאָלטשאקס ווייסע באנדעס, דער אָרגאניזאטער פונ יידישע פּאָגראָמענ אינ רומעניע, דער מיטראָפּאָליט גורינ א. א. אלע האָבנ זיי באמיט זיכ אויסצופילנ די באשטעלונג פונ די אימפּעריאליסטנ. אונ אנדערש קאָנ עס ניט זיינ, ווייל די רעליגיע איז א טרייע דינסט פונעמ קאפּיטאל.

פאר די ברייטסטע מאסנ האָרעפּאשניקעס ווערט אלץ מער אונ מער קלאָר דער קלאסעווער מעהוס פונ דער רעליגיע אונ איר ראָליע אינעמ פארשארפטנ קלאסנקאמף, וואָס וויקלט זיכ פאנאנדער. מיט יעדנ טראָט פאָרויס פונ דער סאָציאליסטישער בויונג, וואקסט אונ פארברייטערט זיכ די אנטירעליגיעזע באוועגונג. דערקענענדיק דעמ עמעסנ מעהוס פונ דער רעליגיע, איר קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע ראָליע, צערייסנ די האָרעפּאשנע מאסנ מיט איר, גייענ פונ איר אָפּ.

דעמ ביישפּיל פונ אָט די באוווסטזיניקע אפּיקאָרסימ דארפנ נאָכטאָנ אויכ יענע האָרעפּאשנע שיכטנ, וועלכע האָבנ זיכ דערווייל נאָכ ניט אינגאנצנ איבערצייגט אינ דעמ גרויסנ שאָדנ, וואָס די רעליגיע פארשאפט דער מענטשהייט, וועלכע האָבנ נאָכ ניט אינגאנצנ פארשטאנענ, אז דער קאמפ קעגנ דער רעליגיע איז א קאמפ פארנ סאָציאליזמ.

דאָס דארפנ פארשטיינ אלע האָרעפּאשניקעס, זיי דארפנ ענדגילטיק צערייסנ מיטנ רעליגיעזנ שימל אונ אריינטרעטנ אינ די רייענ פונ די אקטיווע קעמפער קעגנ דער רעליגיע, אינ פארבאנד פונ די קריגערישע אפּיקאָרסימ.

אלע האָרעפּאשניקעס אינ די רייענ פונ די קריגערישע אפּיקאָרסימ!

דער קאמפ פונ די אפּיקאָרסימ איז לענינס קאמפ!

„דער מענטש דארפ זיכ נאָר באפרייענ פונ הימלשנ גאנײדנ אונ אלע אנדערע אידעאָלאָגישע אָפּנארערײ אונ זיינ זיג איבער דער אלטער וועלט איז געזיכערט".
(מארקס).

פּ. ערקעס

די קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע טעטיקייט פונ די יידישע קלעריקאלנ

די רעליגיע אונ די גייסטלעכע פונ אלע נאציעס שטיצנ אונ פארטיידיקנ מיט דער גאנצער קראפט פונ זייער אָרגאניזאציע די קאפּיטאליסטישע עקספּלואטאציע. די עקספּלואטירנדיקע קלאסנ פונ זייער זייט פארטיידיקנ אונ שטיצנ די רעליגיע מיט דער מעלוכע־מאכט אונ מיט זייערע קאפּיטאלנ. די בורזשואזיע בויט אונ האלט אויס טויזנטער קלויסטערס אונ קלויזנ, רעליגיעזע סעמינארנ אונ יעשיוועס, קלויסטער־שולנ אונ כאדאָרימ, א גאנצע ארמיי גאלאָכימ אונ ראבאָנימ, קסיאָדזנ אונ דאיאָנימ, מאָנאכנ אונ באטלאָנימ, מיסיאָנערנ אונ מעלאמדימ, אגענטנ, גאבאָימ, שאמאָסימ, פארשיידענע רעליגיעזע פילאנטראָפּישע כעווראס אונ רעליגיעז־פּאָליטישע אָרגאניזאציעס, ווי דער גאלעכ מיטנ צייכעמ אונ דער ראָוו מיט דער טוירע העלפנ דער בורזשואזער ארמיי, דער פּאָליציי אונ זשאנדארמעג צו פארוואנדלענ די ארבעטנדיקע אונ געהאָרכזאמע קנעכט פונ די עקספּלואטירנדיקע קלאסנ.

אינעמ אויפבוי פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, אינעמ וווקס פונעמ סאָציאליזמ בא אונדז אינ לאנד זעענ די קאפּיטאליסטנ פונ גאָר דער וועלט אונ אויכ די קאפּיטאליסטישע רעשטלעכ בא אונדז אינ לאנד צוזאמענ מיט זייערע טרייע הינט—מיט דער רעליגיעזער קנופּיע—זייער מאפּאָלע. זיי פארשטייענ גאנצ גוט, אז וואָס מער די ארבעטנדיקע מאסנ הויבנ אָנ זיכ באפרייענ פונעמ רעליגיעזנ טשאד, אלצ מער ווערט פארשמעלערט זייער עקאָנאָמישע באזע אונ די מעגלעכקייטנ צו עקספּלואטירנ.

די רעליגיע, אלס אנ אקטיווע פארטיידיקערנ אונ באשיצערנ פונעמ קאפּיטאליזמ אונ רעאקציע, טרעט שטענדיק ארויס אלס בלוטיקער שונע פונעמ קעמפנדיקנ ארבעטער־קלאס—פונעמ קאָמוניזמ. פאראייניקנ זיכ קאטוילנ מיט פּראוואָסלאווע, פּראָטעסטאנטנ מיט קאטוילנ,

ייִדנ מיט פּראַוואָסלאַוונע. דער ייִדישער ראָוו ווערט אַרייַנגענומענ אינ קאָנ. דער הויפּט־ראָוו אינ פראַנקרייכ נעמט אַנטייל אינ אַנ אַלגעמיינער גאָטעס־דינסט מיטנ פּאָגראָמ־ספּעציאַליסט—דעמ מיטראָפּאָליט יעווּלאָגי. דער לאָנדאָנער אויבער־ראַבּינער הערצ האָט זיכ אָפּגערופנ אויפנ אויפרופ פונעמ הייליקנ פּויפּסט אונ פירט אַ שוואַרצמייעדיקע אַגיטאַציע קעגנ דעמ ראַטנפאַרבּאַנד; דער ליובּאַוויטשער רעבּע אינ ריגע פירט אַנ אַנטי־סאָוועטישע העצע קעגנ דער ראַטנמאַכט; די אַמעריקאַנישע ראַבּאָנימ, די ייִדישע קלייקוידעש אינ פּוילנ, זייער קלעריקאַלע אַגענטור בּאַ אונדז—אַלע האָבנ זיכ בּאַהעפט אינ איינ געמיינזאַמער העצע קעגנ דעמ קאָמוניזמ. אַלע רופנ זיי צו אַ הייליקער מילכאָמע קעגנ דעמ אַרבּעטער־קלאַס, וואָס וואַרפט אַראָפּ פונ זיכ די רעליגיעזע קייטנ, צו אַ צייל־עמ־צוג קעגנ דעמ ראַטנפאַרבּאַנד. זאָל זייַנ אונטערנ צייכנ פונ קרייצ—אַבּי אַ קריג קעגנ דעמ קאָמוניזמ. אונ, אַגעוו, ווער וועט עס פאַרבּאָטנ אינ דערדאָזיקער מיצווע־מילכאָמע צו פאַרייניקנ צומ צייל־עמ דעמ אייגענעמ הייליקנ צייכנ—דעמ מאָגנדאָוויד!

בּעת דער אָקטיאַבּער־רעוואָליוציע אונ די גאַנצע צייט פונ דער ראַטנמאַכט טרעטנ אַרויס די גייסטלעכע אָנ אונטערשייד פונ רעליגיע אַלס אויסגעשפּראָכענע פאַרטיידיקערס פונ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. זיי קעמפנ אַקטיוו אינ די רייענ פונ די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע קלאַסנ־קעגנערס פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, ווייל די אָקטיאַבּער־רעוואָליוציע האָט אַראָפּגעריסנ דעמ פרומענ שלייער פונ גאָטס סטראַפּ־טשעס, אויפגעהויבנ דעמ פּאָרויכעס, וואָס אונטער אימ האָט די רעליגיעזע קנופּיע בּאַהאַלטנ אירע מיעסע מאַיסימ, וואָס מיט אימ פלעגנ גאָטס קאָ־זאַקנ פאַרשטעלנ זייער נאַקעטקייט, קעדיי די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסנ זאָלנ איר ניט דערזענ.

בּאַמ איצטיקנ מאָמענט דינענ די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס אינ ראַטנפאַרבּאַנד אַלס אונטערגרונט־אָרט פאַר די רעשטנ פונ אַלע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע אונ פּראָלעטאַריש־פייַנטלעכע קרעפטנ. אַרומ די קלויזנ, קלויסטערס אונ מעטשעטנ גרופּירנ זיכ די רעשטנ פונ די אַלטע אונ די שפּראָצונגענ פונ דער נייַ־אויפגעקומענער בּורזשואַזיע אינ שטאָט, די בּאַלעבּאַטישע גרופּעס אינ דאָרפ, אינ שטעטל אונ דאָס בּראַכוואַרג פונ

דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזער אינטעליגענצ. זיי טרוימענ נאָכ וועגנ עקספלואַטירנ די אָרעמשאַפט, זיי האָבנ נאָכ ניט פאַרלאָרנ די האָפענונג צו מאַכנ אַ לעבנ אַפנ כעשבנ פונ די פאַרהאָרעוועטע גראָשנס, וואָס זיי פלעגט זיכ איינגעבנ און גיט זיכ נאָכ איינ ארויסצוצאַפנ בא די אָפגעשטאַנענע פינצטערע מאַסנ. פונ אונטער דער הייליקער גאַלאָכישער ראַסע און ראַבאָנישער ושופעצע שטעקט פאַקטיש ארויס דאָס קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע פאָנים פונעם נעפמאַנ און באַלעבוס און אויסלענדישנ קאַפיטאַליסט.

ווי אַלע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי פירנ אויכ די רעליגיעזע זייער אַרבעט שטאַרק געהיים. זי טיילט זיכ פאַנאַנדער אינ גרונט אָפ צוויי מאָמענטנ: אַזוי גערופענע „אויסערלעכע" פּאָליטיק און אָפ די „אינערלעכע". די אויסערלעכע פּאָליטיק פונ די יידישע קלעריקאַלנ באַשטייט אינ גרופירנ און פאַרייניקנ אַלע פיינטלעכע עלעמענטנ קעגנ דעם ראַטנפאַרבאַנד און באַזונדערס קעגנ דער לענינישער נאַציאָנאַלער פאָליטיק פונ דער קאָמפאַרטיי; אינ אַרונטעררייסנ אַלע מאָס מיטלענ, וואָס ווערנ אָנגענומענ מיצאַד אונדזערע ברידערלעכע פאַרטייענ און פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס אינ אויסלאַנד לעטויוועס דער יידישער ערד־איינאָרדענונג אינ ראַטנפאַרבאַנד; אינ זאַמלענ מיטלענ לעטויוועס „די אומגליקלעכע ברידער אינ רוסלאַנד" און אויסנוצנ דידאָזיקע מיטלענ פאַר די צוועקנ פונ זייער אָרגאַניזאַציע און טאַקע אויכ פאַר דער אייגענער קעשענע; אינ אינסטרוקטירנ די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס פונ די קלעריקאַלנ, וואָס געפינענ זיכ אינ ראַטנפאַרבאַנד.

די אינערלעכע טעטיקייט פונ די קלעריקאַלנ גופע אינ ראַטנפאַרבאַנד באַשטייט איבערהויפט פונ אינפאָרמירנ אויסלאַנד וועגנ דער לאַגע פונ די יידנ אינ ראַטנפאַרבאַנד; דערביי פאָרשטעלנ די לאַגע אינ אַזעלכע טרויעריקע און שוואַרצע פאַרבנ, אַז עס זאָל „צופנ פונ האַרצנ" און דורכ דעם ווירקנ אָפ די אַמעריקאַנער „פעטערס", זיי זאָלנ עפענענ די ביטעלעכ לעטויוועס זייער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז דער הויפט־קוואַל, פונוואַנענ די קלעריקאַלנ באַקומענ מיטלענ אָפ אויסצוהאַלטנ די גאַנצע רעליגיעזע כאַפטע אינ ראַטנפאַרבאַנד, וואָס די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט שוינ לאַנג אויסגעשטיסנ; אינ אָרגאַניזירנ

אונטערערדישע יעשיוועס און כאדאָרים, קעדיי אָפּצורייסן דאָס יידיש קינד פון דער סאָוועטישער שול און בעמיילע שוין אויך פון דער סאָוועטישער און קאָמוניסטישער ווירקונג; אין אָרגאניזירן פארשיידענע פילאנטראָפּישע כעווּרעס, וואָס דינען פון איין זייט, אלס מאטעריעלע באזע און שירעמע פאר זייער אנטיסאָוועטישער טעטיקייט און פון דער צווייטער, האָבן פאר זיך דידאָזיקע פילאנטראָפּישע אינסטיטוציעס אן אויפגאבע צו פאראינטערעסירן מאטעריעל די אָרעמשאפט און אָפּציען איר סימפּאטיע פון דער ראטנמאכט, וואָס נעמט אָן אלע מיטלען צו פארוואנדלען די יידישע דעקלאסירטע עלעמענטן אין ארבעטנדיקע בירגער; אין צוטראכטן פארשיידענע קאָמבינאציעס, וואָס דורך זיי זאָל מען קאָנען ארומגיין די סאָוועטישע געזעצן, וועלכע גיבן ניט קיין מעגלעכקייט די קלעריקאלע אָרגאניזאציעס צו אנטוויקלען זייער פּאָליטישע טעטיקייט קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאסן; אין זאמלען מיטלען פאר זייער אנטיסאָוועטישער טעטיקייט אין ראטנפארבאנד און אויך פאר די קלעריקאלע אינסטיטוציעס אין פּאלעסטינע.

די סטרוקטורע פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קלעריקאל־נעפּמאנישע אָרגאניזאציעס

די אַנטיסאָוועטישע טעטיקייט פון די קלעריקאַלן אין אויסלאַנד איז אַ טייל פון דער גאַנצער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, וואָס די קאַפּיטאַליסטן פירן קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. אויסער דעם, וואָס די יידישע בורזשואזיע נוצט אויס די יידישע רעליגיע אַלס געווער אין קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער, אַלס אַ מיטל צו פאַרפעסטיקן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, אַלס אַ מיטל אָפּצורייסן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלגעמיינעם קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, שפּילן נאָך די יידישע קלייקוידעש אַ באַזונדערס אַקטיווע ראָליע אין צוגרייטן אַ מילכאָמע קעגן פסר״ר מיט די העסלעכסטע רעכילעס אַז אין פס״רר ווערט קלוימערשט געראַדעפט די יידישע רעליגיע, מיט אַלערליי קאַמפּאַניעס ווי באַזאָרגן די יידן פון פסר״ר מיט מאַצעס „גויערטאַנעס״ זיין (אויפאָדערן צום פאַסטן), וואָס אין

פסר״ד לאָזט מענ פרומע ייִדנ ניט דאַוונענ; אַז דאָס ייִדישע פאָלק גייט אויס פונ הונגער א. אז. וו. העלפנ זיי שאַפנ צווישנ די אָפּגעשטאַנענע האָרעפּאַשנע מאַסנ אינ אויסלאַנד אַ פייַנטלעכע אַטמאָספערע אַרומ פסר״ד.

די גאַנצע העצע אונ פּאָליטישע אַקציעס קעגנ פסר״ד, וואָס די קלעריקאַלנ פירנ, ווערט אָנגעפירט דורכ אַ ראַבינאַט, וועלכער געפינט זיכ אינ אויסלאַנד אונ באַשטייט פונ פאַרשיידענע רעוולעכ אינ שטעטלעכ, פונ געגאַלטע דייאָנימ, היינטמאָדישע מאַגידימ, געוועזענע „גוטע ייִדנ״ אונ סתם קאַפּיטאַליסטנ—פאַרשטייער פונ אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער הויפּט־באַפולמעכטיקטער פונ ראַבינאַט פאַר פסר״ד, וואָס פירט אָנ מיט דער גאַנצער אונטערערדישער אַרבעט פונ די קלעריקאַלע אָרגאַניזאַציעס אינ ראַטנפאַרבאַנד— איז דער ליובאַווישער רעבע שניאורסאָנ, וואָס דער בעזימ פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור האָט אימ צוזאַמענ מיט נאָכ אַסאַכ מיסט אַרויסגעשמיסנ פונ ראַטנפאַרבאַנד, אונ ער געפינט זיכ איצט אינ ריגע.

דערדאָזיקער אַגענט פונעמ אַלטוועלטלעכנ אימפּעריאַליזמ פאַרמאָגט זיינ אייגענע אַגענטור אינ ראַטנפאַרבאַנד, וואָס באַשטייט פונ ראַבאָנימ, מאַגידימ, גבאַייט, באַלעגופימ אונ ספּעציעלע אינסטרוקטאָרנ, וואָס פּילנ אויס אַלע שליכעסנ פונ זייער הויפּט אָרגאַניזאַטער—דעמ ליובאַווישער רעבנ.

מיט דער הילפ פונ דערדאָזיקער אַגענטור ווערנ אָרגאַניזירט אינ די שטעט, שטעטלעכ אונ אויכ אינ ייִדישנ דאָרפ אונטערערדישע ישיוועס, כאַדאָרימ, אומלעגאַלע פילאַנטראָפּישע כעווורעס (הילפ־געזעלשאַפטנ), קעהילעס, אָרגאַניזאַציעס פונ יוגנטלעכע („טימערעס באַכורימ״) אונ אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאַרפנ פאַרהיטנ אונ אַנטוויקלענ די ייִדישע רעליגיע אונ דינענ אַלס מאַטעריעלע באַזע פאַר דער רעליגיעזער קנופּיע אונ זיכערנ איר עקזיסטענצ.

די קלעריקאַלנ פאַרמאָגנ אויכ אַנ אַגיטפּראָפּ, וואָס באַשטייט פונ מאַגידימ, מעשולאָכימ אונ אַגיטאַטערס, וואָס פאָרנ אַרומ איבער שטעט אונ שטעטלעכ אונ טרעטנ אַרויס אינ די קלויזנ מיט העצע־רעדעס קעגנ דער ראַטנ־רעגירונג אונ באַזונדערס קעגנ דער קאָמפּאַרטיי.

ווי אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס פאַרמאָגן אויך די קלעריקאַלן אונטערערדישע דרוקערייען, ווו זיי דרוקן פלוג־בלעטלעך, וואָס ווערן פאַרשפּרייט אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן צווישן די אָפּגע־שטאַנענע ייִדישע מאַסן. זיי פירן אויך אַריין אומלעגאַלע ליטעראַטור פון יענער זייט גרענעץ. ספּעציעלע אינסטרוקטאָרן פונעם ליובאַ־וויטשער רעבן פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן די אינפאָרמאַציע אין פסר״ר און צושטעלן די נויטיקע ידיעות פאַר אויסלאַנד.

דער קאָרבן־מינכע מיטן ציילעם

אויבן בילד: דער פּאַלעסטינער ראַוו קוק מיט א ציילעם אויבן האַלדז, וואָס ער האָט באַקומען פון די ענגלישע אימפּעריאַליסטן פאַרן העלפן דערשטיקן די שטרייקן פון די פּאַלעסטינער אַרבעטער

אויסער דער אינערלעכער אַגענטור, וואָס דער ראַבינאַט פאַרמאָגט אין פסר״ר, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם הויפּט־אַגענט — דעם ליובאַוויטשער רעבן, שיקט נאָך אָפט אַרויס דער ראַבינאַט זיינע אָפיציעלע פאָרשטייער, וואָס קומען קיין פסר״ר קלוימערשט „צוליב פערזענלעכע ענינים“ און פאַקטיש פירן זיי אויס די שליכעס פונעם אויסלענדישן ראַבינאַט און פונעם אויסלענדישן אימפּעריאַליזם. אַלס ביישפּיל קאָנען דינען דערדאָזיקער פאַקט.

אין אויגוסט 1929 יאָר איז קיין מינסק געקומען צופאָרן דער אַמעריקאַנער ראַוו גלעזער. אין ראַטנפאַרבאַנד איז ער אָפיציעל געקומען... „צוליב פערזענלעכע ענינים“. און וואָס עס זיינען באַשטאַנען זיינע „פערזענלעכע“ ענינים זעט מען פון דעם פאַקט, וואָס ער האָט צונויפגערופן א באַראַטונג פון די מינסקער ראַבאָנים; דאָרטן האָט ער אויסגעהערט אַן אינפאָרמאַציע וועגן דעם צושטאַנד פון דער רעליגיע אין ראַטנפאַרבאַנד און וועגן

דער לאגע פונעם יידישנ „פאָלק". אפ דער באראטונג האָבנ די ראבאָנימ גלעזערנ דערציילט, אז „דאָס יידישע פאָלק גייט אונטער און די רעליגיע שטארבט אָפּ".

אומקערנדיק זיכ קיינ פאריז, האָט גלעזער צוגריפּגערופּנ א באראטונג פונ פּאַריזער ראבאָנימ און זיי דערציילט וועגנ דער „לאגע" בא אונדז. גלעזער האָט אויכ מיטגעבראכט אינפאָרמאציעס פונ „זיכערע קוואלנ" אז אינ ראטנפארבאַנד האָט מענ אימ דערציילט, אז „די באָלשעוויקעס גרייטנ אנ אופשטאנד פונ די ארבעטער אינ פאלעסטינע"...

די ראבאָנימ צוזאמענ מיט די אימפּעריאליסטנ זיינענ גרייט אינ יעדנ אופשטאנד זענ „די האנט פונ מאָסקווע", ווייל זיי פארשטייענ גוט, וואָס א אופשטאנד באטייט: דאָס האָט שוינ זיי באוויזנ די דערפארונג פונ רוסלאנד. זיי פארשטייענ, אז אנ אופשטאנד פונ די אראבישע ארבעטער און פויערימ צוזאמענ מיט די יידישע ארבעטער, אונטער דער אָנפירונג פונ דער פאלעסטינישער קאָמפּארטיי, באטייט א מאפּאָלע פונעם ענגלישנ אימפּעריאליזמ אינ פאלעסטינע, א סאָפ צו דער ציעניסטישער אוואנטיורע, א סאָפ צו דער ראבאָנימ־ציעניסטישער שמאלצגרוב. דעריבער איז גאָר קיינ כידעש ניט, וואָס די גייסטלעכע פונ אלע נאציעס, דערינ אויכ די יידישע קלעריקאלנ, האנט בא האנט מיט די אויסלענדישע אימפּעריאליסטנ און זשאנדארנ, באטייליקנ זיכ אינ דערשטיקנ ארבעטער־שטרייקנ, יעטווידער רעוואָליוציאָנערנ אופּברויז, וואָס איז געצילט קעגנ דער קאפּיטאליסטישער מאכט, קעגנ די רעליגיעזע פּריווילעגיעס.

א. כאשינ

דער „וואטיקאנ" און די יידישע שווארצע מייע אינ דער שפּיצ פונ דעמ אנטיסאָוועטישנ פראָנט

דער פּויפּסט האָט ארויסגעלאָזט א „בולע" צו אלע קריסטנ פונ גאָר דער וועלט, טפילע צו טאָנ פאר די „גערודעפטע קריסטנ אינ סאָוועטנרוסלאנד". צוזאמענ מיטנ פויפּסט זיינענ די פאָרשטייער פונ

אלע רעליגיעס צוגעשטאנענ צום קרייצ־צוג, וואָס דער וואטיקאנ האָט דערקלערט קעגנ מאָסקווע. עס האָט זיכ געשאפנ אנ איינהייטלעכער אנטיסאָוועטישער געטער־פראָנט.

די ווענט וואָס שטייענ דוירעס־לאנג צווישנ די פארשיידענע עמונעט, זיינענ איצט מיטאמאָל איבערגעבויט געוואָרנ אינ א בריק פאר שותפישנ אָנגרייפ פונ אלע שווארצע קויכעס קעגנ באָלשעוויזם אינ ראטנפאר־באנד. קארדינאלנ, בישאָפנ, מיטראָפאָליטנ, צוזאמענ מיט ראבאָנים אונ ראבייִמ האָבנ זיכ צונויפגענומענ אינ איינ וועלט־קרייצ־צוג קעגנ סאָוועטנלאנד.

די יידישע בורזשואזיע מיט אירע גוטע אונ פרומע יידנ איז ניט אָפגעשטאנענ פונ קאָמפאניע. פוילישע ראבאָנים אונ ראבייִמ האָבנ גוזער־טאנעס געוועינ פאר דער ביטערער מאראָכע פונ ריבוינע שעלוילעם אינ באָלשעוויסטישנ לאנד אונ פאר די גערודעפטע פרומע יידנ. אינ פאלעסטינע האָבנ די ראבאָנים פארנאסט א ספעציעלע טפילע קעגנ די באָלשעוויקעס.

א. אנארכאנעל

פון דעם רעבן ביזן גאלעך

ווער גערעכט ווייס איך ניט
נאָר איין זאך בין איך מודע
אז דער רעבע מיטן גאלעך
שטינקען ביידע

פון דעם רעבן ביזן גאלעך
איז קיין שרעקלעכער מעהאלעך,
ביידע זיינען גוטע ברידער
איינס דעם צווייטן נישט דערווידער

דער — אין ריזע און אין ציילעם
דער — אין טאלעס און אין טפילן
סיי דער רעבע, סיי דער גאלעך
האָבן ביידע איינע צילן

יעדער גאָט האָט זיינע סטראפטשעס
יעדער גלויבן האָט זיין מייסטער
שטינקט דער רעבע אין דעם קלייזל
און דער גאלעך שטינקט אין קלויסטער

V. רעליגיע אונ דער לעבנ־שטייגער

מ. שיינגאָלד

פראָלעטארישע אונ רעליגיעזע יאָמטויווימ

א באזונדער וויכטיקנ אָרט פארנעמענ די יאָנטויווימ אינ לעבנ פונעמ רעליגיעזנ מענטשנ.

יאָנטויווימ אנטהאלטנ אינ זיכ זייער פיל עלעמענטנ, וואָס ווירקנ אפנ געפיל פונ דעמ גלויביקנ. דערפאר זעענ מיר, אז ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס זייער פיל פונ די „טאריאג״ *) מיצוועס האָבנ שוינ אָנגעוואָרנ זייער ווירקונג אפ די האָרעפאשנע מאסנ, שפילנ נאָכ די יאָנטויווימ א באדייטנדיקע ראָליע אינ לעבנשטייגער אָפטמאָל אפילע פונ די אָפגעשטאנענע ארבעטער. זיי גלויבנ, אז אָפהיטנדיק די יאָנטויווימ באזאָרגנ זיי זיכ מיט גליק אונ געזונט אונ גלייכצייטיק באקומענ זיי קלוימערשט יענע רו־טעג, וועלכע זיינענ נויטיק דעמ ארבעטנדיקנ, קעדיי אופשטעלנ זייגע פיזישע אונ גייסטיקע קויכעס.

אָפטמאָל קומט אויס צו הערנ א טייגע: „פארוואָס קעמפט איר קעגנ יאָנטויווימ, דער מענטש איז דאָכ ניט קיינ אָקס, ער קאָנ דאָכ ניט ארבעטנ אָנ אנ אופהער. מע דארפ דאָכ א מאָל רוענ אויכ״.

מיר באקעמפנ קלאל אונ קלאל ניט יאָנטויווימ אלס אזעלכע. מיר האָבנ גאָרניט קעגנ נאטירלעכנ פארלאנג אונ נויטבאדערפעניש אינ רו־טעג. מיר באקעמפנ נאָר די רעליגיעזע יאָנטויווימ צוליב זייער שעדלעכקייט.

פארקערט, די פראָלעטארישע יאָנטויווימ פייערנ מיר מיט גרויס ענטוזיאזמ.

*) 613.

וואָס איז דער אונטערשייד פונ די פראָלעטארישע אונ רעליגיעזע יאָנטויוימ?

אָט האָבנ מיר, לעמאָשל, אינ פרילינג א רעליגיעזנ יאָנטעוו — פייסעכ, אונ א פראָלעטארישנ יאָנטעוו — 1־טער מיי. יעדער מער אָדער ווינציקער באוווסטזיניקער מענטש וועט גלייכ זעענ דעמ גרויסנ אונטערשייד צווישנ די דאָזיקע יאָנטויוימ.

דער רעליגיעזער יאָנטעוו — פייסעכ איז דער אידעאל פונ דעמ קליינ־אייגנטימערשנ־שיכט פונ דער באפעלקערונג. ער איז אינדיווידואליסטיש־פאסיוו. ער באשטייט פונ א העסעבעט מיט א סיידער, מאצע, קניידלעכ אונ פיר קויסעס, א טפילע צו גאָט, וועלכער האָט געוויזנ „ניסימ אפנ יאמ". ער שלעפט צוריק צומ אָווער, צו „מייסעלעכ פונ אמאָל", צו זיכרוינעס וועגנ דער ווייטער פארגאנגענקייט. ער האָט גאָרניט צו טאָנ מיטנ „היינט", אָנ קיינ שומ פערספעקטיוו אפ „מאָרגנ". ער איז דער פאסיווער, לאקריצ־זיסער, בענימעסדיקער יאָנטעוו פונעמ אינדיווידואליסטישנ קליינבירגערלעכנ זיידענעמ יונגנ מאנ, וועלכער האָפט אפ גאָטס ניסימ, אליינ אומבאהאָלפנ אונ אומפעיִק אפ קיינ שומ קאמפ.

דער ערשטער מיי — דאָס איז דער יאָנטעוו פונ ארבעטער־קאָלעקטיוו, וועלכער רעוואָליוציאָניזירט דעמ ארבעטער, מאכט אימ קאמפ־פעיק אונ קאמפ־לוסטיק. דעמ 1־טנ מיי דעמאָנסטרירט דער ארבעטער־קלאס זיינ רעוואָליוציאָנערנ ווילנ צו קעמפנ מיט זיינ קלאסנ־שונע ביזנ ענדגילטיקנ ניצאָכנ, פארנ איבערבויענ דאָס געזעלשאפטלעכע לעבנ אפ נייע קאָמוניסטישע יעסוידעס. דער ערשטער מיי־יאָנטעוו איז א קאָלעקטיוויסטישער אקטיווער יאָנטעוו, וועלכער שטעלט קלאָרע פאָדערונגענ פונ היינטיקנ טאָג מיט אויסגעשפראָכענע רעוואָליוציאָנערע פערספעקטיוו אפ „מאָרגנ". ער רופט ניט צו פארלאָזנ זיכ אפ גאָט, נאָר נעמענ דעמ גורל אינ די אייגענע הענט.

„ניינ, קיינער וועט אונדז ניט באפרייענ,
ניט גאָט אליינ אונ ניט קיינ העלד;
מיט אונדזער אייגענעמ קליי־זייענ
א רעטונג ברענגענ מיר דער וועלט".

דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פונעם פּראָלעטארישנ מיי־יאָנטעוו.

דער רעליגיעזער פּייסעכ־יאָנטעוו, ווי אלע אנדערע רעליגיעזע יאָנטויווימ, איז ענג נאציאָנאל־שאָוויניסטיש, ער פלאנצט איינ בא דער יידישער באפעלקערונג דעמ פאָרורטייל, אז יידנ זיינענ אנ אויסדערוויילט הייליק פאָלק. פּייסעכ צומ סיידער לאָזט זיכ הערנ איינ קידעש דער באקאנטער מאָטיוו — „אטאָ בעכארטאָנו", וועלכער ברענגט צו אינערלעכע אייגעשלאָסנקייט, צו אָפּגעזונדערטקייט, צו אייגנארטיקע נאציאָנאל־רעליגיעזע גייווע, צו סינע צו אנדערע פעלקער. פּייסעכ צומ טיידער זאָגט יעדער פרומער ייד די פארסאמטע פונ נאציאָנאלער סינע אנטיגאָישע טפילע „שפויכ כאמאָסכאָ" — „גיס אויס דיינ צאָרנ אפ די גאָימ, וואָס אנערקענענ דיכ ניט... פאריאָג זיי מיט צאָרנ אונ פארניכט זיי פונ אונטער גאָטס הימלענ".

דער ערשטער מיי איז א יאָנטעוו פונ אינטערנאציאָנאלער אכדעס. דעמ 1־טנ מיי דעמאָנסטרירנ די ארבעטער פונ אלע פעלקער זייער פּראָלעטארישע סאָלידארקייט. אינ געשלאָסענע רייענ מארשירנ די פּראָלעטאריער פונ פארשיידענע נאציעס, קיינער פרעגט ניט אונ אינ־טערעסירט זיכ ניט צו וואָסער פאָלק, צו וואָסער רעליגיע געהערט זיינ כאווער. „קיימ ביסטו אנ ארבעטער, קיימ געהערסטו צומ ארבעטער־קלאס, ביסטו מיינער א ברודער, מיינער א כאווער". אלע פּראָלעטא־ריער, אָנ אונטערשייד פונ נאציע, ווייזנ ארויס זייער גרייטקייט, זייער קאָרבאָנעס־ן עיקייט צו קעמפנ פאר א נייעמ, פאר א בעסערנ לעבנ פאר דער גאנצער מענטשהייט, אָנ אונטערשייד פונ גלויבנ אונ נאציע.

אָט פארוואָס מע מוז באקעמפנ די פּאסיווע, אינדיווידואליסטישע, שאָוויניסטיש־רעליגיעזע יאָנטויווימ. זייער אָרט דארפנ פארנעמענ די אקטיווע, קאָלעקטיוויסטישע, פּראָלעטאריש־אינטערנאציאָנאליסטישע יאָנטויווימ.

ע. פיינבערג

לאָזונגענ

צייט שוינ, שטעטלעכ בלאָטיקע,
לייטערנ דעמ קאָפּ!
טרייבט דעמ גאָט, די גאָטיכע,
דעמ גאַלעכ און דעמ ראָוו!

ניט קיינ יאָנטויווימ הייליקע!
אינ בויונג זיכ באַנייט,
פאַראנ יאָנטויווימ פריידיקע:
אָקטיאַבער און מיי;

קיינ טפילעס קיינ אומזיסטיקע,
נאָר בייטשנ מיט שפּאָט
דעמ יידישנ, דעמ קריסטלעכנ,
דעמ ווערעמדיקנ גאָט!..

ניט קיינ שפּיצנ קלויסטערשע,
קיינ אָמער אינ א קלויז,—
עס האָט די ערד צעברויזט זיכ היינט,
אינ שלאַכטנ זיכ צעברויזט!

טרייבט די שפּינענ־שפּינעלעכ,
טרייבט פונ לייב אונ טראָט
די פינצטערע, די דינערלעכ
פונ ווערעמדיקנ גאָט!..

מ. שיינגאלד

פונ וואנענ האָט זיכ גענומענ פּייסעכ?

פּייסעכ איז אנ אוראלטער יאָנטעוו נאָכ פונ דער וואנדער־עפּאָכע, ער איז אסאכ פריער פארנ יאנטעוו, וואָס האָט געהייסנ כאג־האמאצעט. דער כאג־האמאצעס איז געווענ א יאָנטעוו פונ מענטשנ, וואָס פאר־נעמענ זיכ שוינ מיט ערד־ארבעט, מיט זייענ אונ שניידנ טווע. פּייסעכ אָבער ציט זיינ אָנהויב פונ יענע צייטנ, ווענ די סעמיטישע שווּאָטימ האָבנ געוואנדערט איבער די אָאזיסנ פונ אראבישנ מידבאָר אונ האָבנ זיכ פארנומענ מיט פי־צוכט.

ווי פלעגט מענ פראווענ דעמ יאָנטעוו פּייסעכ?

אינ דער טוירע ווערט אזוי באשריבנ: „גייט אונ נעמט אייכ א שעפּס פאר יעדנ שטאמ אייערנ אונ שעכט דעמ פּייסעכ (ד. ה. דעמ קאָרבנ פּייסעכ) אונ נעמט א בינטל ביטערע קרייטעכער אונ טונקט עס איינ אינ בלוט, אינעמ בלוט וואָס געפינט זיכ אינ בעקנ אונ באַ־שפּריצט מיט אימ די אויבערשטע באלקע אונ די צוויי אושאקעס פונ טיר. ביזנ פרימאָרגנ טאָר קיינער פונ טיר פונ זיינ שטוב ניט ארויס אונ ווענ יעהאָווע וועט גיינ פלאָגנ די מיצרימ אונ דערזעענ דאָס בלוט אפ דער אויבערשטער באלקע אונ אפ די אושאקעס, וועט יעהאָווע פארביי טיר אדורכגיינ אונ וועט דעמ מ א ש כ י ס (דעמ בייזנ גייסט) ניט לאָזנ צו אייכ אינ שטוב ארייננ אונ צו פלאָגנ אייכ". די אלטע פעלקער האָבנ געגלויבט, אז יעדנ פרילינג וואכט אופ עפּעס א גייסט, א מאשכיס, וואָס איז הונגעריק אונ דאָרשטיק נאָכ בלוט. דעריבער איז נויטיק דורכ א קאָרבנ אימ איבערבעטנ. שטילנ זיינ צאָרנ.

דאָס וואָרט פּייסעכ נעמט זיכ, ווי די געלערנטע מיינענ, פונ דער אשוריש־ארא מישער שפראכ, וואָס איז זייער נאָענט צו דער העברעי־שער—פונ וואָרט „פאשאכי"—דערבארימענ זיכ. דער יאָנטעוו האָט געהאט אנ אופגאבע איינשטילנ. איינרויקנ דעמ בייזנ גייסט אָדער גאָט, וועלכער דורשט נאָכ בלוט.

פרילינג אינ די הויפּט־צייט פונ יאָר פאר פי־צוכט, וייל דאנ פרוכפּערט

זיכ אונ מערט זיכ דאָס פּי. יעדע קרענק דראָט צו פארוואנדלענ זיכ אינ א מאגייטע אפ די פּי, די פאסטעכער זיינענ דעריבער זייער באזאָרגט וועגנ פארהיטנ דאָס פּי פונ פארשיידענע קרענק. מיטנ ברענגענ דעמ קאָרבנ האָבנ די סעמיטישע שוואָטימ געהאָפט צו פארגיטיקנ דעמ בייזנ גייסט—דעמ מאשכיס—ער זאָל ניט פּלאָגנ די שאָפ.

נאָכ אדייעמ איז בא די אראבער דער איינציקער מיטל צו ראטעווענ זיכ פונ אנ עפּידעמיע־ברענגענ א שעפּס פאר א קאָרבנ אונ באשפּריצנ מיט איר בלוט די טירנ אונ אושאקעס. ענלעכ צומ פּייסעכ פלעגנ אויכ די אראבער אינ דער אוראלטער צייט פּייערנ אזא יאָנטעוו אינ כוידעש ראגאבע (דער כוידעש ראגאבע—פאלט צוזאמענ מיטנ יידישנ כוידעש ניסנ). אָנשטאָט א שעפּס פלעגנ זיי ברענגענ פאר א קאָרבנ א קעמל אונ פלעגנ מיט זיינ בלוט באשפּריצנ די באלקע מיט די אושאקעס פונ די טירנ. ווענ די יידישע שוואָטימ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פארנעמענ מיט ערד־ארבעט, איז ארויסגעשוומענ דער „כאג האמאצעס“, אָדער דער „כאג האאָוויוו“ (פרילינג־יאָנטעוו).

אלע אלטע פעלקער פלעגנ פּייערנ א גרויסנ יאָנטעוו אינ פרילינג־צייט. לעמאָשל, די אינדוסנ פלעגנ אומ פרילינג פּייערנ דעמ זונ־יאָנטעוו. ער האָט בא זיי געהייסנ „הולי“—דער יאָנטעוו פונ געבורט, ווייל די נאטור ווערט אינ פרילינג פונדאָסניי געבאָרנ. די פערסיאנער פראווענ אינ פרילינג־צייט זייער גרויסנ יאָנטעוו „גורוז“—דעמ יאָנטעוו פונ גוטנ גאָט „ארמוזד“.

די זונ, וועלכע גיט לעבנ אונ ענערגיע, די זונ, וועלכע פארטרייבט די פינצטערניש אונ ברענגט ליכטיקייט, די זונ—דאָס איז דער גאָט באמ ווילדנ נאטור־מענטש, דאָס איז בא אימ די גרעסטע הייליקייט אונ דאָס איז די טיבע פונ זיינע פרילינג־יאָנטוייוויִמ. דיביידע יאָנטויוימ, פּייסעכ אונ כאג האמאצעס, האָבנ די קויהאנימ אסאכ שפּעטער פאראייניקט אינ איינ יאָנטעוו. די קויהאנימ האָבנ אויסגענוצט די אלטע פאָלק־לעגענדע, אז די יידנ זיינענ אמאָל געווענ אינ מיצראימ אונטערנ יאָכ פונ פארענ אונ גאָט האָט זיי אויסגעלייזט אונ ארויסגעפירט פונ מיצראימ. די קויהאנימ האָבנ עס באפוצט מיט ניסימ, ארומגערינגלט מיט פארשיידענע דינימ אונ צערעמאָניעס, כדיי צו פארשטארקנ זייערע פּאָזיציע.

פייסעכ צייט זיינ קוואל פונ געצנדינערײ. ער האָט זיכ אנטוויקלט אַלס א נאטור־יאָנטעװ אינ דער צייט װענ דער מענטש איז נאָכ געװענ א קנעכט פונ דער נאטור, אונ דער יאָנטעװ איז דעריבער א קנעכטישער געװענ: באפרידיקנ די גײסטער, ברענגענ זײ א קאָרבנ, אָפּגעבנ זײ דעם ערשטלינג פונ די פי, דעם ערשטנ גארב.

דער ארבעטער־קלאס װעט צעשטערנ די רעליגיעזע קנעכטישע יאָנטױװים. ער פײערט זײנ פרילינג־יאָנטעװ 1־ער מײ אָנ מוירע פארנ „ניט גוטנ“, אָנ קאָרבאָנעס פאר דעמ „גוטנ“, אָנ די נארישע רעליגיעזע זאבאבאָנעס. ער פײערט זײנע פראָלעטארישע יאָנטױװים—אָקטיאבער־רעװאָליוציע, פאריזשער קאָמונע אונ אנדערע, װעלכע רופנ אימ צומ װײטערדיקנ קאמפ קעגנ קאפיטאליזמ פאר א נײער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

„די רעליגיע איז אופגעקומענ אינ די סאמע אוראלטע צײטנ פונ די סאמע פינצטערע אוראלטע פאָרשטעלונגענ פונ די מענטשנ װעגנ זײער אויסערלעכער אונ אינערלעכער נאטור“.

(ענגלס).

שלאָג

װי די טעג נאָר װערנ הײסער;
לופט אונ זונ אונ שטראלנ.
װערט א יאָנטעװ, װערט א פײסעכ
בא די קלעריקאלנ.
גרײט דער רעבע אָנ דעמ קיטל,
רוקט דער דײענ אָנ דאָס היטל,
אונ דעמ כאלעפ גרײט דער שױכעט.
אונ דער שאמעס גרײט די קלױזנ;
אונ דער קלאסנפײנדע אױכעט
רוקט דעמ קאָפּ ארױס אינ דרױסנ.
אונ מע מאכט א ראַש, א װימל,
אונ מע שמײכלט אינ די בערד.
האנדלט מענ מיט גאָט אינ הימל
אונ מיט מאצע אפ דער ערד.

ניין, ניט אונדזער יאָנטעוו איז ער,
אָט דער פּייסעכ, מיינע יאַטנ.
אַפ די שווערדנ, אַפ די שפּיזנ,
נעמט אימ אופ דאָס לאַנד פונ ראַטנ.
אינ געבוי דאָס לאַנד צעוויכערט,
אינ פאַרזיי דאָס לאַנד מאַרטאָנ איזנ;
אונ די פיינט, ווי ווערימ קריכנ
אונטער טראַקטערנע קלאָנעס.
שלאָגט דעמ פיינט, די קלעריקאַלנ,
וואָס מיט „יאָנטעווס" אונדז באַפאַלנ,
שלאָגט דעמ גאָט אונ זיינע דינער,
שלאָגט די אָפנאַרערס געניטע,
מיט געווער פונ די מאַשינעס,
מיט געווער פונ הענט צעגליטע—
טרייבט דעמ טשאַד, וואָס וויל פאַרסאַמענ
טרייבט־דעמ טשאַד, וואָס ברענגט אונדז שאָדנ.
צי אַריינ דיינ שוועסטער, מאַמענ
אינ פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ.
שלאָג דעמ לעצטנ פיינט דעמ ווילדנ,
שלאָג דעמ לעצטנ פיינט דעמ דולנ.
ניינ, ניט אונדזער יאָנטעוו איז ער
אָט דער פּייסעכ, דער האַרבאַטער.
אַפ די שווערדנ, אַפ די שפּיזנ
נעמט אימ, נעמט אימ כעוורע, יאַטנ.

פ. קאָטי

מ. דאניעל

אומזיסטע מאצע

מאָסקווע ווײַלט הײַנט א נײַעם ראט.

ציען זיך פון איגדערפרי ביז שפּעטער נאכט צעזונגענע מאכנעס ארבעטער, גײַען פון עקן און פאָרשטאָט, פון פאַבריקן און אַנשטאַלטן, טראָגן פאָרויס און איבער קעפּ שטיקער רויטן טוך, סאַמעט, זײַד,—פאַרהילכן דעם גאַסיקן טומל מיט געשאַל פון קופּערנע טרומײַטן, מיט געזאנג פון נײַע, אין דער רעוואָליוציע געבוירענע, לידער.

וויגן זיך הײַנט לידער אף טעלעפאָן-דראָטן, אף דעכער, אף קעפּ און אף גאסן פון מאָסקווע, אָטעמען גאסן ווידער מיט געשלעג, מיט געראנגל, מיט פארגאנגענע און קינפטיקע שלאכטן...

איז מעשונע־שווער זיך אָפּצורײַסן פון די צעזונגענע גאַסן, פארקריכן אין א טונקעלן דורכגאנג פון דער ייִדישער שול און ווארטן אף אומזיסטע מאַצע. אויב איר זײַט אַ באווײַבטער און האָט צווײ קינדער, באקומט איר אכצן פונט, אויב דרײַ—פיר און צוואנציק פונט, אויב פיר—דרײַסיק... ביז צוויי פוד... ווײַל מער ווי 13 קינדער קאָן שוין א ייִדישער שלעפּער אויך ניט האָבן...

אזוי האָבן באשטימט די מיטגלידער פון דער מאָסקווער קעהילע.

פאָרויס און מיט עטלעכע מענטשן פריער אין שורע, שטייט א נידעריק, פליישיק ווײַבל. א בלאָער, זײַדענער טוך איז איר אָנגערוקט ביז די טאמע ברעמען, און אויגן אונטער די ברעמען זײַנען מאַט און אויסגעלעבט, פינקלען מיט העפקער און מיט „מיר איז שוין אלצײַנס". זי האַלט אין איין באלעקן די בלויליעכע דינע ליפּן, און ווען איר ווערט לאנגווײַליק אזוי לאנג צו שטיין שווײַגנדיק אין דער ריי, רוקט זי ארויס א שמאלציק פאָנים פון אונטער דער בלאָער טוך און שרײַט מיט א הײַזעריק קאָל ארוף, צו א צווייט ווײַבל:

— נעכאמקע,קראנק ביסטו צו עסן ברויט!.. פרום געוואָרן אף דער עלטער! האָב איך א קלעמעניש! אז מאָסקווער ייִדן זוכן מיצוועס, דארף מען זיי טאָן א טויווע...

— וויפיל פונט באקומסטו?

— אכצן.

— פארוואָס עפעס אכצן?

— זעקס פאר זיך, און זעקס פאר מײנע טויטע נעשאָמעס, פאר מײנע פריפארשטאָרבענע קינדער...

— ווער פאשטומט, היגטיש מוילן!... שעמסט זיך גאָרניט פאר מענטשן.

— קוק נאָר אָן די צירקאָניעס!... וויפל מאָל ביסטו שוין היינט דאָ געווען.

— אינגאנצן דריי.

ביידע לאכן זיך הייזעריק פאנאנדער, קוקן מיט אויסגעיילאָצטע אויגן אָפּן ארומיקן אוילעם און טראכטן, ווי אזוי דעם לאנגווייל אין דער צייט צו פארטרייבן.

פון א צימער, וווּ ס'זיצן צוויי אָפּגעבליאקעוועטע דאמעס אין מאָדנע פארצייטיקע היט און קליידער, באווייזט זיך א נעפּעש אין א סטודענטישן היטל. שווארצע וואָנצעס זיצן פון ביידע זייטן פאריסן נעזן אזוי פעסט און צוגעקלעפּט, ווי ער וואָלט זיי א גאנצע נאכט מיט שוכוואקס געשמירט. ער באקוקט מיט באלעבאטישע אויגן דעם גרויסן דורכגאנג, באמערקט, אז אָפּ א זייטיקער טרעפּ, וואָס פירט צו דער וויבערשער שול, ליגט נאָך אלץ אָנגעוואָרפן א קופּקע טראנטעס, און ער הויבט עס אָן בריקן מיט די שפּיציקע נעזער פון זיינע געלע שיך:

— באראָנעסע, שטיי אוף! דו וועסט דאָך פארשלאָפן די ארבע קויסעס!..

דער אוילעם פּלאצט ארויס א הילכיק געלעכטער, צעשיט אים איבער שטיינערנע טרעפּ, איבערן טונקעלן דורכגאנג און באהאלט אים צוריק אין קנייטשן פון אלטע, אָנצייגערדיקע פּענעמער.

די קופּקע טראנטעס הויבט זיך אָן באוועגן, וויקלט אויס פון אונטער פּטלעכע ווארעמע טיכער א צעקנייטשטע, פארשלאָפענע צורע און זידלט:

— איך האָב אייך צען איילן אין דר'ערד!... זאָלן מײנע סאָנים אזוי שלאָפן, ווי איך שלאָף...

אָפּגעזאָגט, זיצט זי א ווײלע, דאָס צעקנייטשטע, פארשלאָפענע פּאָנים פון די פּלייצעס ארויסגערוקט; טראכט, וואָס זאָל זי ווייטער זאָגן, און

ווענ זי באַשטימט, אז מער קיינ זידל־ווערטער וועלנ שוינ אזוי גיכ אפנ צונג ניט קומענ, אז קיינער וועט איר שוינ ניט העלפנ אונ ניט גרינגער מאכנ,—נורעט זי דאָס פאַרשלאָפענע פּנימ צוריק איינ אינ זי דריי פאטשיילעס אונ וויל ווייטער דרעמלענ.

אָבער דער נעפעש אינעמ סטודענטישנ היטל טרעט ניט אָפּ, בריקט אלצ מיט די שארפע שפיצנ פונ זיינע געלע שיכ אונ כאזערט אינער איינע אונ דיזעלביקע כאָכמע:

— באַראָנעסע, שטיי אופ! דו וועסט דאָכ פאַרשלאָפנ דעמ סיידער!..

נעכאמקע רוקט זיכ ארויס פונ דער שורע, גייט נעענטער צומ נעפעש אינ די געלע שיכ מיט די שארפע נעזער, לייגט אָנ איר פולנ בוזעמ אפ זיינ איינגעבויגענעמ רוקנ אונ בעט זיכ:

— סאָלאָמאָנ, לאָז זי צורו!... איר איז אזוי אויכ גוט אָנגעזאלצנ אפ דער נעשאָמע—זי איז דאָכ געבליבנ צומ סיידער אָנ א מאנ...

— ווו איז ער אהינגעקומענ?—פרעגט פארוווּנדערט דאָס פליישיקע ווייבל אונ גייט אויכ ארויס פונ דער שורע.

— ער איז פונ איר אוועק. ער זאָגט, אז זי איז שוינ אלט.

— מע האָט אימ באדארפט אָנברעכנ די ביינער,—אייצעט אנ אלטע, אָנצייגערדיקע יידענע,—געזעענ, פארנ סיידער אוועקווארפנ אזא יונגע מאלקע... אזא בלומ...

א דארע יידענע האָט דעמ אוילעמ צעשטופּט, ארייגעריסנ זיכ מיט דריי אָפּגעריסענע קינדער אינ זיצונג־זאַל אונ הויכ געשריענ:

— איכ פאָר מאָרגנ אוועק אינ האָמליע אונ לאָז אייכ איבער מיינע דריי קאדיישימ!... געזעענ—מע שפילט זיכ אפ א קראנקער יידענע... וואָס זאָל איכ זיי געבנ עסנ?—מיינע ווייטיקנ? איכ זאָג אייכ דאָס לעצטע מאָל: אָדער איר וועט מיר געבנ פענסיע, אָדער איכ פאָר אוועק אונ איר וועט זיי אליינ האָדעווענ...

אונ דערפאר, ווייל באמ טיש זיינענ די דאמעס אינ די אלטפרענקישע היט אונ קליידער געבליבנ זיצנ רויק אונ פארגליווערט, געקוקט מיט געוועזענע גווירישע אויגנ אפ דער יידענע אונ געהייסנ דעמ נעפעש אינעמ סטודענטישנ היטל זי ארויספירנ, איז די יידענע פלוצימ געוואָרנ ווייכ אונ צוגעלאָזנ, געשטופּט די דערשראָקענע, אָפּגעריסענע קינדער

נעענטער צום טיש, צו די אָנגעבלאָזענע דאַמעס און אַף זיי געקוקט, ווי אַף טויטע:

— רעדט, מײַנע קינדער טײַערע... דערציילט, מײַנע עלנטע פֿייגע־לעך, אַז איר גייט בײַ מיר אויס, ווי די ביילעכונע ליכט. רעדט, מײַנע קאַדישים, אייניקע...

לאַנג האָט די יידענע אַף די קינדער געקלאָגט, און ווען זי האָט זיך אַף זיכער איבערצייגט, אַז איר קלאָג איז אומזיסט און אַפֿן ווינט אַרויסגעוואָרפֿן האָט זי די דרײַ קינדער אַרום זיך צונויפֿגעקליבן און שוין אויפֿגעקײַענדיק פֿעסט געשאָלטן:

— ווערט פֿאַרברענט און פֿאַרסאַמפּעט, בלוטזויגער!.. זיך געמאַכט אַ פֿאַרנאָסע פֿון אונדזערע צאָרעס... די קאָמוניסטן האָבן אײַך נאָך ווייניק געשאָכטן!... וואַרט, ס׳וועט נאָך קומען אַף אײַך אַ גזאַר, מע וועט אײַך נאָך טויטערהייט איבער די גאַסן שלעפּן...

אָפּגעשאָלטן, איז זי צוריק מיט די קינדער פֿון זאַל אַרויס, זיך געשטעלט אין עק מענטשן־שורע און פֿאַרענדיקט:

— איך האָב זיי אין דר׳ערד! ניט אַמאָליקע צײַטן... זיי מיינען, אַז מע ווייסט ניט, אַז זיי לעבן פֿון דער קעהילע... אַז זיי האָבן זיך גע־מאַכט אַ פֿאַרנאָסע פֿון אונדזערע צאָרעס; ווערן זיי פֿאַרברענט מיט די מאַצעס, איך קאָן עסן ברויט... זי האָט צוויי קינדער פֿאַר די הענטלעך אָנגעכאַפּט און אַן אויפֿגערעגטע פֿון די טרעפּ גענומען לויפֿן.

און די דאַמעס פֿון דער אַנדערער זײַט טיר האָבן טיפֿער די אָפּגע־בליאַקעוועטע צורעס אין די פּאַפּירן אַרײַנגעדרוקט, מיט אַמאָליקער גרויס־קייט געטיילט די אומזיסטע מאַצע, און טיף און באַהאַלטן געוווּסט, אַז די יידענע זאָגט עמעס, אַז ווען אין מאָסקווע וואָלטן ניט געווען די עטלעכע הונדערט שלעפּער, וואָלטן אַמאָל פֿון די געוועזענע גווירים און מאָסקווער קלאַל־טוער זיך געדאַרפֿט פֿאַרנעמען מיט שוואַרצער אַרבעט...

און בײַ דער געל־געפּאַרבטער וואַנט פֿון זאַל, פֿאַרוקט און ניט באַמערקט, איז אַף אַ שמאָלער באַנק געלעגן אַן אַלטע יידענע און שטיל געוויינט.

געוואָלט האָט זי אַ קליניקייט.

זי האָט געוואָלט, די יידישע קעהילע זאָל איר דינגען אַ פּאַעטאָן און אָפּפירן אהיים...

און ווייל קיינער האָט איר מאָדנעם פארלאנג ניט אויסגעפירט, און חייל קיינער האָט ניט געגלויבט, אז זי פילט טאקע אין דערעמעסן א שוואכקייט אין די פיס, איז זי פון אינדערפרי אָן געלעגן בא דער וואנט און געוויינט.

אפּן הויף קומען צולויפן צוויי יידן. ביידע זיינען זיי קורצוואקסיקע און שטארק אופגערעגט.

ביידע טראָגן זיי הארטע קאפעליושן אפ פארשוויצטע קעפּ, און ביידע פארנעמען זיך מיט איינער און דערזעלבער ארבעט:

ציילן, וויפל יידן שטייען אין שורע נאָך מאצע.

וויצלט זיך דער אוילעם:

— די פייסעכדיקע פּאָדריאַדשיקעס זיינען שוין דאָ.

— זיי ציילן שוין די נעשאָמעס.

— וויפל יידן האָט איר שוין געכאפּט?

— דינגט עטלעכע ראָטעס רויטאַרמייער!

ווען עמיצער פון אוילעם וואָלט זיך גענויער צוגעהערט צו זייער גיכן שעפּטשען מיט די ליפּן, וואָלט ער געוויס דערהערט, אז יעדער ייד אין דער שורע איז פאר זיי קיין ייד ניט,—נאָר 6 פונט מאצע.

מיט אומרויקע, דערשראָקענע פינגער קייפּלען זיי די צאָל יידן אין שורע אפ זעקס, רעכענען אויס גענוי, וויפל פוד איז נאָך אפּן לאגער געבליבן און פארשווינדן צוריק אין טומלדיקן דרויסן.

א שאָ און צוויי ווערן זיי אומלויפן איבער די מאָסקווער גאסן, קלעפּן אפּ טויערן און פארקנס קליינע, פירקאנטיקע צעטלעך:

„מ ו ד ע ה

אף ספאסע־גאליניצינסק געסל, הויף נומער 8 אין דער פּאָמעשצענע פון דער יודישער קהילה טאַילט מאַן אומזיסט מצה.

קאָמיסע”.

דערציילט א ווייבל אין רעדל:

„מיט 6 וואָכן צוריק האָבן די צוויי ברידער אין ראָהאטשאָוו פאר־

פאקט צוועלפ וואגאָנ מאצע אונ אָפגעשיקט אפ מאָסקווע. טרעפט א נעס, אונ די מאצע גייט אוועק ניט אינ מאָסקווע, נאָר אינ איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק... די יידנ קומענ צופאָרנ אינ מאָסקווע—ניטאָ.

פאָרנ אינ סאראטאָוו—ניטאָ. פאָרנ אינ סאמארע—ניטאָ.

קומענ צופאָרנ צוריק קיינ מאָסקווע אונ דערוויסנ זיכ, אז די סכוירע איז אינ איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק...

דערווייל, איידער זיי האָבנ די סכוירע איבערגעפירט אהער, איז אוועק דער סעזאָנ, מאָסקווע איז געוואָרנ אָנגעפילט מיט מאצע פונ אוקראינע, פונ ווייסרוסלאנד, פונ אוראל...

איז די צוויי גליקלעכע ברידער געבליבנ אינ האָפענונג: אויב די קעהילע וועט צעטיילנ דעם גאנצנ פארגרייט מאצע, וועט זי בא זיי אָפקויפנ די צוועלפ וואגאָנעס סכוירע... לויפנ זיי גאנצע טעג ארומ איבער מאָסקווער גאסנ אונ זוכנ יידנ, וועלכע זאָלנ בא דער קעהילע די אָנגעגרייטע מאצע צונעמענ״.

אָוונט איז אפנ הויפ פונ דער יידישער שול אָנגעפאָלנ מיט א מאָל, פארוועבט אינ טונקלקייט דעם גרויסנ דורכגאנג מיט די פארדרייטע הינטער-טרעפ, דער אוילעמ האָט שוינ עטלעכע מאָל באקומענ מאצע, אונ וועמענ איבערצופארקויפנ איז ניט געווענ, זיינענ זיי איינציקווייז מיט די פעקלעכ פונ הויפ אוועק... דער אינטערשאמעס האָט געזוכט א מיניענ אפ מיירעוו אונ ניט געפונענ... נעכאמקע מיט סאָלאָמאָנענ האָבנ זיכ פארוקט אינ א ווינקלדיקנ צימער פונ דער גרויסער שול אונ דאָרט געטאָנ ניט קיינ שיינע זאכנ... דער בלייכער באָכער האָט די זעקס פונט מאצע אוועקגעטראָגנ צו זיינ גוישער קאלע אונ נאָכ אינ דעמזעלבנ אָוונט אפ טוכאראָחקע פארקויפט...

... אונ איבער די מאָסקווער גאסנ האָבנ זיכ אלצ געצויגנ מאכנעס ארבעטער, בא שייג פונ עלעקטרע-לאָמפנ באגריסט א ווייט־נאָענטע רעוואָליוציע, וועלכע קומט פאָר ערגעצ אינ א לאנד, אונ קיינער פונ זיי האָט ניט געטראכט אז אינ שכיינעס אונ אינדערביי לעבט אויט די לעצטע טעג אנ אלטע, אויווערבאָטלדיקע געביידע, וואָס האָט זיכ אמאָל מיט יאָרנ צוריק גערופנ:

די מאָסקווער יידישע קעהילע!

מ. שיינגאָלד

יאָמקיפער

דער הויפט־סימנ פונ יעדער רעליגיע איז האכנאָע, אונטערטעניקייט, זעלבסטדערנידערונג, אָנערקענענ די אייגענע שוואכקייט, הילפלאָזיקייט, בויגנ דעמ קאָפ, בוקנ זיכ, פאלנ קורימ פאר דער העכערער קראפט—פאר גאָט.

אָט די־דאָזיקע באשטימונג ווערט אמבעסטנ באשטעטיקט דורכ יאָמקיפער.

יאָמקיפער איז א טאָנעס־טאָג, א טאָג פונ קלאָג אונ געוויינ, א טאָג פונ האכנאָע, פונ זעלבסט־דערנידערונג. אינ יאָמקיפער טאָר מענ ניט עסנ, ניט טרינקענ, ניט וואשנ זיכ, ניט טראָגנ קיינ שיכ, א גאנצנ טאָג אינ בעסמעדרעש. מע האלט אינ איינ וויינענ אונ בעטנ גאָט, אז ער זאָל מויכל זיינ די אוויירעס, אז ער זאָל אָנכאסמענענ א גוט יאָר, מע פאלט פאר אימ קורימ זיבנ מאָל.

אלס א זייכער פונ דעמ אמאָליקנ פייניקנ זיכ איז פארבליבנ דער בארישער, לעכערלעכער מינהג פונ „מאלקעס”. ערעוו יאָמקיפער לייגט מענ זיכ אינ בעסמעדרעש אפ דר'ערד אונ מע לאָזט זיכ שמייסנ פונ שאמעס.

אָט די זעלבסטדערנידערונג איז דער טאָכ פונ יאָמקיפער.

* * *

פונ וואנענ נעמט זיכ עס?

דער באוווסטער דענקער מאטעריאליסט פייערבאכ האָט שוינ לאנג ארויסגעזאָגט דעמ גלענצנדיקנ געדאנק, אז די געטער זיינענ ענלעכ צו מענטשנ. ער האָט געזאָגט, אז ניט גאָט האָט באשאפנ דעמ מענטשנ לויט זיינ געשטאלט, ווי אינ כומעש שטייט, נאָר פארקערט: דער מענטש האט באשאפנ די געטער לויט זיינ (מענטשלעכנ) געשטאלט.

דעמ געדאנק דארפ מענ פארברייטערנ. פייערבאכ האט אונטערגעשטראָכנ די ווירקונג פונ דעמ מענטשנ אלס אינדיווידומ אפ דער רעליגיע. עס איז אָבער נויטיק אָנצווייזנ אפ דער ראָל אונ ווירקונג פונ דער געזעלשאפט אפ דער רעליגיע. די רעליגיע האָט זיכ אנטוויקלט אינ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. די גע־

זעלשאפט האט אינ יעדער צייט אירע באַשטימטע פאָרמעס, אירע באַשטימטע קלאסנ־פארהעלטענישנ. אָט די סאָציאלע פאָרמעס אונ קלאסנ־פארהעלטענישנ האָט דער מענטש ארייגעטראָגנ אינ זיינע רעליגיעזע פאָרשטעלונגענ. אפנ הימל פירט זיכ ווי אפ דער ערד (מאַלכוסאָ דעראָקיע קעמאַלכוסאָ דעאַראָ).

דער מענטש, זאָגנ מיר, האָט באַשאפנ זיינע געטער לויט דער געשטאלט פונ דער געזעלשאפט.

די באַציונגענ פונ מענטשנ צו זיינע געטער האָבנ זיכ איינגעשטעלט אפ דעם זעלביקנ יעסאָד, ווי די באַציונגענ אינ דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

פונ אָנהייב אָנ האָט זיכ די מענטשלעכע געזעלשאפט געפירט אפנ באָדנ פונ הערשאפט אונ אונטערטעניקייט. דער פאָטער איז געווענ דער הערשער איבער זיינ פאמיליע, דער מאנ איבער דער פרוי „אונ ער (דער מאנ) וועט איבער דיר געוועלטיקנ" (בערייִשיס, 3־15), דער נאָסי האָט געוועלטיקט איבערנ שיוועס, דער האר איבער זיינע קנעכט, דער מיילעכ איבערנ גאנצנ פאָלק.

דער הערשער האָט עקספלואטירט זיינע קנעכט, ער האָט פאר זיכ געפאָדערט דעם בעסטנ כיילעק, דעם פעסטנ ביסנ. דער קנעכט האָט זיכ געדארפט אָפזאָגנ פונ אלצ לעטויוועס זיינ האר, ער האָט דערביי געדארפט ארויסווייזנ זיינע האכנאָע־געפילנ, זיינ דערעכערעצ, זיינ רעספעקט, זיינ גרייטקייט צו גיינ אפ יעטווידער קאָרבנ, אָבי צופרידנ־שטעלנ דעם האר, ווענ ניט, באקומט ער דעם שטראָפ אפנ אָרט, מע שלאָגט, מע פייניקט, מע שמייסט אונ מע מוז נאָכ קושנ די רוט.

אזוי פירט זיכ אינ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. אונ אָט די־דאָזיקע באַציונגענ האָט דער מענטש קאָפירט בענעגייע די געטער.

די געטער פאָדערנ אויכ קאָרבאָנעס, פאָדערנ מע זאָל זיי ארויסווייזנ געפילנ פונ האכנאָע, פונ איבערגעגעבנקייט אונ טריישאפט.

דעריבער מוז מענ נידעריקער אראָפלאָזנ דעם קאָפ, בויגנ דעם רוקנ, פאלנ קוירים, קלאפנ זיכ אינ הארצנ אלכעט.

געטער זיינענ דאָ גוטע אונ בייזע, אונ דער מענטש איז מעכויעוו צו טאָנ אלצ, קעדיי צו האווירנ, צו פארדינענ זייער גוטע שטימונג.

* *
*

יאָמקיפּער—ווערט באַשריבנ אינ דער טוירע—פלעגט מענ מאקריוו זיינ צוויי קאָרבאָנעס, א קאָרבנ פאר גאָט אונ א קאָרבנ פארנ אזאָזל—טייוול.

עס איז געווענ א צייט, ווענ דער טייוול, דער דעמאָנ, איז ניט געווענ איינער פונ גאָטס בייזע מאלאָכימ, ער איז געווענ אזא מעכטי־קער ווי גאָט אליינ, ער איז געווענ זיינער א גלייכנ, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זיינער א קאָנקורענט, אונ דעריבער פלעגט מענ ביידנ גלייכ סיי דעמ גאָט, סיי דעמ אזאָזל מאקריוו זיינ קאָרבאָנעס.

יאָמקיפּער פאלט אויס אינ הארבסט־צייט. דאָנ איז א מאָמענט, ווענ די רוכעס, די גייסטער פלעגנ, אינ דער פאָרשטעלונג פונ אלטע מענטשנ, באקומענ די מאכט, די אויבערהאנט. דער זומער מיט זיינ ווארימער ליכטיקער זונ גייט אוועק, עס קומט אָנ דער הארבסט מיט זיינע קאלטע ווינטנ, מיט זיינע בייזע רעגנס. די נאטור ווערט אָרימ, נאקעט, די ביימער ווארפנ פונ זיכ אראָפּ זייערע בלעטער, די ערד פארלירט איר גראָז אונ טווע, דער הימל איז א טריבער, באַדעקט מיט שווארצע כמארעס. מיט איינ וואָרט, די גייסטער געוועלטיקנ איבער דער נאטור, דעריבער דארפ מענ זיי איבערבעטנ.

די הארבסט־יאָנטויוומ האָבנ באַקומענ זייער אנטוויקלונג, ווענ דער מענטש איז געוואָרנ אנ ערד־ארבעטער. דער איבערגאנג פונ רייכנ פרייליכנ זומער צומ אָרעמענ טרויעריקנ הארבסט שפּילט א וויכטיקע ראָליע אפ דער פּסיכיק פונ דעמ ערד־אַרבעטער. דאָס בייטנ זיכ די צייטנ פונ יאָר באקומט בא אימ זייער א וויכטיקנ באטייט, ווייל דאָס באשטימט דעמ כאראקטער פונ זיינ ארבעט אונ באשעפטיקונג.

ביקלאל איז דער פויער נאָכ אַדייעמ מער ווי דער ארבעטער מעסוגל צו רעליגיע, ווייל ער איז מער אָפּהענגיק פונ דער נאטור. א טריקעניש אָדער צופיל רעגנ ברענגענ גרויסנ שאָדנ זיינ ווירטשאפט. דאָס האָבנ אויסגענוצט די אמאָליקע קויהאנימ, דאָס נוצנ אויס אויכ די איצטיקע ראבאָנימ, גאלאָכימ אונ אנדערע פאראזיטנ, קעדיי צו האלטנ דעמ פויער אינ דער מוירע, אז אויב, כאָלילע, ער וועט ניט טאָנ, וואָס

די רעליגיע הייסט, אויב ער וועט ניט פרומ זיינ, וועט אימ גאָט שטראָפנ.

דער באַלעגופ שטיצט די רעליגיעזע אנשטאלטנ, ער שטיצט שטענ־דיק דעמ ראָוו, דעמ גאַלעכ. ער טוט דאָס דערפאר, ווייל די ראַבאָנים אונ גאַלאָכימ העלפנ אימ האלטנ אינ צוימ די אָרעמקייט. אלצ איז פונ גאָט, אלצ איז באַשערט, אלצ ווערט אָנגעכאַסמעט פונ אויבנ, פריידיקנ די גייסטלעכע פאַראַזיטנ. די קאָלעקטיוויזאַציע פונ דער לאַנדווירטשאַפט, די קולטור־רעוואָליוציע העלפנ איצט באַדייטנדיק מיט דעמ אָרעמ־מיטל־פויערטומ צו באַפרייענ זיכ פונעמ רעליגיעזנ טשאַד.

שוינ צייט אז אלע זאָלנ זיכ באַפרייענ פונעמ רעליגיעזנ שימל, פונ די נארישע זאַבאָבאָנעס, וועלכע טויטנ אָפּ די ענערגיע, דעמ ווילנ צומ קאַמפּ.

נאָר פרייע מענטשנ זיינענ מעסוגל צו שאַפנ א פרייענ לעבנ, נאָר פרייע מענטשנ זיינענ פעיק צו בויענ דעמ סאָציאַליזמ.

„גאָט איז פריער פונ אלצ א קאָמפּלעקס אידייענ, וואָס זיינענ געשאַפנ געוואָרנ דורכ דעמ מענטשנס טעמפּער דערשלאָגנקייט, סיי דורכ דער אויסערלעכער נאַטור, סיי דורכנ קלאַסנ־דרוק—דאָס זיינענ אידייענ, וואָס פאַרפעסטיקנ די דאָזיקע דערשלאָגנקייט, פאַרשלעפערנ דעמ קלאַסנקאַמפּ".

(לענינ).

נ. ביקאָלסקי

סוקעס

אינ הארבסט, צומ סאָפּ יאָר, פלעגנ יידנ פייערנ אנ ערד־אויבעט־יאָנטעוו. אָט דער יאָנטעוו איז געווענ דער גרעסטער אונ דער פריי־לעכסטער. ער איז פאָרגעקומענ אינ דער צייט, ווענ מע פלעגט צו־נויפזאַמלענ די פּירעס אונ וויינטרויבנ. דער יאָנטעוו האָט געהאַט פאַר־שיידענע נעמענ: „כאַג־האָאָסיפ־יאָנטעוו, פונ קלייבנ פרוכטנ אונ וויינ־טרויבנ, „הילולימ"־יאָנטעוו, א יאָנטעוו פונ פרייד, סוקעס—א יאָנטעוו

פוןביידלעך. דער לעצטער נאָמען איז אים פארבליבן, ער שטאמט פון דעם מינעג, וואָס די יידן פלעגן זיך איבערקלייבן נאָכן אראָפּנעמען די פּיירעס אין ביידלעך, וואָס זיי פלעגן מאכן פון צווייגן אין די סעדער און וויינגערטנער.

סוקעס איז געווען א צווייידייטיקער יאָנטעוו. דער ערשטער באטייט פון סוקעס איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער איז געווען א יאָנטעוו פון פּיירעס־און וויינטרויבן־אופקלייב, מיט וועלכן עס האָט זיך פארענדיקט דער ערד־ארבעט־יאָר, סוקעס פלעגט מען אונטערפירן די סאכאקלען פון דער גערעטעניש, נאָך דעם פלעגט אפּ א גאנצן האלב יאָר איבערגעריסן ווערן די פרייד פון יאָנטעוו. דעריבער האָבן די קאָרבאָנעס פון סוקעס געטראָגן א ספּעציפישן כאראַקטער—זיי זיינען באשטאנען בלויז פון די ערשטע ביירעס פון די גערטנער. צווישן זיי האָבן א געוויסע ראָליע געשפּילט די אזוי גערופענע „עסרויגים”, אזא מין ציטרין, וואָס וואקסט אין פּאלעסטינע.

אויסער דעם האָט זיך טייכנוויז געגאָסן דער ערשטער וויין, וואָס איז אויסגעטראָטן געוואָרן אין קעלער. דאָס האָט צוגעגעבן דער סימכע פון יאָנטעוו א באזונדער פריילעכן אָרגיע־כאראקטער. נאָך דעם, ווי גאָט האָט באקומען זיין כיילעק, פלעגן זיך די מענטשן נעמען פאר זייער כיילעק: עסן, טרינקען, פריילעך מאכן אפּ אזויפיל, אז דער יאָנטעוו האָט מיט רעכט פארדינט דעם נאָמען הילולים (פרייד). זיבן טעג נאָכאנאנד האָט זיך דער וויין טייכנוויז געגאָסן. ס'האָט געדונערט און געקלונגען די מוזיק, ס'האָבן זיך געלאָזט הערן לידער און אין א ווילדן טאנץ האָבן זיך געדרייט קאראהאָדן.

אין סוקעס־צייט פלעגט מען ניט נאָר דאנקען גאָט פאר דער שוין אופגעזאמלטער גערעטעניש, נאָר מע פלעגט זיך אויך סטארען צו באַזאָרגן זיך מיט א נייעם גערעטעניש, בעטנדיק אפּ רעגן. דערפאר פלעגט מען אויספילן דעם ריטואל פון גיסן וואסער אפן מיזבייעך. דערדאָזיקער ריטואל שטיצט זיך אפ דער אזוי גערופענער נאָכמאַכונג־מאגיע, וואָס באשטייט אין דעם גלויבן, אז דעם אָדער יענעם געגעוונטשענעם טאט קאָן מען ארויסרופן, ווען מע מאכט אים נאָך. הייסט עס, אז א גוט רעגן (אין פּאלעסטינע זיינען די רעגנס אלע

מאָל שטאַרקע) קאָנ מענ אַרויסרופנ מיט א וואַסער־גיסונג. דער בעקנ מיט וועלכנ מע פלעגט אויספילנ דעמ ריטואַל פונ גיסנ וואַסער אפנ מיזבייעכ פלעגט שטענדיק שטיינ אינ מיירעוו־זייט, ווייל די וואָלקנס אינ פאַלעסטינע קומענ אָנ געוויינטלעכ פונ מיירעוו־זייט.

דעמזעלביקנ מאַגישנ טייכל האָט געהאַט אויכ דער ריטואַל צו שאָקלענ מיט צווייגנ פונ בוימער, וואָס עס פלעגנ אויספירנ די דאַוונער אונ די קויהאַנימ, זייער ציל איז געווענ אַרויסרופנ מיט זייער נאָכמאַכנ־ דיקער מאַגיע דעמ ווינט, וואָס ברענגט די רעגנ־וואָלקנס. דאָס בלאָזנ שויפער האָט געהאַט דעמ צוועק אָוועקצוטרייבנ די בייזע רוכעס.

אָט דער ריטואַל איז טאַקע אַנ אוראַלטער. מיר ווייסנ, אַז מיט אַזעלכע ריטואַלנ סטאַרענ זיכ נאָכ ביז היינטיקנ טאָג די נאַטור־פעל־ קער אַרויסצורופנ ווינט אונ רעגנ אינ דער צייט פונ א טריקעניש.

סוקעס איז בעכיינ א יאָנטעוו פונ ווילדע זאַבאָבאָנעס אונ פונ ווילדנ שיקערנ. אַזוינע יאָנטויוימ דאַרפנ מיר באַקעמפנ.

א. הינדעס

א קאַשע אפ א מייסע—טאָמער איז דאָס א גאָט...

איכ ווייס ניט, צי זי לעבט נאָכ יענע „קלוגע" יידענע, וואָס האָט זיכ אפריער גוט אָנגעדאַוונט אינ דער ווייבערשער שול, אָפּגעזאָגט די אַלע טפילעס אונ טכינעס, האָט זיכ געשמאַק אויסגעוויינט, „אויס־ געבעטנ" באמ „אויבערשטנ" א „גוט יאָר" פאַר זיכ אונ פאַר איר גאַנצ הויזגעזינט, אונ דערנאָכ, נאָכ אַלעמענ, גייענדיק נאָכנ טאָנעס אַהיימ, האָט זי זיכ אָפּגעשטעלט באמ קלויסטער אונ גענומענ זיכ צײלעמענ ווי א פרומע מאַנאַשקע.

אונ אַז די פאַרבייגייערס האָבנ באַ איר געפרעגט:

— יענטע־גרונע, גאָט איז מיט אייכ, וואָס טוט איר דאָס?

האָט זי געענטפערט:

א קאשע אפ א מאיסע, טאָמער איז גאָר דאָס א גאָט.

איכ קענ אָבער—מיסטאָמע קענט איר אימ אויכ—דעמ קלוגנ „האלבסאָוועטישנ" יונגערמאנטשיק, וואָס איז ניט ווייט אוועק פונ יענטע־גרונעס „לאָגיק"; ער לייענט קימאט יעדנ טאָג דעמ „פראָלעטאַריער", גייט פינקטלעכ אפ דער שטעלע אינ אנשטאלט, צאָלט אינ דער צייט אינ פראָפּאריינ, ווייסט דעמ טייטש פונ רק"ק אונ פונ קאָלאָפּמאכ אונ, אז עס קומענ די יאָמימ־נוראָימ הויבט אימ אָנ צו „טיאָכקענ אונטערנ לעפעלע" (אפ יענטע־גרונעס לאָשנ).

זאָגנ, אז ער איז רעליגיעז—כאס וועכאָלילע! ער גלויבט אינ גאָט? ער וועט פונ אייכ אליינ לאכנ, אויב איר וועט אימ דערינ כוישעד זיינ.

נו, איז וואָס דענ זשע?

אָט וואָס:

אז ער גייט אינדערפרי אפ דער שטעלע אונ אז א שווארצע קאצ לויפט אימ איבער, כאָלילע, דעמ וועג, טוט אימ א „טיאָכקע אינ הארצנ". ער וועט שוינ היינט האָבנ א שלעכטנ טאָג—דער „זאוו" וועט אימ געוויס היינט מאכנ אנ אויסרייד.

אונ אז ער גייט פונ דער שטעלע אהיימ אונ באַגעגנט אינ וועג א גאלעכ, ווערט אימ נאָכ אומעטיקער אפנ הארצנ,—ער וועט שוינ געוויס האָבנ פונעמ ווייב א פיינע פאָרציע.

אָט דידאָזיקע טונקעלע, האלב־ווילדע אבערגלויבעניש, געפילנ, וואָס שטאמענ פונ אייג אונ דעמזעלביקנ „גלויבנ", דערוועקנ זיכ אינ אימ ווי נאָר עס שמעקט מיט ראָשעשאָנע אונ מיט יאָמקיפער.

פונעמ דאוונענ „האלט ער ניט". ער כאפט זיכ אָבער אריינ אפ א „ווייל‎ינקע" אינ בעסמעדרעש. דאָס טאלעס־זעקל שעמט ער זיכ צו טראָגנ, לייגט ער אריינ דעמ טאלעס אינ פאָרטפעל, ווו עס ליגט אָפט טרייפע ליובסקע וווּרשט, וואָס ער האָט ליב איבערצובייסנ אפ דער שטעלע בעיס דעמ איבערייס.

אונ אז מע טרעפט אימ ארויסגיינ פונ בעסמעדרעש, ווערט ער רויטלעכ אונ טוט א זאָג:

— כ'זאָג אייכ, ס'איז קעדאי געווענ צו הערנ דעמ כאזנ... אנ עמעסער סאָבינאָוו. מע דארפ אינ טעאטער ניט גיינ.

ער איז אריין, הייסט עס, אין בעסמעדרעש ניט מאכמעס פרומקייט חזענן, נאָר דערפאר, ווייל ער „האָט ליב הערן" א כאזן.

און אז ער עסט אינדערהיים די יאָנטעוודיקע יויך מיט די קרעפּ־לעך און עמיץ פון די אָנגעשטעלטע גייט גראד באַשאַס־מאיסע אריין, ווערט ער ווידער אביסל ווילעך און טוט ווידער א זאָג:

— איך האָב ליב א יידישן יאָנטעוודיקן וואַרעמעס.

ער ווערט קלוימערשט שטארק סענטימענטאל און רעדט ווייטער:

— עס דערמאָנט זיך די גוטע, ליבע קינדער־יאָרן, טאטע־מאמע. דאָס שטעטעלע.. און—ער ווארפט אן אויג אף זיין „יאָנטעוודיק" ווייבל —אף אונדזער ערשטער באגעגעניש באם שווער אין שטוב.

נו, איז וואָס פאר א שייכעס האָבן די יאָנטעוודיקע קרעפּלעך צו „רעליגיע"?

און אז עס קומען צו אים אריין די קלייקוידעש און ער גיט זיי אף אויסהאלטן דעם כאזן, מאָעסכיטן, אף עסרוג, אף כאנוקע־ליכט א״אַ״וו, „טוט ער דאָס ניט מאכמעס פרומקייט" נאָר... (אזוי דערקלערט ער דאָס) ער גיט פּאָשעט א נעדאָווע די אלטע „פיינע יידן", וואָס זיינען יאָרדים געוואָרן.

שיקט ער דעם שווער א לעשאָנע־טויווע ערעוו ראָשעשאָנע, הייסט עס ניט, אז ער ווינטשט אים א גוטן יאָר, (א קסיווע־וואכסימע טויווע), ניין, ער איז ניט מער, ווי העפלעך, „אָנשטענדיק", זאָל דער אלטער קיין פאריבל ניט האָבן.

טוט מען אָבער א קראַץ אין דעמדאָזיקן חויפן „מיסטנעפּילעכץ", דערטאפט מען דאָרט גלייך יענטע־גרונעס „לאָגיק": א קאשע אף א מייסע—טאָמער איז דאָס א גאָט.

מ. אלטשולער

קאָשער און טרייפ

קאָשער עסנ. פלייש פונ א בעהיימע, וואָס איז געקוילעט פונ שויכעט און געבודעקט פונעמ ראָוו, איז געוויס א געזונטער מייכל — זאָגנ היינטוועלטיקע פרומאַקעס, וואָס נייענ צו אונטער אלע יידישע מיצוועס א סאַניטאַרנ אָדער א מאָראַלישנ אונטערשלאַק. די „גויים", זיי קאָנענ זיכ באַגיינ מיט א וועטערינאַר, וואָס האָט געענדיקט א אוני- װערסיטעט. „מיר יידנ" זיינענ דאָכ עפּעס „אויסגעוויילטע", פאַרלאָזנ מיר זיכ ניט אפ דער היינטוועלטיקער וויסנשאַפט פונ די „גויים". מיר פאַרלאָזנ זיכ אפ די הייליקע ספאָרים, וואָס זיינענ אָנגעשריבנ אסאַכ הונדערטער יאָרנ צוריק. אפנ גרונט פונ אָט די ספאָרים פּאַסקנט אונ- זער ראָוו, צי איז די בעהיימע טרייפ אָדער קאָשער. עסנ יידנ קאָשער פלייש און די טרייפע פאַרקויפט מענ... די „גויים". אויב פלייש, וואָס איז טרייפ לויטנ יידישנ דינ, איז ווירקלעכ ניט קיינ געזונטע, אנטי- היגיעניש, שעדלעכע, איז ווי אזוי דערלויבט עס דער יידישער דינ צו פאַרקויפנ דאָסדאָזיקע פלייש ניט-יידנ? „גויימ" זיינענ דאָכ אויכ עפּעס, לעהאַוודל, מענטשנ. ווי אזוי דערלויבט עס דער יידישער „מאָ- ראַלישער" דינ צו שעדיקנ מענטשנ, ווענ גאָט האָט זיי אפילע ניט אויסדערוויילט, ווי זיינ געליבטס פאָלק איסראָעל? אויב דער ראָוו, דער שויכעט גלויבנ בעעמעס, אז טרייפע פלייש איז שעדלעכ פאַרנ מענטשנס געזונט, דאַנ דאַרפ מענ דידאָזיקע גאַנצע סטראַפּטשעס צוציענ צומ קרי- מינעלנ געריכט פאַר דערלויבנ צו פאַרקויפנ טרייפע פלייש ניט-יידנ. פאַרוואָס ציט מענ דאָכ ניט צו דידאָזיקע הייליקע „וועטערינאַרנ" צומ געריכט? — דערפאַר, ווייל מיר וויסנ, אז זיי פאַרשטייענ אינ מעדיצינ, וויפל א האָנ אינ בעניי-אָדאָם. דאָס געלט וואָס ווערט געצאָלט דעמ ראָוו און דעמ שויכעט, איז ניט קיינ געצאָלט פאַר סאַניטאַר-אויפזיכט, — דאָס איז א צינז דער אומוויסנקייט און אבערגלויבנ.

מ. שיינגאָלד

וואָס איז אזוינס טרייף?

דאָס וואָרט „טרייפ“ האָט איצטער בא יידנ אַ גאַנצ פאַרברייטערטנ באַטייט. טרייפ זיינענ בא די יידנ בעהיימעס, כייעס, אויפעס, פיש, ווערימ, וואָס טאָרנ ביכלאַל ניט געברויכט ווערנ צומ עסנ, ווייל זיי זיינענ טמאָע, (אינ דער טוירע הייסנ זיי טאַקע טמאָע, ניט טרייפ), ווי לעמאָשל, דער כאַזער, דער פערד, דער האָז, דער אָדלער, ראַקעס, אוסטריצעס א. ד. גל. טרייפ זיינענ אויכ געוויסע טיילנ בא קאָשערע בעהיימעס אונ כייעס, ווי לעמאָשל: בלוט, כיילעוו אונ דער הינטער־טיילעק, טרייפ ווערט אויכ די קאָשערע בעהיימע, ווענ זי באַקומט אַ שעדיקונג. דער טאַלמוד רעכנט אויס 8 מינימ צעשע־דיקונגענ, וואָס מאַכנ טרייפ די בעהיימע. אונ צולעצט טרייפ איז די בעהיימע, וואָס איז אַליינ געפּייגערט אונ ניט געקוילעט געוואָרנ פונ אַ מענטשנ. דאָס רופט זיכ נעווײלע.

צי האָבנ דיראַזיקע דינימ פונ טאַרפעס געזאָרגט אָפּצוהיטנ דעמ מענטשנ פונ אומגעזונטנ עסנ? ניינ, בעשומ אופנ ניט. מיר וועלנ שפּעטער אויפווייזנ, אַז פיל פונ דעמ, וואָס איז לויט דער יידישער רעליגיע קאָשער, איז דאַפקע שעדלעכ פאַרנ געזונט אונ, פאַרקערט, פיל פונ דעמ, וואָס עס איז טרייפ, איז גאַנצ געזונט צומ עסנ.

לאָמיר נעמענ אַפּילע דעמ פאַרבאָט צו עסנ נעווײלע. דאָס זעט, דוכט זיכ, אויס צו זיינ אַנ עמעסער היגיענישער פאַרבאָט, ווייל מיר ווייסנ דאָכ גאַנצ גוט, אַז פלייש פונ אַ געפּייגערטע בעהיימע איז אומ־געזונט. איינדערעמעסנ הייבט זיכ עס ניט אָנ. אַפּילע דאָ האָט די רע־ליגיע געאָרנט צו טאָנ מיט היגיענע. אויכ דעראַזיקער פאַרבאָט זאָרגט קלאַל אונ ניט וועגנ מענטשנס געזונט. מיר געפינענ בעפירעש אַזאַ דינ: ווענ דער שויכעט קוילעט אַ בעהיימע אַ מעסער־קענע (דאָס הייסט אַ לעבנגעפערלעכע, וואָס האַלט באַמ פּייגערנ), ווי מע קענ עס אַרויסזענ דערפונ, וואָס ווענ מע שטעלט זי אַוועק, קענ זי ניט בלייבנ שטיינ, איז

אויב נאָר זי האָט צום סאַמע שכיטע א צאַפּל געטאָן — איז זי קאָשער (יווירעדייע, י״ז). א צאַפּל געטאָן הייסט, ווען די בעהיימע האָט צוגעצויגן אָדער אויסגעצויגן א פוס; און אָפּט איז גענוג אויב זי האָט א מאַך געטאָן מיט אן אויג. ווייטער געפינען מיר אזעלכעס:

„די עלטסטע פון ראַבאָנים פלעגן ניט עסן פון א בעהיימע, וואָס מע האָט זיך געיילט צו קוילען, קעדיי זי זאָל ניט פייגערן. אָבער איז עס ניט, נאָר דער, וואָס וויל אפּ זיך נעמען אזא כומרע, זאָל זיין געלויבט". דאָ האַנדלט זיך וועגן בעהיימעס, וואָס געהערן צו „גוים", אָבער בעהיימעס, וואָס געהערן צו יידן, זאָל מען ניט טרייף מאַכן אין אזא פאַל (ד. ה. ווען זי וואָלט גלייך פייגערן, אויב מע זאָל זי ניט קוילען), ווייל עס איז א שאָדן יידיש געלט.

אָט זעט מען קלאָר און דייטלעך, אז א געפּייגערטע בעהיימע איז טרייף ניט, ווייל זי איז אומגעזונט, געפערלעך, נאָר ווייל איר „נעשאָמע" איז אויסגעגאַנגען ניט דורכן שניט פונעם פרומען כאַלעף. אויב נאָר דער שויכעט האָט באַוויזן בײַ דער לעצטער מינוט פון איר לעבן אויסצופירן איבער איר דעם שכיטע־ריטואַל, איז דידאָזיקע נעווײלע קאָשער.

עס איז דאָך זייער לייכט צו פאַרשטיין, אז א בעהיימע, וואָס האַלט בײַם פייגערן, איז איר פלייש פונקט אזוי שעדלעך צום עסן א סעקונדע פאַר דער פעגירע, ווי א סעקונדע נאָך דער פעגירע. אָבער וואָס אַרט דער רעליגיע דאָס געזונט? ווער רעדט, אז די בעהיימע איז א יידישע, איז א קאַפּאָרע דאָס געזונט, אַבי ראַטעווען א יידיש קערבל. די רעליגיע איז אויסן, אז די בעהיימע זאָל געטויט ווערן דורכן הייליקן ריטואַל — דורכן דער פרומער שכיטע.

אָט ווי די רעליגיעזע דינים זאָרגן וועגן מענטשנס געזונט, אָט ווי קאָשער פלייש גאַראַנטירט די געבוריכער זייער געזונט.

אין די קליינע שטעטלעך, ווו עס איז ניטאָ קיין מעדיצינישע אונטערזוכונג, טרעפט גאַנץ אָפט, ווען קעדיי צו ראַטעווען דעם יידישן קאַצעווס א קערבל, קוילעט מען אפּ קאָשער א האַלבע פּאַדלע, קימאַט א געפּייגערטע, און דאָס ווערט געטאָן, פאַרשטייט זיך, מיטן העכשער

פונ פרומע ראָוו. אינטערעסאנט איז, אז לויטנ יידישנ דינ וועט א בעהיימע טרייפ נאָר דאנ, ווענ זי ווערט אפ א קינסטלעכנ אויפנ צעשעדיקט, לעמאָשל, ווענ א רויב־כייע האָט איר פארצוקט (טרייפע באטייט א פארצוקטע). ווענ די בעהיימע האָט אָבער א נאטירלעכע קרענק, וואָס מאכט איר פלייש שעדלעכ צום עסנ, איז זי דאפקע ניט טרייפ. פארקערט אָבער, ווענ די בעהיימע האָט באקומענ א לאָכ אינ האלדז, גרויס ווי אנ איטאליענישער גילדנ, איז זי טרייפ (כולינ, נ״ז), כאָטש יעדער וועטערינארער דאָקטער וועט באשטעטיקנ, אז איר פלייש איז אבסאָליוט ניט אומגעזונט. דערפונ קענ מענ זענ, וואָס פאר א שייכעס עס האָט קאָשער אונ טרייפ מיט היגיענע, וואָס איז בארופנ אכטונג צו געבנ אפנ געזונט־צושטאנד פונ מענטשנ. דערפאר האָבנ מיר א ריי פאלנ, ווענ דער ראָוו מאכט קאָשער די בעהיימע, אונ דער וועטערינאר מאכט זי טרייפ דערפאר, וואָס איר פלייש שטעלט מיט זיכ פאָר א געפאר פארנ מענטשנס געזונט.

אָט, לעמאָשל, געפינענ מיר אוא דינ: ווענ עס איז דאָ א לאָכ אינ די געדערים, מעג עס זיינ פונ א קראנקייט, איז אויב די לאָכ איז פארשטעלט דורכ קאָשערנ פעטס, איז קאָשער (יורעדייע, מ״ז). אָט דאָ האָבנ מיר א קלאָרנ פאקט, ווענ די טובערקוליאָזע באצילנ האָבנ צעגעסנ א לאָכ אינ די געדערים, איז דאָס פלייש אָנ שום סאָפעק געפערלעכ פארנ מענטשנ. דער ראָוו וויל אָבער דערפונ ניט וויסנ. ער גיט א קוק אינ יורעדייע אונ פאסקנט, אז די בעהיימע איז קאָשער, אונ די פרומע יידעלעכ וועלנ מיט גרויס קאווואָנע מאכנ א בראָכע איבערנ קאָשערנ פלייש אונ וועלנ באצאָלנ מיט זייער געזונט.

לויטנ יידישנ דינ זיינענ אלע געשאָכטענע בעהיימעס קאָשער אָנ שום אונטערזוכונג (בעדיקע). אינ בעדיקע נייטיקט זיכ נאָר די בעהיימע, וואָס מע געפינט בא איר א סירכע. דער דאָזיקער „היגיענישער" דינ האָט געפונענ זיינ אויסדרוק אינעמ פאָלקשפריכוואָרט: „אז מע פרעגט ניט קיינ שיילע, איז ניט טרייפ".

נאָר לאָמיר בעסער א קוק טאָנ, וואָס טוענ אונדזערע „וועטערינארנ"—דער ראָוו מיטנ שויכעט, ווענ זיי באדקענענ די בעהיימע. וואָס זוכנ זיי אינ די לונגענ אונ וואָס מאכט טרייפ די בעהיימע?

מיר וועלנ אָנווייזנ אפ די פאלנ, ווענ דער ראָוו נאָכ דער בעדיקע מאכט דאָס פלייש קאָשער, בעיס לויט דער מעדיצינ איז דאָס עמעס געפערלעכ פארנ מענטשנ. נאָכ לעמאָשל, האָבנ מיר אזוינע דינימ:

1) אויב אינ די לונגענ געפונענ זיכ ווערימ, איז דאָס פלייש קאָ־שער, אפילע ווענ עס איז דאָ א לאָכ אפ דורכ און דורכ, ווייל מע דארפ רעכענענ, אז די ווערימ האָבנ אריינגעגעסנ די לונגענ שוינ נאָכ דער שכיטע (יורעדייע, ל״ו). דאָ קענענ מיר טרעפנ א פאל, ווענ די בעהיימע האָט די באקאנטע שלאָפקייט אנטינאסיקאז, און דאָס פלייש איז דעמאָלט זייער געפערלעכ פארנ מענטשנ.

2) ווענ עס פעלט א שטיק לונג, נאָר זי איז ניט דורכגעלעכערט אפ דורכ און דורכ, איז דאָס פלייש פונ דער בעהיימע קאָשער. אזעלכע פאלנ טרעפנ אָפט בא בעהיימעס, וואָס זיינענ קראנק אפ שווינדזוכט.

3) ווענ אפ די לונגענ זיינענ פאראנ פארשיידענע בלאָטערס, וואָס זיינענ אָנגעפילט מיט שטינקענדיקער מאטעריע, איז קאָשער. עסט, יידישע קינדערלעכ, און זאָל אייכ ווויל באקומענ. דער ראָוו האָט גע־פאסקנט, אז עס איז קאָשער.

מע קאָנ ברענגענ פיל, זייער פיל אזעלכע „היגיענישע" דינימ וועגנ קאָשער און טרייפ.

נאָר עט וועט קלעקנ די געבראכטע ביישפילנ, קעדיי צו איבער־צייגנ יעדנ, וואָס איז ניט פארבלענדט פונ דער רעליגיע, אז קאָשער און טרייפ האָט קיינ שייכעס ניט צו היגיענע און סאניטאריע.

מע דארפ נאָכ צוגעבנ, אז בא יידנ איז מענ בודעק נאָר די לונגענ, מער ניט, האגאמ, יעדער ווייסט גאנצ גוט, אז א בעהיימע קענ האָבנ שווינדזוכט אפנ הארצנ, אפנ לעבער, און דאנ וועט אפ די לונגענ קיינשומ סימענ פונ קראנקייט ניט זיינ. וואָס וועט העלפנ אינ די פאלנ בעדיקע פונ די לונגענ?

מ. שײנגאָלד

אנדערע סאָרטנ טארפעס

די יידישע טוירע האָט צעטיילט די כייעס אונ אויפעס אפ „ריינע“ אונ „אומריינע“, אפ קאָשערע אונ טרייפע. די „ריינע“ מעג מענ עסנ, זיי זיינענ קאָשער, די „אומריינע“ טאָר מענ ניט עסנ, זיי זיינענ טרייפ. די טוירע האָט געגעבנ אזא קלאסיפיקאציע: די, וואָס זיינענ מַעלעגיירע אונ האָבנ צעשפאלטענע טלאָענ, זיינענ קאָשער; די, וואָס בא זיי פעלט איינער פונ די דאָזיקע סימאָנים—זיינענ טרייפ. דאָ האָט זיכ שוינ פונ לאנגע צייטנ געפונענ אנ אָרט פאר די „אופגעקלערטע לאקייענ“ פונעמ יידישנ קלעריקאליזמ צו דערקלערנ עס אפנ „וויסנשאפטלעכנ“ אויפנ, אז די יידישע טוירע האָט ספעציעל געזאָרגט וועגנ געזונט פונעמ אמע-בעכארטאָנו-פאָלק, אונ נאיווע מענטשנ פאלנ נאָכ אדייעמ אריינ אינ קעלבענער היספּיילעס פונ מוישע ראבייניוס כאָכמע.

אָט, לעמאָשל, טאָרנ יידנ ניט עסנ קיינ כאזער. כאזער האָט זיכ גערעכנט פאר דער סאמע גרעסטער טארפע. דער טאלמוד האָט פארבאָטנ ניט נאָר צו עסנ כאזער, נאָר אפילע צו האָדעווענ כאזיירימ אונ צו האנדלענ מיט זיי. „טרייפ, ווי כאזער“, איז געוואָרנ א יידיש פאָלק-ווערטל. מע טייַנעט, אז כאזער איז אומגעזונט, ווייל אינ כאזער-פלייש געפינט זיכ טריכינ. אזוי פאסקענענ די „אופגעקלערטע“ אָנהענגער פונ טוירעס-מוישע.

מע מוז אָבער זאָגנ, אז אינ יעטווידער עסנווארג געפינט זיכ עטוואָס אזעלכס, וואָס קענ פארשאָטנ. אויב אינ כאזער איז דאָ טריכינ, איז אינ אנדערע פליישנ פאראנ קרעאָטינ אינ א פיל גרעסערער מאָס, ווי אינ כאזער-פלייש, אונ קרעאָטינ אינ א צו גרויסער מאָס איז עמעטער סאמ, די קאָשערע פיש, וואָס באפוצנ די שאבעסדיקע סודע בא יעטווידנ פרומענ ייד, זיינענ אויכ שעדלעכ. עס טרעפט גאנצ אָפט, אז מע פארסאמט זיכ מיט פיש דורכ פטאָמאינ. הייַנ, ווי יעדער אלקאָהאָל-געטראנק, איז געוויס שעדלעכ פארנ געזונט, דאָכ האָט די יידישע טוירע עס ניט פארבאָטנ. אגעוו דארפ מענ באמערקנ, אז דורכנ קאָכנ ווערט דער טריכינ אבסאָליוט אומשעדלעכ.

אבוצדעם האלטן יידן אליין כאזער פאר א קרעפטיק מייכל „דער גוי איז געזונט, ווייל ער עסט כאזער״—אזא ווערטל איז געווען פאר שפרייט בא אלטן יידישן דאָר.

אין טאלמוד איז דאָ א מיימער פון רעב שימען דעם זון פון גאמליעל:

א ייד טאָר ניט זאָגן: „איך וויל ניט קיין כאזער״, פארקערט, ער דארף זאָגן: „איך וויל זייער עסן כאזער, נאָר וואָס קען איך העלפן, אז דער פאָטער פון הימל האָט עס פארבאָטן״.

דערמיט זאָגט דער טאלמוד, אז כאזער איז א גוטע און געזונטע שפייז, דער מענטש וויל עס זייער בעברויכן, נאָר גאָט, דער פאָטער פון הימל האָט עס פארווערט.

די טוירע האָט פארבאָטן צו עסן האָזנ־פלייש. דער האָז איז טאָמע, טרייפ. קיינער אין דער וועלט וועט ניט דערוויזן, אז האָזנ־פלייש איז ערגער, אומגעזונטער, איידער, לעמאָשל, ציגנ־פלייש. דאָך איז ציגנ־פלייש קאָשער און האָזנ־פלייש—טרייף. דער קראָליק איז אויך בא יידן טרייף. פון מעדיצינישן שטאנדפונקט וועט איר אויך ניט געפינען קיינ־שום דערקלערונגען, פארוואָס זאָל מען ניט טאָרן עסן קיין קראָליק-פלייש.

פארוואָס־זשע האָט די יידישע טוירע ארויסגעגעבן אזויפיל געזעצן, וואָס פארבאָטן פארשיידענע שפייז צום עסן?

די זאך באשטייט אין דעם, וואָס אויך דאָ שטעלן יידן מיט זיך ניט מאָר קיינשום אויסנעם. זייער פיל אלטע פעלקער ווייטן פון דערמאָנטן „מע טאָר ניט״. דעם כאזער, לעמאָשל, עסן ניט די סעמיטישע פעלקער. אין די אלטע צייטן האָבן די מיצרים אויך ניט געגעסן דעם כאזער. דער האָז איז אויך טרייף בא די טערקן און ארמעניער. די אָוועס פון די ענגלענדער—די בריטן—האָבן אויך דעם האָז ניט געגעסן. דעם קיראָליק עסן ניט אפילע די אביסיניער קריסטן.

בא זייער פיל פעלקער, איבערהויפט בא די ווילדע, זיינען דאָ פארבאָטענע מייכאָלים. וואָס דאָס פאָלק איז ווילדער, ווינציקער קולטור־רעל, אלץ מער דינים פון „מע טאָר ניט״ עקזיסטירן בא אים. „טאבו״ דאָס איז דער געזעץ, וואָס דריקט אפ ווילדע מענטשן. „טאבו״ באטייט טאָמע, טרייף אָדער הייליק פאר גאָט, מיט איין וואָרט פארווערט פאר מענטשנס געברויך.

די סיבעס, וואָס האָבנ ארויסגערופנ בא די ווילדע פעלקער דעמ „טאבו", זיינענ זייער פארשיידנ אונ מעמיילע זיינענ אויכ פארשיידנ די אָביעקטנ פונ „טאבו". יעדער שייוועט האָט זיכ זיינע דינימ פונ „מע טאָר נית". דאָס, וואָס בא איינעמ איז טרייפ, איז באמ צווייטנ קאָשער אונ פארקערט.

זייער פיל כייעס זיינענ טרייפ דערפאר, וואָס דער ווילדער מענטש האָט גערעכנט, אז אפ זיי רוט עפּעס א „בייזער גייסט", א „רועכ האטומע". אָט, לעמאָשל, די רויב־כייעס טאָר מענ בא יידנ נית עסנ. זייער פיל ווילדע פעלקער פלעגנ די רויב־כייעס האלטנ פאר שיידימ. פאר בייזע רוכעס, דערפאר וואָס זיי הארגענענ דאָכ מענטשנ. דעריבער זיינענ זיי געווענ טאָמע, אומריינ. דאָסזעלבע איז אויכ מיט די רויב־פייגל, וואָס זיינענ אויכ טרייפ בא יידנ. זיי זיינענ טאָמע צוליב דער־זעלבער סיבע, וואָס די רויב־כייעס.

פיל זאכנ ווערנ דערקלערט מיטנ נאטירלעכנ עקל, וואָס דער מענטש האָט געפילט צו פארשיידענע באשעפענישנ. אָט, לעמאָשל, פארשיידענע שראָצימ (קריכנדיקע באשעפענישנ), ווי עקדעשנ, שלאנגענ רופנ ארויס באמ מענטשנ אנ עקל־געפיל סיי דורכ זייער אויסערלעכנ העסלעכנ אויסזענ, סיי דערפאר, וואָס זיי קריכנ אינ בלאָטעס, זומפנ א. ד. גל.

דער געהענעמ אינ דער פאָרשטעלונג פונעמ ווילדנ מענטשנ איז אנ אָרט פונ עקדעשנ אונ שלאנגענ.

דער כומעש באטראכט דעמ שלאנג אלס שולדיקנ אינ דעמ, וואָס דער מענטש האָט אָנגעהויבנ זינדיקנ, אלס דעמ יעיצער־האָרע, וואָס האָט געבראכט אלדאָס בייז אפנ מענטשנ. אָט אזוי האָט זיכ געקענט אנט־וויקלענ א טאבו־געזעצ איבער די שראָצימ, כאָטש פיל פונ זיי זיינענ גאנצ געזונט צומ עסנ, ווי לעמאָשל, ראקעס, אוסטריצעס רעכנט זיכ פאר זייער א גוטער שפייז בא אלע ציוויליזירטע פעלקער.

„טאבו" איז אָפט ארויסגעקומענ אפנ באָדנ פונ טאָטעמיזמ. די ווילדע שוואָטימ האָבנ געגלויבט, אז געוויסע כייעס זיינענ די גייסטיקע קרוי־ווימ פונ זייער שייוועט, דעריבער מוז מענ זיי שאנעווענ, מע טאָר זיי נית עסנ. די ווילדע מענטשנ פונ דער גאנצער וועלט האָבנ זייערע

„טאָטעמס“ אויך בא היינטיקן טאָג פונקט, ווי די ווילדע אָוועט פון אלע היינטיקע ציווילירטע פעלקער.

די יידישע שוואָטים האָבן אויך געהאט זייערע טאָטעמס: יעהודע א לייב; בינימין—א וואָלף; דאָן—א שלאנג; יסאָכער—אן אייזל. די טאָטעם־כייע האָט מען ניט געטאָרט עסן, זי איז „טאבו“. אָט אזא אויפן האָבן די אוראָוועס פון די יידן אופגעקליבן פארשיידענע כייעס, וואָס זיי האָבן צוליב דער אָדער יענער סיבע ניט געגעסן, און די טוירע האָט דאָס נאָכדעם פארשריבן פאר א געזעץ פון גאָט.

די קלאסיפיקאציע, אז מאלעגיירעדיקע כייעס מיט צעשפאלטענע טלאָען זיינען קאָשער און די איבעריקע זיינען טרייף, איז א שפעטערדיקע צוקלערונג פון די קויהאנים, וואָס האָבן דאָס פארשריבן אין דער טוירע.

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אויסגעבילדעט פון פארשיידענע שוואָטים, יעדער שייוועט האָט געהאט זיין „טאבו“־געזעץ. בעשאס די קויהאנים האָבן גענומען די מאכט אין זייערע הענט, האָבן זיי, נאטירלעך געשטרעבט צו מאכן איין געזעץ פארן גאנצן פאָלק. ווען זיי האָבן באטראכט די מערהייט כייעס, וואָס זיינען טאבו בא אלע שוואטים, האָבן זיי אונטערגעשירט א קלאסיפיקאציע פון קאָשער און טרייף פארן גאנצן פאָלק. דערמיט דערקלערט זיך דער פאקט, וואָס דער אייזל, וואָס לויט דער קלאסיפיקאציע דארף ער זיין טרייף, איז אין דער צייט פון די שאָפטים געווען בא יידן קאָשער, ווי עס איז צו זען פון אזא דערציילונג: די מידיאָנים האָבן פארניכטעט אלע עסנווארגן און האָבן ניט איבערגעלאָזט פאר די יידן קיינשום שפייז, ניט קיין שעפס, ניט קיין אָקס, ניט קיין אייזל (שאָפטים, ו'). הייסט עס, אז אן אייזל האָט בא יידן געדינט אלס קאָשערע שפייז.

בא די ווילדע פעלקער זיינען פאראן „טאבו“־געזעצן בענעגייע אזעלכע זאכן, וואָס געהערן צו גאָט, אָדער צו געטלעכע מענטשן. זיי טאָר מען ניט עסן, ווייל עס איז הייליק צו גאָט.

אָט דעם „טאבו“־כאראקטער טראָגן איינִיקע טרייפע טיילן פון קאָשערע כייעס בא יידן. כיילעו איז טרייף, ווייל ער איז הייליק צו גאָט. „ווער עס וועט עסן כיילעו פון א בעהיימע, וואָס מע ברענגט

פאר א קאָרבנ צו גאָט, וועט זיינ נעשאָמע פארניכטעט ווערנ פונ איר פאָלק" (וואיקרע, ז'). אויכ בלוט איז טרייפ דערפאר, ווייל דאָס געהערט צו גאָט. „ווער עס וועט עסנ בלוט, דעמ וועל איכ פארניכטנ. ווייל די נעשאָמע פונעמ קערפער איז אינ בלוט. אונ איכ האָב דאָס אייכ געגעבנ מאקריוו צו זיינ אפנ מיזבייעכ אלס א קאפאָרע פאר אייערע נעשאָמעס" (וואיקרע, י"ז).

גאָט נייטיקט זיכ אינ שפייז, פונקט ווי דער מענטש, ער פאָדערט אָבער דאָס בעסטע—דאָס בלוט אונ שמאלצ, דערפאר טאָר דאָס קיינ מענטש ניט עסנ. עס איז „טאבו", ווייל עס איז הייליק צו גאָט.

די טוירע פארבאָט נאָר צו עסנ בלוט. קומט אָבער די קלוגע געמאָרע אונ זאָגט, אז קעדיי דאָס בלוט זאָל ניט פארבלייבנ אינ פלייש, דארפ מענ עס אָפּשווענקענ אונ אויסזאלצנ אונ ווידער אָפּשווענקענ. קומט אָבער אסאכ שפּעטער דער „רמ"אָ" אונ פאסקנט, אז ווייקנ דארפ מענ דאָס פלייש א האלב שאָ אונ זאלצנ א גאנצע שאָ. אונ די פרומע יידנ אונ יירענעס, פארשטייט זיכ, פאָלגנ דעמ „רמ"אָ" אונ מיינענ, אז זיי טוענ דערמיט א גרויסע כאָכמע. זיי פארשטייענ ניט, אז דאָס איז די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פונ טאבו-געזעצ, אז דאָס איז געצנדינעריי.

אגאָל

ט א ר פ ע ס

לאנג איז עפראָימ אומגעגאנגענ אָנ ארבעט. אזוי לאנג, אז זיינ פרוי האָט שוינ פארגעסנ די צייט, ווענ זי האָט דעמ אויוונ געהייצט. אונ באמ קליינינקנ ניאָמקעלע האָבנ זיכ בלויע אָדערלעכ דורכגעלייכט פונ אונטער דער הויט אפ זיינ געזיכט.

אונ ווענ מע האָט עפראָימענ צוריק גענומענ ארבעטנ אפ בראָדסקעס זאוואָד, האָט ער א פריילעכער דערלאנגט זיינ פלוינעסטע כייע קליינ-געלט. אינ שטוב איז געוואָרנ א גאנצער יאָנטעוו. מע האָט געקויפט פלייש, בולבעס אונ מילכ, אונ כייע האָט זיכ גענומענ קאָכנ וואַרמעס.

עפראַים איז געזעסן באַם טיש און האָט אַפּן קני געהוידעט ניאָמ־קעלען. נאָך אַ לאַנגער שאָ, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ לאַנגער טאָג, האָט כייע אוועקגעשטעלט אַפן טיש אַ טעפּל זופּ און הייסע מילכ פאַרן יינגל. ניאָמקע איז אַרונגעקראָכן אַפן טיש, האָט זיך אויסגעצויגן, האָט אַריינגעקוקט אין ביידע טעפּלעך און האָט זיך צעשריען—איך וויל ניט קיין מילך, איך וויל פליישיקס! דערביי האָט ער מיט דער מילכיקער לעפל אָנגעשעפּט פון פליישיקן טעפּל.

עפראַים און כייע זיינען טויט פאַרבליבן, אַ קליינינקייט—אַ מילכיקע לעפל אין אַ פליישיקן טעפּל! די זופּ צוזאַמען מיטן טעפּל מיט דער לעפל מוז מען דאָך אַרויסוואַרפן!

— אָ, גאָטו!...

כייע האָט געכאַפּט דאָס יינגל פאַר די האָר און האָט גענומען שלאָגן. דאָס יינגל האָט זיך שרעקלעך צעשריען. עפראַים האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, אופגערעגטערהייט איז ער זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער.

— כייע, לאָז אָפּ.

כייע האָט געוואָרפן דאָס וויינענדיקע קינד, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַפּ דער טאַבורעטקע און האָט זיך צעוויינט.

— האָסט דען אַנדערע געלט? צי וועלן מיר דען ווידער ניט זיצן הונגעריקע?

עפראַים האָט בעקוקט אָן אַ זייט און האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר דוכט, אַז מיר קאָנען עסן דעם וואַרמעס.

כייע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— וואָס, עסן טאַרפעס?

עפראַים האָט מיט אופרעגונג איר איבערגעקרימט:

— טאַרפעס, טאַרפעס! מע דאַרף אוועקוואַרפן אָט די נאַרישקייטן, מע קאָן דאָך ניט אַרויסוואַרפן אַ גאַנצן וואַרמעס צוליב אַ טראָפּן מילך.

— וואָס רעדסטו עפראַים? אָ, גאָטעניו! גאָטס געבאָט רופט ער אָן נאַרישקייטן.

— נו, גוט, גיי אַריבער צום ראָוו, עפּשער וועט ער פּאַסקענען, אַז מע מעג עסן דעם וואַרמעס.

— דער ראָוו וועט ניט דערלויבן, ער איז בא אונדז זייער א שטרענגער, אָבּ אונ ווי' איז צו די הונגעריקע.

— ניט שוין זשע קאָן גאָט ניט מאכן קיין אויסנעם פאר א הונגערי־קער פאמיליע? גיי כייע צום ראָוו, ער וועט געוויס דערלויבן.

כייע האָט ארופגעוואָרפן די טיכל אפן קאָפּ אונ איז ארויס פון שטוב.

דער ראָוו האָט געגעסן. כייע איז לאנג געזעסן אין קיך אונ האָט געוואַרט. אונטערן לעפעלע האָט געצויגן. דער געשמאקער רייעך פון דער געבראָטענער גאנדז האָט פארשיקערט דעם קאָפּ. צום סאָף האָט די דינסט ארייַנגערופן כייען אין צימער.

דער ראָוו איז געזעסן אין א יארמעלקע. זיין געזיכט, נאָכן זאטן, פעטן מיטיק איז געווען רויט אונ האָט געגלאנצט. אפן טיש האָט פרייַלעך געזאָדן דער סאַמאָוואר.

— וואָס ווּעסטו זאָגן, כייע, וואָס איז געשען?

כייען איז געווען פינצטער אין די אויגן. פון אינגערפרי האָט זי אין מויל ניט געהאט. איר האָט זיך געוואָלט זייער פיל דערציילן דעם ראָוו וועגן איר שווערן לעבן, וועגן דעם שטענדיקן הונגער. ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו ריידן, האָט איר דער ראָוו איבערגעריסן.

— אלץ, מיין טייערע, איז פון גאָט, א מענטש דארף שטענדיק זיין צופרידן מיט זיין מאזל. דער, וואָס איז ניט צופרידן מיט זיין לעבן, זינדיקט פאר גאָט. אונ די, וואָס זינדיקן, וועלן ניט האָבן יענע וועלט.

כייע האָט שטיל געוויינט אונ מיט איר ברודיק פארטעך האָט זי צעשמירט אירע טרערן איבער גאנץ געזיכט.

רעבע, מיר זייַנען הונגעריקע, מיר האָבן שוין קיין קויעך ניט צו ליידן. דערלויבט אונדז עסן דעם ווארעמעס.

— שווייג, זינדיקע נעשאָמע, מע טאָר אזוי ניט ריידן, גיי גיכער אהיים אונ ווארף ארויס דאָס עסן אונ אלץ, וואָס איז טרייף געוואָרן.

עפראַים האָט אָפּ דער ווייבס פּאַרווייַנטער געזיכט גלייך איבער־געלייענט, אַז פֿון איר וויזיט צום ראָוו האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט. כייע איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט גענומען דעם טעפּל מיטן זופּ.

— וואָס ווילסטו טאָן?

— דער ראָוו האָט געהייסן אַרויסוואַרפן דעם טרייטן עסן.

עפראַים האָט רויק אָפּגענומען בא איר דעם טעפּל און האָט אַ זאָג געטאָן:

— גיי, מיין קינד עסן.

— כייע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— האָב מוירע פֿאַר גאָט! דער ראָוו האָט געזאָגט...

— איך שפּיי אָפּ דיין ראָוו! פֿאַרשטייסט? איך זאָג דיר — זעץ זיך און עס...

כייע האָט פֿאַרדעקט דעם פּנים, אַרויסגעלאָפֿן אין פֿאָרהויז און האָט זיך אָפּגעקאָל פֿאַנאַנדערגעוויינט.

— אוי, אַן אומגליק, אַן אומגליק...

עפראַים מיטן זון האָבן מיט אַפּעטיט געגעסן די פֿלייש מיט דער זופּ.

— בייזע הינט זיינען אָט די ראַבאָנים. אָט וואָס זיי האָבן געמאַכט פֿון דער מאַמען.

— עס מיין זון, קוק ניט אָפּ דער מאַמען. זי וויינט, ווייל זי פֿאַרשטייט ניט, שפּעטער וועט זי קליגער ווערן. אַז דו וועסט אַ גרוי־סער אויסוואַקסן, זאָלסטו זיך ניט צוהערן צו אַזעלכע נארישקייטן.

— און גאָט איז אויך בייז, ווי אַ הונט?

עפראַים האָט זיך צעלאַכט.

— דו, מיין זון, וואַקסט בא מיר אַ מאָלאָדיעץ. זיי זיינען אַלע בייז, אַלע פֿון איין באַנדע, אי בראָדסקי, אי גאָט, אי דער ראָוו.

„קעמפֿן מיט די רעליגיעזע איבערגלויבענישן פֿון דער פֿרוי דאַרף מען זייער פֿאָרזיכטיק... דער טיפֿסטער מאָקער פֿון איבערגלויבענישן איז איר אָרעמקייט און פֿינצטערניש. אָט פֿאַרוואָס די לאַגע פֿון דער פֿרוי איז ביז איצט געבליבן אַזאַ, אַז מע האָט זי אָנגערופֿן קנעכטישע״. (לענין).

ו. הינדעס

דער „קאָשערער כאלעפ", נעבעכ...

א בריוו אינ רעדאקציע

כאָשעווער כאווער רעדאקטער!

איכ בעט פובליקירנ אינ אייער צייטונג, אז איבער דעמ וואָס כ'וויל זיכ פארנעמענ מיט פראָדוקטיווער ארבעט, זאָג איכ זיכ אָפּ פונ שכיטע, מיט וואָס איכ האָב זיכ באשעפטיקט ביז דער לעצטער צייט.

מינסק. **יאנקעוו קאסינסקי.**

פונ דער רעדאקציע:

דער בירגער קאסינסקי האָט צוזאמענ מיט דער מעלדונג געבראכט דעמ כאלעפ אינ רעדאקציע.

(מינסקער „אָקטיאבער", 13-טנ סענט.).

א מינסקער שויכעט דארפ פארמאָגנ א היפּש ביסל מוט אונ אופּריכטיקייט, קעדיי צו ווערנ אנ אפּיקוירעס גראד הארט בא יאָמנאָראָים, ווענ „אפילע א פיש אינ וואסער ציטערט" אונ ווענ די קלעריקאלע העכט כאפּנ אזוי די פארנארישטע פלאָטקעלעכ אינעמ יאָמנאָראָימדיק־מוטנעמ וואסער.

א ווערטעלע אויסצוריידנ — יאָמנאָראָים אינ מינסק, די שטאָט פונעמ „שאָכטימ־טרעסט", א שטאָט, וואָס ליגט הארט בא דער פוילישער גרענעצ — מיט א האנט צו דערלאנגענ די פרומע ווילנע, די „כסידישע" ווארשע...

אונ אָט אינ דעמזעלביקנ מינסק האָט דער שויכעט יאנקעוו קאסינסקי געבראכט צו טראָגנ אינ דער קאָמוניסטישער רעדאקציע זיינ „קאָשערנ כאלעפ" אונ האָט אימ דאָרט עפּנטלעכ געגעבנ „געט":

— איכ וויל מער ניט נארנ די יידישע מאסנ מיט קאשרעס.

— עס איז א שאנד צו זיינ א שויכעט. איכ וויל זיכ פארנעמענ מיט פראָדוקטיווער ארבעט.

אונ דער קאָשערער כאַלעמ, אָנ אײנ פגימעלע, איז זיכ נעבעכ געלעגנ אפנ טיש אינ דער קאָמוניסטישער רעדאַקציע אונ איז דורט געוואָרנ פאַר בושע.

פונ זײמ גלאַנצנדיקער שאַרפ האָט זײנ שאַנד אראָפּגעשפּיגלט...

באַנקראָט! אויפ רעליגיעזער ייכעס, ער מוז געבעכ א פּראָסטער האָרעפּאַשנער מעסער ווערנ.

אזא „כילעל האשעמ"!

אונ ווענ? —

ערעוו קאַפּאָרעס־שלאָגנ. דער קאָשערער כאַלעמ האָט געוואַרט אפ דעמ טאָג א גאַנצ יאָר: וויפל גריוונעס מע קאָנ עס איצט אויסנארנ באַמ פאַרנארישטנ אוילעמ.

אסאַך, אסאַך טײנעס האָט דער קאָשערער כאַלעמ צומ שויכעט, וואָס האָט אימ „פאַראַטנ" — א „גוי" געוואָרנ, ראַכמאָנעליצלאָנ...

ניט ווײניקער אַגמעסנעפּעש ווערנ פונ דעמ האָבנ די מינסקער פרומאַקעס אונ מיט זיי צוזאַמענ די קאָרעספּאָנדענטנ פונ דער פרומער קאָשערער מומע „איטאַ" (יידישע טעלעגראַפ־אַגענטור), וואָס ווערנ מיסטאָמע אָנזאָגנ די „טרויערדיקע בסורע" דער גאַנצער וועלט.

„די יעווסעקנ האָבנ די שכיטע פאַרבאָטנ!"

„א נײע גזײרע אינ סאָוודעפּיע!"

ווער ווײסט, עפּשער וועט מענ אינ וואַרשע אונ ניו־יאָרק גויזער־טאַנעס זײנ —

דער ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" וועט זיכ עפּשער ווענדנ צומ 2־טנ אינטערנאַציאָנאַל, ער זאָל זיכ אינ פאָלקאָמיסערנ ווענדנ מיט א פּראָ־טעסט־נאָטע.

ווער—ווער, אבראַמאָוויטש וועט געוויס די „אוולע" ניט פאַרטראָגנ. ער וועט זיכ געוויס אָנעמענ די קריוודע פונעמ מינסקער קאָשערנ כאַלעמ:

— „רעליגיאָנ איז דאָכ א פּריוואַט־זאַכע".

יאַנקעוו קאַסינסקי ווײסט אלײנ ניט, וואָס פאַר א טומל זײנ בריוול קאָנ נאָכ ארויסרופנ אינ די ספערנ פונ הײליקנ וואַטיקאַנ אינ רוימ אונ אינעמ צווײטנ אינטערנאַציאָנאַל.

דעם שׂויכעט קאַסינסקיס בריוועלע דערציילט אָבער נאָך אַט וואָס:

די פינצטערע רעליגיעזע מעסטונג פּלאַצט ניט נאָר פון דרויסן, נאָר אויך פון אינעווייניק, אפילע די מער ערלעכע „קולט־דינערס" (קלייקוידעש) קאָנען שוין מער ניט פאַרטראָגן דעם איפּעשׂ פונעם רעליגיעזן מיטלאַלטער.

פ. לאפארג

מ י ל ע

מילע האָט מען געהאַלטן פאַר א רעליגיעזן מינהעג, אויב ניט אויסשליסלעך, איז איבערהויפּט בא יידן. נאָר אויב מיר זאָלן זיך האַלטן בא דער ביבל, וועלן מיר געפינען, אז גאָט האָט געפאָדערט פון אַווראָמען, אז ער זאָל זיך מאַל זיין ערשט דאַן, ווען ער איז שוין אַלט געווען 99 יאָר, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון מיצראַים, ווו ער האָט זיך באַקענט מיטן וויכטיקן רעליגיעזן באַטייט פון מילע און האָט זיך אויסגעלערנט שעצן דעמדאָזיקן מינהעג.

אַפ אזא אויפן קומט אויס צו אַנערקענען, אז ניט יידן האָבן גע־האַט די ערע אויסצוגעפינען דעמדאָזיקן מינהעג, נאָר אז אים האָבן אָפּגעהיטן די מיצרים פון גאָר אַלטע ציטן, ווי אויך די קאָלכן, די עטיאָפּן און די פיניקיער, וועלכע האָבן עס איבערגענומען בא די מיצ־רים. פאַרקערט, עס ווייזט אויס, אז איינפירן דעם מינהעג מילע בא יידן איז אָנגעקומען שווערלעך, וואָרום מוישע האָט מאַל געווען זיין זון ערשט נאָך זיין אומקערן זיך פון מיצראַים.

דידאָזיקע אָפּעראַציע איבערן קינד האָט געמאַכט זיין פרוי ציפּוירע. אדאַנק די באַציונגען מיט די גריכן, האָבן די פיניקיער פאַרוואָרפן דעם מינהעג פון מאַל זיין די קינדער. דאָס אייגענע האָט געטראָפן מיט די יידן. ווען זיי האָבן פאַרלאָזן מיצראַים, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון מילע. זיי האָבן עס צוריק איינגעפירט ערשט דאַן, ווען זיי האָבן פאַרענדיקט זייער וואַנדער־לעבן אין דער מידבער, לויט א „ספּעציעלן באַפעל פון גאָט צו יעשועַ בינון", אז ער זאָל מאַל זיין אַלע זכאָרים.

דער מענטש איז געווענ דער סאמע באַליבטער קאָרבנ פאר גאָט. אסאַך דוירעס זיינענ אוועק ביז וואנענ גאָט האָט דערלויבט די מענטשנ צו ברענגענ קאָרבאָנעס פונ בהייעס אנשטאָט זיך. מילע אונ אנדערע פארוואנדלונגענ זיינענ געווענ א פארגרינגערטע פאָרמ פונ די פריער־דיקע מענטשלעכע קאָרבאָנעס. נאָר צומ ערשטנ פלעגט מענ ברענגענ פאר א קאָרבנ דאָס קינד; נאָכדעמ האָט מענ אָנגעהויבנ זיך באנוגענענ דערמיט, וואָס מע פלעגט אָפּהאקנ א פינגער־גליד, מאָל זיינ אָדער מאכנ אנ אנדער וווּנד.

מ. שיינגאָלד

די געפערלעכע מאָמענטנ פונ דער מילע־אָפּעראציע

פאראנ אזעלכע דאָקטוירים, וואָס מיינענ, אָדער דירעקטער געזאָגט, ווילנ איינרעדנ דעמ עולם, אז מילע איז „פארעווע": ניט נוצלעך, נאָר אויך ניט שעדלעכ. וואָס זאָגט וועגנ דעמ די וויסנשאפט? מע דארפ ניט זיינ קיינ איבעריק גרויסער ספעציאליסט, קעדיי צו פארשטיינ, אז יעדע אָפּעראציע איז פארבונדנ מיט א געוויסער ריזיקע, מיט א גע־וויסער געפאר.

דאָקטער קאָהאנ זאָגט: „איכ דערלויב זיכ צו דערקלערנ, אז ווענ אונדז יידנ וואָלט ניט געגעבנ געוואָרנ די מיצווע מילע אונ מע וואָלט עס ווענ איינפירנ איצטער צוליב א וואָסער ניט איז טאַמ, וואָלטנ מיר, יידישע דאָקטוירימ, געווענ די ערשטע שארפסטע קעגנער, ווייל יעדע אָפּעראציע, אפילע די סאמע גרינגע, איז פארבונדנ מיט א גרוי־סער סאַקאָנע אונ, ווי מיר האָבנ שוינ געזעענ אויבנ, איז דאָ ניט ווינציק צופאלנ, וואָס האָבנ געבראַכט צו א שלעכטנ אויסגאנג אדאנק דער מילע" („אויס בריס", 220).

מע דארפ געדענקענ, אז דאָס שרייבט א הייסער אָנהענגער פונ דער מיצווע מילע, וואָס זאָגט, אז ווענ ניט די מיצווע מילע, וואָלטנ

יידן שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן אַף דער וועלט אַלס אַ נאַציע. דאָך אַלס אַ ספּעציאַליסט, אַ דאָקטער, איז ער געצוווּנגען צו אָנערקענען, אַז די מילע־אָפּעראַציע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ גרויסע געפֿאַר. אָן אַ צאָל אומשולדיקע קליינע קינדערלעך זיינען אומגעקומען אַדאַנק דעם באַרבאַרישן מינהג.

נאָך אין טאַלמוד געפֿינען מיר וועגן דעם, אַז אַ גרויסע צאָל קינדער פֿלעגן שטאַרבן פֿון מילע.

צום באַדויערן, זיינען ניטאָ קיין סטאַטיסטישע ידיעות וועגן די טויט־צופֿאַלן פֿון מילע, עס איז אָבער קלאָר, אַז די צאָל קאָרבאָנעס איז זייער אַ באַדייטנדיקע. פֿריער פֿון אַלץ פֿאַלן אַלס קאָרבאָנעס די קינדער, וואָס זיינען קראַנק אַף דער בלוט־כאַלאַעס — העמאָפֿיליע. דאָס איז אַזאַ מין קרענק, וועלכע גייט איבער בירושה. זי דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס אויב מע זאָל שעדיקן אָדער פֿאַרווונדן אַזאַ כוילע, קען מען בשום אופֿן ניט איינהאַלטן דאָס בלוט און אָמערסטן ענדיקט זיך עס מיט אַ טויט־אויסגאַנג. אַזעלכע קינדער שטאַרבן פֿון דער מילע־אָפּעראַציע און קיין רפֿואה איז פֿאַר זיי ניטאָ.

עמעס, לויטן יידישן דין, אַז אויב בײַ אַ מוטער זיינען געשטאָרבן צוויי קינדער פֿון מילע אַדאַנק דער העמאָפֿיליע־קראַנקייט, ווערט דאָך דער דריטער באַפֿרייט פֿון דער אָפּעראַציע. אָבער צוויי קאָרבאָנעס איז מען מחויב צו ברענגען. פֿיל קינדער ווערן געבוירן שוואַכינקע, און די מילע־אָפּעראַציע שטעלט מיט זיך פֿאַר אַזעלכע קינדער פֿאָר אַ גרויסע געפֿאַר. עמעס, קראַנקע קינדער איז מען לויטן יידישן דין ניט מחויב צו אַכט טעג; מע וואַרט ביז וואַנען זיי ווערן געזונט. אָבער מיט דערדאָזיקער „להאָטע״ באַנוצן זיך נאָר עמעס קראַנקע; שוואַכינקע קינדער האָבן ניט קיין רעכט צו באַנוצן זיך מיט דערדאָזיקער פּריווילעגיע און זיי איז מען מל צום אַכטן טאָג, ווי די תורה האָט געבאָטן. גאַנץ אָפֿט זיינען די רעזולטאַטן טרויעריקע. דאָס קינד הויכט אויס זיין נשמה בײַ דער ערשטער מיצווה, מיט וועלכער די הייליקע תורה האָט אים מעכאַבעד געווען. דערפֿאַר זאָגט מען אים צו אַ ליכטיקן גאַניידן, אויסערדעם וועט ער אופֿשטיין „טכיעס האַמייסים״. בײַ יידן איז פֿאַראַן אַ מינהג, אַז ווען דאָס קינד שטאַרבט פֿאַר דער מילע,

אָדער עס ווערט געבוירן א טויטער, איז מען עס מאל און מע גיט דעם א נאָמען, קעדיי עס זאָל אופשטיין „טכיעס האמייסים" גלייך מיט אלע איבעריקע טויטע. זאָרגט ניט יידישע קינדערלעך, שטארבט אייך וויפל דאָס הארץ גלוסט, מיט גאניידן און טכיעס האמייסים זייט איר פארזאָרגט!

דאָקטער ריווקין, וואָס בא אים איז געשטאָרבן א קינד פון מילע, באמערקט זייער ריכטיק, אז עס איז פּאָשעט א פארברעכן צו באגאזלענען באם שוואכינקן קינד דאָס ביסל בלוט, וואָס איז אים אזוי נייטיק פאר זיין אנטוויקלונג. ביקלאל טרעפט זייער אָפט, אז געמאלטע קינדער גייען אָפּ מיט בלוט און שטארבן נאָך איידער דער דאָקטער קומט.

דאָקטער קאהאן באשטעטיקט, אז עס זיינען פאראן זייער פיל טרויעריקע צופאלן אדאנק דער אומגעלונגענער אָפּעראציע פון מילע, נאָר ער האלט פאר שעדלעך צו פארעפנטלעכן די צאָל צופאלן, וואָס ער האָט צונויפגעזאמלט, ווייל די מויעלים, די שולדיקע אין דידאָזיקע טרויעריקע צופאלן, האָבן נאָך דאן געלעבט, ווען ער האָט פארעפנטלעכט זיין ווערק „אויס ברית". ווייזט אויס, ער האָט מוירע געהאט אָפּצושרעקן דעם אוילעם פון מילע, וואָס ער האָט זי געהאלטן פאר א גייסטיקער סגולע איינצוהיטן דאָס פאָלק איסראָעל. זאָלן בעסער אומקומען יידישע קינדער, אבי עס זאָל לעבן דאָס „פאָלק איסראָעל". דערביי גיט צו דערדאָזיקער דאָקטער קאהאן, אז עס איז שווער צונויפצוזאמלען סטאטיסטישע יעדיעס וועגן די טויט־צופאלן פון דער מילע־אָפּעראציע, ווייל מערסטנטיילס באטראכטן די עלטערן פונעם קינד, ווי אויך די ארומיקע דאָס קראנק ווערן און שטארבן פון קינד ניט אלס רעזולטאט פון דער מילע־אָפּעראציע. זיי דערקלערן עס מיט דעם, אז דעם קינד האָט געשאדט אן איינהאָרע. דערפאר איז אָנשטאָט צו רופן א דאָקטער גלייך ווי מע באמערקט, אז דאָס קינד איז קראנק, רופט מען אָפּטער אן אָפּשפּרעכער.

דער דאָקטער קאהאן ברענגט אן אויסצוג פון א סייטער „ברית אוראָם", וואָס איז דערשינען אין ווארשע אין 1888 יאָר, ווו דער מעכאבער, א באוווסטער אין יענער צייט ווארשעווער מויעל, לערנט

דעם אוילעם די מעלאָכע פונ מילע. אונדאָרטנ איז מאַראַנ אזא בעריל, אז אויב באם געמאלטנ קינד וויזט זיכ ארויס א בלוט־אָפּגאַנג, זאָל מענ זאָגנ א באַשטימטנ שפּרוכ אונ דאָס וועט מיט גאָטס הילפ איינ־האלטנ דאָס בלוט („אויס בריס" 156).

דערזעלבער דאָקטער קאהאנ שילדערט בילדער פונ זיינ אייגענער פּראקטיק, ווי דאָס קינד ליגט בלאס ווי קאלכ, פונ דער וווּנד רינט אָנ אופהער בלוט, די שטובּיקע לויפנ ארום הינ אונ צוריק, ווי צעטומלטע, אונ דער מויעל זיצט באם וויגעלע אונ שעפּטשעט א שפּרוכ, קעדיי איינצוהאלטנ דאָס בלוט. אזעלכע בילדער זיינענ געווענ אנ אָפּטע דער־שיינונג מיט 25 יאָר צוריק אינ וואַרשע, קראָקע אונ אנדערע שטעט מיט א גרויסער צאָל יידישע באפעלקערונג. זיי טרעפנ באַשטימט אויכ איצטער אינ די אויבנדערמאָנטע שטעט.

ווער וועט אונדז גאראנטירנ, אז אזעלכע צופאלנ האָבנ מיר ניט אינ די שטעט אונ שטעטלעכ בא אונדז אינ ראטנפארבאנד צווישנ דער גלויביקער יידישער באַפעלקערונג, בא וועלכער דער רעליגיעזער פאַנאַ־טיזם איז נאָכ ניט אויסגעהאָרצלט?

די „שטריימלעכ" האָבנ שטענדיק געגומענ אונטער זייער שוצ די מויעלים, וואָס האָבנ פיל קינדער אריבערגעפעקלט אפ „יענער וועלט". ווענ עס טרעפט אנ עפּידעמיע, אונ קינדער שטארבנ מאסנווייז פונ מילע (אזעלכע פאלנ זיינענ זייער אָפּט), באַמיענ זיכ די ראבאָנים אָפּ־צווענדנ די אופמערקזאמקייט פונ די מאסנ פונעם עמעסנ שולדיקנ־פונ מויעל, אונ זוכנ די סיבעס פונ דער מאגייפע אינ די „זינד" פונעם שטעטל. מע איז גויזער טאָנעס, (מע הייסט פאסטנ), מע זאָגט טילים אונ נאָכ אזעלכע „אויסגעפרווטע" מיטלענ אפ איינצוהאלטנ די עפּידעמיע.

מיט דער מילע־אָפּעראציע פארנעמענ זיכ ניט קיינ דאָקטוירים, נאָר מויעלים. קעדיי צו זיינ א מויעל איז קלאָר ניט נייטיק צו וויסנ די עלעמענטארע קלאָלים פונ מעדיצינ בענעגייע דערדאָזיקער אָפּעראַציע, ער איז גאָרניט מעכויעוו צו וויסנ דעם בוי אונ די איינגעשאפט פונ דעם גליד, וואָס ער אָפּערירט. ער האָט אויכ קיינ באגריפ ניט, וואָס דארפ מענ טאָנ, קעדיי איינצוהאלטנ דאָס בלוט. ער דארפ נאָר זיינ

א „שיינער ייד", דעריקער א פרומאק און וויסן פארשיידענע אפשפרעכענישן סיי פון אן איינהארע, סיי פון בלוט־אפגאנג, דאן איז ער דער בעסטער מויעל.

אט אזעלכע טיפן מויעלים זיינען געווען די בעסטע אין אזעלכע גרויסע שטעט, ווי ווארשע, מיט 30 יאר צוריק; אזעלכע זיינען נאך אדייעם פול און פיל אין די שטעט און שטעטלעך אין אונדזער ראטנפארבאנד. עס איז קיין וואונדער ניט, וואס דערדאזיקער ווילדער מינהעג ברענגט מיט זיך אזויפיל קארבאנעס.

עס טרעפן זייער פיל צופאלן, ווען די אפעראציע פארענדיקט זיך מיט טויט, אדער די געמאלטע בלייבן קאליקעס אף זייער גאנצ לעבן. וועגן אזעלכע פאלן געפינען מיר נאך אין טאלמוד (שאבעס 135), וועגן אזעלכע פאלן דערציילן אויך די דאקטוירים זאסקע, יאפע, פאגארעלסקי און פיל אנדערע. די מילע־אפעראציע אנטהאלט אין זיך מער געפאר ווי אלע אנדערע אפעראציעס דערפאר, ווייל זי ווערט געמאכט איבער א שוואך אכטטאגיק קינד דורך א מענטשן, וואס האט קיין באגריף ניט אין מעדיצין.

ו. בעסטערענקא

די רעליגיע און די פרוי

די ארבעטער און פויערים פון ראטנלאנד, בויען די ערשטע סאציאליסטישע מעלוכע אין דער וועלט.

אט אין דערדאזיקער גוואלטיקער ארבעט איז אונדז טייער יעדע ארבעטער־האנט, יעדער באוווסטזיניקער קאפ, יעדער ניכטערער געדאנק, יעדעס ערלעך אויג, יעדעס אפנהארציק דורכגעטראכט ווארט. פון דערדאזיקער סאציאליסטישער מעלוכע־בויונג טאר קיינער ניט אוועק. אלע דארפן העלפן בויען אט דעם ריזיקן ביניען: די מענער ווי די פרויען, אלט ווי יונג. געזעלשאפטלעכע ארבעט האבן מיר דאך אן א שיר און אן א ברעג. יעדערער, וואס וויל בעעמעס עפעס טאן האט איבערגענוג

וואָס צו טאָנ. נו, באַטייליקנ זיכ געװנוג פרויענ אינ דערדאָזיקער ארבעט אונ קאַמפּ? ווייניק, יעדנפאַלס ווייניקער ווי מאַנסבילנ.

וועגנ דעמ אַנטייל פונ די ארבעטנדיקע פרויענ אינ דער רעוואָליר־ציאָנערער בויונג האָט כ׳ לענינ אַזוי געזאָגט: „די גרויסע זאַכ, וואָס די ראַטנמאַכט האָט אָנגעהויבנ צו טאָנ, קאָנ נאָר דאַנ גיינ פאָרויס, ווענ אַנשטאָט הונדערטער פרויענ אינ דער ראַטנרעפּובליק וועלנ זיכ באַ־טייליקנ אינ דער ארבעט מיליאָנעג אונ הונדערטער מיליאָנענ ארבעטנ־דיקע פרויענ. דאַנ וועט די רעוואָליוציאָנערע בויונג פאַרפעסטיקט ווערנ".

דערפונ איז קלאָר, ווי שעדלעכ איז עס פאַר דער זאַכ, ווענ די אר־בעטנדיקע פרוי איז נאָכ פאַרבלענדט אונ פאַרפינצטערט פונ רעליגיעזנ טשאַד אונ פונ די פאַרשיידענע זאַבאָבאָנעס אונ נאַרעשקייטנ.

די אָפּגעשטאַנענע פרוי, וואָס גלויבט אינ גאָט אונ אינ רעבנס ניסימ, איז אַ וועדקצייג אינ די הענט פונ דער בורזשואַזיע, וואָס דער־דערשטיקט אונ דערטרינקט מיט דער הילפ פונ גאָט אונ זיינע סטראַפ־טשעס יעדנ פרייענ געדאַנק, יעדנ פרייענ ווילנ באַ דעמ ארבעטער אונ האָרעפּאַשניק.

מיר ווייסנ פונ אַזעלכע ביישפּילנ, ווענ די אָפּגעשטאַנענע רעלי־גיעזע פרוי האָט געווידקט אפ איר מאַנ אונ אפ אירע קינדער אונ האָט זיי אויכ געמאַכט פאַר בלינדע גלויביקע באַשעפעניש.

נאָכ אַדייעמ זיינענ פאַראַנ פרויענ פונ האָרעפּאַשניקעס, וואָס האַלטנ פונ ליכט־בענטשנ, פונ מיקווע, פונ פליישיקס אונ מילכיקס אונ פאַרביטערנ אונ פאַרומערנ דערמיט דאָס לעבנ פונ זייערע ארבעטנדיקע מענער. עס דערגייט אמאָל ביז קריגערייענ אונ אפילע ביז אַ געט. מיר ווייסנ אויכ פאַלנ, ווענ די אקשאָנעס פונ דער גלויביקער פרוי האָט געצוואונגענ דעמ מאַנ אָפּצוזאָגנ זיכ פונ רעוואָליוציאָנערער אר־בעט, ארויסגיינ פונ דער פּאַרטיי, אָפּרייסנ זיכ פונ זיינע כאַווײרימ.

אינ דער צייט, וואָס מיר לעבנ איצט איבער, ווענ די ארבעטער אונ פויערימ פירנ אַ פאַרביסענעמ קאַמפּ מיט דער בורזשואַזיע פונ דער גאַנצער וועלט פאַרנ ניצאָכנ פונ קאָמוניזמ, דאַרפ די ארבעטנדיקע פרוי זיכ שטאַרק פאַרטראַכטנ אפ אירע רעליגיעזע מינהאָגימ אונ

אבערגלויבערייענ. זי דארפ פונ זיכ אראָפּווארפנ די פארשימלטע אבער־גלויבערישע קייטנ, ניט אינ יענער וועלט דארפ זי זוכנ א טרייסט אונ אַ באַרויקונג, זי דארפ זעענ העלפנ איבערבויענ איר לעבנ־שטייגער, דארפ זיכ באַטייליקנ אינ דער געזעלשאפטלעכער ארבעט, זי דארפ שטענדיק געדענקענ, אז אָט דעמדאָזיקנ וועג צו באַפרייענ זיכ האָט אָנגעוויזנ דער, וועלכער האָט אמבעסטנ געוווסט אונ גרינטלעכ פאר־שטאנענ דעמ שווערנ גורל פונ דער ארבעטנדיקער פרוי—דער פירער אונ וועג־ווייזער פונעמ אלוועלטלעכנ פראָלעטאריאט, כ׳ לענינ.

וואָס האָט איליטש געזאָגט

די רעליגיע סאמט אָפּ דעמ מויעכ ווי גיפט. אינ דעמ פראט איז רעליגיע שעדלעכער איידער אלקאָהאָל. כ׳ לענינ האָט געזאָגט, אז רעליגיע „איז א מינ ביטערער טראָפּנ, מיט וועלכנ דער קאפיטאל פארשיקערט זיינע קנעכט ביז זיי פארלירנ זייער מענטשלעכע גע־שטאלט".

ווי אזוי ווירקט די רעליגיע אפנ מענטשנ

פונ קינדוויז אָנ בינדט די עמונע דעמ מענטשלעכנ געדאנק, אַז ער זאָל זיינ גוט אונ פרומ, הערנ וואָס גאָט אונ פרומע לייט הייסנ טאָנ, מוירע האָבנ פאר שיידימ אונ פאר ניט גוטע, פארנ געהענעמ אונ פאר יענער וועלט. מיט איינ וואָרט די רעליגיע האלט דעמ מענטשנ ווי אינ א פינצטערנ קעלער אונ פארקריפלט זיינ געדאנק אונ ווילנ.

דער געדאנק אונ ווילנ פונ א גלויביקנ מענטשנ איז שטענדיק דער־שלאָגנ אונ אָנגעשראָקנ. דער אזוי גערופענער „עמעסער גלויביקער", וועלכער געפינט אינ דער רעליגיע „א טרייסט פאר זיינע ערדישע ליידנ", שרעקט זיכ פאר דער וויסנשאפט, פלאָגטערט זיכ אינ זיינע אייגענע געדאנקענ, ער האָט מוירע, אַז די וויסנשאפט אָדער א גע־וואגט אפיקאָרסישער געדאנק זאָל בא אימ כאָלילע ניט אָפרויבנ זיינ „איינציקע" (ווי ער מיינט) טרייסט. אזא גלויביקער מענטש איז ניט פעיק צו זעלבשטענדיקע, ביזנ סאָפ דורכגעטראכטע מאיסימ, קעדיי צו פירנ א קאמפ מיט זיינ קלאסנ־סוינע. ער איז דאָכ „אינ גאָטס

האנט" און ער איז פּאַשעט ניט פעיק צו פירן אן אקטיוון קאמפ. און טאקע דאָס דארף האָבן די בורזשואזיע.

פון וויגעלע ביז צום קייווער

מיט זייער א גיפטיקן שפּינוועבס האָט די קלויז און דער קלויסטער ארייַנגעכאפּט דעם האָרעפּאשניקס לעבן פון וויגעלע ביזן קייווער. פון געבוירן אָן איז שוין די רעליגיע געשטאנען בא אים צוקאָפּנס און האָט ווי א גאזלען געהאלטן איר כאַליעפּ איבער זיין האלדז. זי באַגלייט אים פון געבוירן ביז באַגראָבן. אויב דאָס קינד איז ניט געמאַלט געוואָרן, איז ער צווישן די פרומאקעס און גלויביקע זיין גאנץ לעבן געווען ווי א קרעציקער. מע האָט פון אים געווייכט, אָנגעטאָן אים די שרעקלעכסטע ליידן, א מאמזער האָט ער געהייסן. דעם אפּיקוירעס, וואָס האָט קיין ווידע ניט געוואָלט זאָגן, האָט מען ניט געוואָלט מעקאבער זיין אפּן בייסאלמען צווישן אלע קוואָרים, נאָר מע האָט אים באַגראָבן ערגעץ הינטערן פּלויט. מיט איין וואָרט מע האָט אים פארביטערט דאָס לעבן און „מעווייעש געמאכט" דעם טויט, קעדיי אָנצושרעקן די לעבעדיקע, אז זיי זאָלן מוירע האָבן צו גיין אין דעם אַפּיקוירעסעס וועגן.

כופּע און קעדושן

היינט וויפל האָט די פרוי געהאט אויסצושטיין פון דער רעליגיעזער כאסענע, פון די כופּע און קעדושן? ווי נאָר זי האָט אָנגעטאָן דעם קעדושן-פינגערל און געדרייט זיך ארום איר „באשערטן" אונטער דער כופּע, איז זי שוין געוואָרן זיינע אן אייביקער קנעכט. אין דער „הייליקער טוירע" שטייט אויך געשריבן, אַז דער מאן דארף געוועלטיקן איבער דער פרוי. האָט ער געוועלטיקט. זי איז דאָך געווען פון אים אָפּהענגיק עקאָנאָמיש און „געזעלשאפטלעך". די גאנצע רעליגיעזע סוויווע איז דאָך געווען אפּן צאד פון מאן. גוט איז נאָך, ווען דער „באשערטער" איז געווען ניט קיין אויסוואורף. גאנץ אָפט פלעגט די ארבעטנדיקע פרוי ארייַנפאַלן צו א טיראן אין די הענט און ער פלעגט זי מאכן פאַר א קאַליקע אף איר גאנץ לעבן.

אונ ניט בלויז די יידישע עמונע, נאָר אויכ די קריסטלעכע, די מאכ־מעדאַנישע אונ אנדערע רעליגיעס באַהאַנדלענ די פרוי „אלס קנעכט פונעמ מאנ״.

מ. שײנגאָלד

רעליגיע אונ די פארשקלאפונג פונ דער פרוי

די רעליגיע שטעלט זיכ שטענדיק אפ דער זייט פונ שטאַרקנ. זי העלפט אימ אונטערדריקנ דעמ שוואכנ. זי העלפט דעמ פעאָדאל דריקנ דעמ קנעכט, דער בורזשואזיע—דריקנ דעמ ארבעטער־קלאס, די עקספלו־אטאטערס פונ דער הערשנדיקער נאציע—די קלענערע פעלקער. דאָס זעלביקע טוט די רעליגיע בענעגייע דער פרוי. זי שטעלט זיכ אפנ צאד פונ דעמ שטארקערנ מינ—דעמ מאנסביל, קעדיי צו פארשקלאפנ דעמ שוואכערנ מינ—די פרוי. די ביבל באטראכט די פרוי אלס א מענטשנ פונ א נידעריקער מאדרייגע. אינ אָנפאנג האָט גאָט באשאפנ דעמ מענטשנ—דעמ מאנסביל (אָדאָמ האָרישנ), ערשט דערנאָכ האָט זיכ גאָט מעיאשעוו געווענ, אז אָדאָמנ איז „ניט באקוועמ צו זיינ אליינ״, האָט ער אפ אימ ארופגעוואָרפנ א שטארקנ שלאָפ אונ האָט פונ זיינ ריפ באשאפנ די פרוי. הייסט עס, אז די פרוי איז באשאפנ געוואָרנ אויס־שליסלעכ צוליב דער באקוועמלעכקייט פונ מאנ. די פרוי איז דעריבער מעכויעוו זיכ אונטערצווארפנ אונטער דעמ ווילנ פונ מאנ, פאָלגנ אימ, זיינ געהאָרכזאמ.

„אונ ער (דער מאנ) וועט איבער דיר געוועלטיקנ״—זאָגט אָנ גאָט דער ערשטער פרוי כאווע.

די טוירע רעדט אייג די פרוי, אז זי איז די ערשטע, וואָס האָט געבראכט זינד אפ דער וועלט, אז זי איז דעריבער שולדיק, וואָס דער מענטש איז פארטריבנ געוואָרנ פונ גאנ־ײדנ אונ מוז „מיט זיינ שווייס פונ געזיכט עסנ ברויט״.

. . . .

די פרוי געהערט קיינמאָל ניט צו זיך אַליין, זי ווערט באַטראַכט ווי עמיצנס אַ כייפעץ. זי געהערט אָדער צום פאָטער, וועלכער מעג זי פאַרקויפן אַלס אַ דינסט אָדער צום מאַן, וועלכער רעכנט זיך פאַר איר האַר, פאַר וועלכן זי מוז טאָן לויטן טאַלמוד אַזוינע אַרבעטן: מאָלן טווייץ, באַקן ברויט, וואַשן וועש, קאָכן און באַקן, שפּינען וואָל, אָנזויגן די קינדער, אָנגיסן אים דעם קאָס, אויסבעטן אים די בעט און וואַשן אים דאָס געזיכט, די הענט און פיס (קעטובעס, נ"ט).

ער, דער מאַן, מעג האָבן פרויען וויפיל זיין האַרץ געלוסט (לויט דער טוירע). דער דין, אַז מע טאָר ניט האָבן מער ווי איין פרוי, איז אַ שפּעטערדיקער און איז אויך ניט אומעטום גילטיק). זי אָבער מוז צו אים טריי זיין, אַנדערש קומט איר טויט. ער מעג זי געטן ווען ער וויל, אָן קיין שום גרונט, אַפילו פאַר אַ שלעכט אָפּגעקאָכטן וואַרמעס, זי מוז בלייבן זיינע, קאָלומאַן ער פאַרלאַנגט עס. אין די „צען געבאָט" ווערט געזאָגט: „דו זאָלסט ניט גלוסטן דיין כאַווערס פרוי, זיין קנעכט, זיין דינסט, זיין אָקס, זיין אייזל". די פרוי ווערט דאָ באַטראַכט ווי אַ כייפעץ, וואָס איז דאָס אייגנטום פונעם מאַן.

ווען דער מאַן שטאַרבט, יאַרשענען אים די קינדער, די פרוי האָט אָפּ יערושע קיין שום רעכט ניט.

יעדער גלויביקער ייד מאַכט אַלע טאָג אינדערפרי צום דאַווענען אַ בראָכע: „געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, דער האַר פון דער וועלט, וואָס דו האָסט מיך ניט באַשאַפן קיין פרוי".

אַפילו די טוירע טאָר מען די פרוי ניט לערנען. „דער, וואָס לערנט זיין טאָכטער טוירע, לערנט ער איר אויסגעלאַסנקייט".

קעדיי אַמבעסטן צו פאַרשקלאַפן די פרוי, האָט מען געדאַרפט האַלטן זי אין דער פינצטערניש. נאָכמער, דער טאַלמוד האַלט, אַז די פרוי איז ניט פעיק צו קיין וויסנשאַפט. „די כאָכמע פון דער פרוי איז נאָר אין שפּינדל".

די טוירע האָט קיינמאָל ניט גערעדט דירעקט צו דער פרוי, נאָר צום מאַנסביל וועגן די פרויען.

די פרוי ווערט אין דער טוירע ניט באַטראַכט אַלס אַ זעלבשטענ-דיקער מענטש.

אָט אזוי האָט די יידישע רעליגיע זיך געסטארעט צו פארשקלאפן די פרוי, אונטערצוּוואַרפן זי איינגאַנצן אונטער דער ווירקונג און אונטער די אינטערעסן פונעם מאַן. דער פרוי האָט די רעליגיע געלערנט געהאָרכזאַמקייט, טרייקייט צום מאַן, דערפאַר וועט זי ווּיכע זיין אָט יענער וועלט צו זיין „א בענקעלע אונטער די פיס פונעם מאַן".

צו פאַרשקלאַפן די פרוי האָט געשטרעבט ניט בלויז די יידישע רעליגיע, נאָר אויך אַלע איבעריקע רעליגיעס.

בא די פערסן געפינען מיר אזא לערע: „די פרוי איז מעכויעוו צו שעצן איר מאַן, ווי גאָט אַליין, ווייל אזוי האָט אָפּגעשטעלט ארמוזד אַליין, אַז די פרוי איז פריי פון טפילע טאָן צו גאָט, קעדיי זי זאָל קאָנען שעצן איר מאַן".

„די פרוי איז געבאָרן נאָר אָט קינדער צו האָבן".

די קריסטלעכע רעליגיע לערנט אויך: „פרויען, פאָלגט אייערע מאַנען פונקט ווי גאָט" (אַפּאָסטל פאַוול). „די פרוי זאָל מוירע האָבן פאַר איר מאַן".

די מוסולמאַנישע רעליגיע אָנערקענט ניט די פרוי פאַר קיין מענטשן. דער קאָראַן איז געגעבן געוואָרן ספּעציעל פאַר מענער, ניט פאַר פרויען. אויב מע שווערט א פרוי, האָט דאָס קיין שום פאַרפליכטונג־קראַפט ניט, ווייל די פרוי איז ניט קיין מענטש.

„די פרוי—דאָס איז די ערשטע מענטשלעכע באַשעפעניש, וואָס האָט דערקענט קנעכטשאַפט. נאָך איידער עס האָבן זיך באַוויזן קנעכט, איז די פרוי שוין געווען א שקלאַפן". (א. בעבעל).

אין דערדאָזיקער פאַרשקלאַפונג האָט די רעליגיע שטענדיק געשפּילט די הויפּט־ראָלע.

די פרוי, צוליב דעם, וואָס זי איז נאָך ניט אומעטום אריינגעצויגן אין דער פּראָדוקציע און פאַרנעמט זיך מיט שטוב־אַרבעט, וואָס פאַרטעמפּט איר מויעך, איז אָפט די טרעגערן פון די רעליגיעזע טראַדיציעס. עס קומט אָפט אויס דעם אַרבעטער, וועלכער האָט זיך שוין באַפרייט פון דער רעליגיע, צו פירן א קאַמף מיט דער פרוי קעגן אירע אַקשאָנעסדיקע אָפּערגלויבענישן.

ווימל צופאַלן פון בזקן מאַצע, פראַווען פייסעך, מאָל זיין די קינדער

ווערנ אויסגעפילט באמ ארבעטער אינ שטוב נאָר מאכמעס דער אָפּגע־שטאנענקייט פונ דער פרוי?

די רעליגיע האָט קיינמאָל ניט גערופנ די פרוי צומ קאמפ פאר איר באפרייונג, פונקט, ווי זי האָט ניט געוועקט די קנעכט צומ קאמפ קעגנ זייערע הארנ, די ארבעטער קעגנ זייערע עקספּלואטאטערס. פארקערט, די רעליגיע האָט שטענדיק פארהייליקט די שקלאפעריי, זי האָט גערופנ די אונטערדריקטע צו אונטערטעניקייט, צו הארכנאָע, אינ דעמ שטעקט די גרעסטע שעדלעכקייט פונ דער רעליגיע.

פ. נארינא

די פרוי אינ קאמפ פאר קאָלעקטיוויזאציע

די גאלאָכיש־ראבאָניש־באלעגופישע קליקע פלעגט אפט גאנצ גע־לונגענ אויסנוצנ די אָפּגעשטאנענקייט און פינצטערקייט פון די פויער־טעס, פלעגט פרוּווּנ אָרגאניזירנ די פרויענ־מאָסע קעגנ דער קאָלעקטי־וויזאציע, קעגנ די מאָסמיטלענ פונ דער סאָוועטנמאכט, קעדיי דורכ די פרויענ־מאסנ ארויסרופנ א ווידערשטאנד אויכ מיצאד דעמ מענערשנ טייל פונ דאָרפ. דאָרט, ווו די דעלעגאטנ־פארזאמלונגענ זיינענ ניט געווענ גוט אָרגאניזירט, דאָרט ווו ס'איז ניט געשאפנ געוואָרנ קיינ פעסטער אקטיוו פונ ראטנ־מיטגלידער, פונ דעלעגאטקעס, מיטגלידער פונ די קאָמיטעטנ פאר קעגנזייטיקער הילפ,—דאָרט האָט די קלייקוידעש־באלעגופישע אגיטאציע ניט זעלטנ דערגרייכט אירע צילנ: דעזאָרגאני־זירט די ארבעט, אראָפּגעריסנ אפילע די קאָלעקטיוויזאציע אינ דעמ אָדער יענעמ אָרט. אָבער דאָרט, ווו ס'זיינענ געווענ גוט אָרגאניזירטע דעלעגאטקעס־פארזאמלונגענ, ווו ס'איז געווענ א פעסטצונויפגעקלאפּטער פרויענ־אקטיוו, ווו עס האָט זיכ געפירט אנ אקשאָנעסדיקע סיסטעמא־טישע ארבעט פונ דער פארטיי, דאָרט זיינענ די דעלעגאטקעס, די פרויענ־מיטגלידער פונ די דאָרפראטנ געווענ דער זיכערסטער אָנשפאר באמ דורכפירנ די קאָלעקטיוויזאציע. דאָרט האָבנ זיי געפירט א פאר־

ביסענעמ קאמפ מיט דער באלעגנוטישער שעדיקעריי, געהאָלפנ אופדעקנ די באלעגופימ, איינגעהאלטנ, פארפעסטיקט, צעמענטירט דעמ קאָלווירט.

בעייס דער האַרבסטיקער פארזיי־קאמפאניע אינ 1929 י. זיינענ אינ א ריי קאנטנ צונויפגערופנ געוואָרנ ספעציעלע פרויענ־באראטונגענ. בלויז אינ מיירעוו-געגנט איז דורכגעפירט געוואָרנ 435 פרויענ־פאר־זאמלונגענ, אינ וועלכע ס'האָבנ אָנטייל גענומענ 119.101 פרויענ. אינ 1929 י. איז אויכ באטייטנדיק אויסגעוואקסנ דער אָנטייל פונ די פויערטעס אינ די לאנדווירטשאפטלעכע פראָדוציר־באראטונגענ, אינ דער פרילינג־דיקער פארזיי־קאמפאניע האָט די צאָל פרויענ—אָנטיילנעמער אינ די פראָדוציר־באראטונגענ באטראָפנ 4%, און אינ דער האַרבסטיקער—20%.

א גרויסע ראָליע האָבנ געשפילט די ברייטע קאָנפערענציעס פונ פויערטעס אונ קאָלווירטניצעס, ווו עס האָט זיך באהאנדלט די פראגע וועגנ קאָלעקטיוויזאציע; אזעלכע קאָנפערענציעס זיינענ אינ 1929 י. צונויפגערופנ געוואָרנ אפ צאָפנ־קאווקאז, אוקראינע אונ אינ מיירעוו־געגנט. די קאָנפערענציעס האָבנ באוויזנ, אז ס'איז שטארק אויסגעוואקסנ די פאָליטישע אקטיווקייט פונ דער פרויענ־מאסע, זיי האָבנ געהאָלפנ פארענטפערנ א גאנצע ריי זייער וויכטיקע פראגעס פאר די פויערטעס אונ ארויסגערופנ א גרויסנ אינטערעס פונ זייער זייט צו דער קאָלעק־טיוויזירונג פונ דער לאנדווירטשאפט.

א. סטרעליץ

אינ קאָלאָניע

ניט ווייט פונעמ ארטעל שטייט די געוועזענע קלויז, היינט—דאָרפהויז. אונ דערביי דער בעסמעדרעש, וואָס די פויערימ האָבנ אונטערנ דרוק פונ זייערע ווייבער באשלאָסנ אָפגעבנ פאר דער קינדער־יאסלע. די ווייבער ראמענ אופ די געביידע, ווארפנ ארויס מיט א טראסק די שטענדערס, שלעפנ ברעטער, קלעצער אונ גאנצע בערג מיסט.

— זאָגט מיר, איר זייט דאָכ עפעס פונ רייאָנ, צי מעג מענ אָפנעמענ מיט גוואלט א בעסמעדרעש אונ מאכנ פונ אימ א כורווע?

דאָס שרייט אזוי א פויער מיט א צעפּודלט בערדל און צע־קאָכטע אויגן.

— ניין, מיט גוואלט טאָר מען ניט.

— וואָס פאר א גוואלט, וואָס דרייט ער א היטל,—מישט זיך ארייַן א פרוי,—מיר האָבן שוין לאַנג אָפּגענומען דעם בעסמעדרעש. ער איז געשטאַנען ליידיק, און איצט ראַמען מיר אוּפּ, און מיר וועלן דאָ ארייַנלאָזן אונדזערע קינדער.

דער ייִד קאָכט זיך: מע טאָר ניט, איך האָב אליין געלייענט אין די בלעטער.

— זאָגט מיר, רעב איד, איר אליין גייט דאַווענען?

דער איד ווערט אביסל צעטומלט, אָבער ער פארשרייט די פראַגע. ארום אים מיט די פרויען קלייַבט זיך א רעדל קינדער. זיי געפעלט די געשיכטע. קוקט מען אים אָן און מע לאַכט הילכיק אפן קאָל.

— ער אליין האָט אפ זיין לעבן ניט געדאַוונט: שטענדיק שיקערט ער—שרייט מיט הארץ אַן עלטערע פרוי.—און איצט איז ער געוואָרן גאָטס סטראַפּטשע. גייט אייך, ווי שעמט איר זיך ניט. זעט, די קינדער מאַכן דאָך פון אייך כויזעק.

די קינדער, פונקט ווי זיי וואָלטן געוואַרט, מע זאָל זיי לאָזן, האָבן אויפגעהויבן א הורא און א קוויטשערייַ. דער ייִד מיטן צעפּודלטן בערדל האָט זיך אָפּגעקערט א צעקאָכטער און אוועקגייענדיק געסטראַשעט:

— וואַרט, וואַרט, איך וועל אָנשרייבן אין צענטער, וועט איר וויסן.

— שרייבט אייך געזונטערהייט, אלטער שיקער—האָבן אים די ווייבער אָפּגעענטפערט מיט הארץ, און ווידער גענומען שלעפּן די שטענדערס פונעם בעסמעדרעש.

א. רודענקאָ

ווי אזוי די אפיקאָרסימ האָבנ קאָלעקטיוויזירט דאָס דאָרפ גרושקא אפ 100 פראָצענט

אינ פרילינג 1929 י. האָבנ די אפיקאָרסימ פונ דאָרפ גרושקא באַ־שלאָסנ אָנהויבנ א מאַסנ־אַרבעט פאַר דער דורכויסיקער קאָלעקטיווי־זאציע פונעמ דאָרפ. די אָנפירער פונעמ דאָזיקנ קעמערל האָבנ גוט פארשטאנענ, אז די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאציע וועט צומ גיכסטנ באזיגנ די רעליגיע, אונ אינדערזעלבער צײַט וועט זי פארבעסערנ דעמ וווילשטאנד פונ אָרעמאַנ אונ מיטלפויער. אַפ די פאַרזאַמלונגענ פונעמ קעמערל האָט מענ גאַנצענע נעכט געשטודירט די קאָלעקטיוויזאציע־פראגע, מ׳האָט באהאנדלט די פלענער, ווי אזוי אמגיכסטנ דורכצופירנ די־דאָזיקע ארבעט אינעמ דאָרפ. די אַגיטאציע פארנ קאָלווירט איז באגלייט געוואָרנ מיט אנ אנטירעליגיעזער אַגיטאציע—קעגנ גאָלעכ אונ סעקטאנט. יעדער אפיקוירעס איז געוואָרנ אנ אגיטאטער פארנ קאָלווירט.

א באַזונדערס שווערע אונ פאַראַנטוואָרטלעכע ארבעט איז אויסגע־פאלנ אפ די אפיקוירעסטעס־פויערטעס. אינגאנצנ זײַנענ זיי 8 אינ קעמערל, אונ צווישנ די פרויענ איז פאָרגעשטאנענ די גרעסטע ארבעט. די אַפיקוירעסטעס־פויערטעס האָבנ זיכ ניט אָפּגעשראָקנ פאר די דאָזיקע שוועריקײַטנ. קימאַט אינ יעדער שטוב האָבנ אגיטירט די אַפיקאָרסימ. מ׳האָט באַדארפט יעדנ באַזונדערנ פויער איבערצײַגנ אינ דער צוועק־מעסיקײַט אונ לוינעוודיקײַט פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט.

מ׳דארפ ניט פארגעסנ, אז די גאָלאָכיש־סעקטאנטישע קנופּיע איז אויכ ניט געשלאָפנ. זיי האָבנ אויכ פארשטארקט זייער אונטערײַסערישע ארבעט, קעדײַ צו שטערנ די פלענער פונ די אפיקאָרסימ. מ׳האָט באַ־דארפט געבנ דערווײַזנ די פויערימ די מײַלעס פונ דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט אינ פארגלײַכ מיט דער אינדיווידועלער קלײַנפויערשער ווירטשאפט.

לויטנ באַשלוס פונ דעמ אַפיקאָרסימ־קעמערל האָט מענ אינ דאָרפ באַדאַרפט אָרגאַניזירנ אנ אפיקאָרסימ־קאָלווירט, כאָטש די שוועריקײַטנ

זיינען געווען קימאַט אומבאַזיגבאַרע. די אַפּיקורסים זיינען פאַנאַנדער־געוואָרפן איבערן גאַנצן דאָרף און ס'איז געווען זייער שווער זיי צו פאַרייניקן אין געמיינזאַמער אַרבעט, ווייל די ערד׳ זייערע איז דאָך אויך פאַנאַנדערגעוואָרפן אין צענדליקער קילאָמעטער און אין פאַרשיידענע ערד־געמיינדעס, דאָס האָט ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט אויסטיילן אין איין אָרט אַ גרעסערן ערד־כיילעק.

דער באַשלוס איז אָבער געווען אַ קאַטעגאָרישער, און די דיסציפּ־לינירטע אַפּיקורסים־פּויערים האָבן זיך גענומען אים אויספילן.

די גאַנצע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן ערעוו פּייסעכ. אינעם ערשטן פּייסעכ־טאָג, בעת די רעליגיעזע פּויערים האָבן געיאָנטעווט, זיינען 47 אַפּיקורסים מיט פערד, אַקער־אייזנס און זיי־מאַשינעס אַרויס־געפאָרן אין סטעפּ באַאַרבעטן און פאַרזייען די ערד פון דער שול און דאָרף־הויז. צו דעמדאָזיקן אַפּיקורסישן אָפּגאָן זיינען צוגעשטאַנען נאָך אַסאַך פּויערים. ס'זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן איבערגע־לאָזן דעם קלויסטער און צוגעשטאַנען צו די אַפּיקורסים.

ענדיקנדיק די אַרבעט, האָט מען אין סטעפּ איינגעאָרדנט אַ שמועס וועגן דעם נוצן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע. און דאָרטן האָט מען טאַקע באַשלאָסן אָרגאַניזירן אַן אַפּיקורסים־קאָלווירט. אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך פאַרשריבן פאַר מיטגלידער פונעם נייעם קאָלווירט.

מ'האָט אַ נאָמען געגעבן דעם נייעם קאָלווירט אין נאָמען פון דער אַפּיקורסישער צייטונג — „בעזבאָזשניק“.

צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן קאָלעקטיוו, האָט דאָס אַפּיקורסים־קעמערל אָנגעהויבן פירן אַ מאַסן־אַרבעט פאַר אַ דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע. מ'האָט צוגעפּאַסיקט צו יעדער גאַס אַפּיקורסישע „קאָלווירט־אָרגאַני־זאַטאָרס“, וועלכע זיינען מעכייעוו געווען צו אָרגאַניזירן אינעם געגנ־בענעם דאָרף־טייל אַ „גערב״*). די ביוראָ פון אַפּיקורסים־קעמערל האָט געאַרבעט אַלס שטאַב. אויב אין איין דאָרף־טייל איז געווען ווייניק אַפּיקורסים־קויכעס, האָט מען אַריבערגעוואָרפן אַהינצו קויכעס פון אַנ־דערע ערטער, ווי די לאַגע איז געווען אַ בעסערע.

*) געזעלשאַפט פאַר געמיינזאַמער ערד־באַאַרבעטונג.

זעענדיק אזא אָרגאניזירטנ קויעכ, האָבנ די קלייקוידעש זיכ אָנגע־הויבנ פארייניקנ. דער גאלעכ האָט אָנגעהויבנ איינצָרדענעג אינ קלויס־טער פייערלעכע טפילעס פאר דער גערעטעניש. קעדיי אָפּשלאָגנ באָמ פויער דעמ כיישעק צו קאָלעקטיוויזאציע, האָט דער גאלעכ פארשפרייט קלאנגענ, אז ס'וועט זיינ א גוטע גערעטעניש אָנ די קאָלווירטנ, אז פארקערט, אינ די קאָלווירטנ וועט זיינ די גערעטעניש א שלעכטע דערפאר, ווייל די אפּיקאָרסימ דערצערנענ גאָט. נאָר ס'האָט דעמ גאלעכ געהאָלפנ ווי א טויטנ באנקעס. די פויערימ האָבנ זיכ איבערצייגט אינעמ אפּיקאָרסישנ עמעס, אונ דאָס גאנצע דאָרפ איז אריינגעטראָטנ אינ די גערבנ. אינ זעקס דאָרפ־טיילנ זיינענ געגרינדעט געוואָרנ 6 גערבנ וואָס האָבנ ארומגעכאפּט דאָס גאנצע פויערטומ, אכוצ די באַלעגופימ אונ די וואָל־געפאסלטע.

אינ הארבסט 1929 י. איז זיכ צעפאלנ די רעליגיעזע געמיינדע, ווייל אלע פויערימ זיינענ פונ איר ארויס.

געבליבנ זיינענ אינ דער רעליגיעזער געמיינדע 6 באַלעגופימ אונ 3 אלטע באָבעס. לויטנ באשלוס פונ דער אלגעמיינער פארזאמלונג פונ ווילער האָט מענ פארמאכט דעמ קלויסטער אונ די געביידע איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ אפ קולטורעלע באדערפענישנ. דעמ גאלעכ אונ דעמ דיאָק האָט די פארזאמלונג באשלאָסנ ארויסשיקנ פונ דאָרפ, ווי סאָציאל־שעדלעכע עלעמענטנ, אונ אינ עטלעכע טעג ארומ האָבנ די פויערימ צונויפגעטראָגנ אינ דאָרפ־הויז אלע איקאָנעס אונ זיי פארברענט.

דאָס דאָרפ האָט באַקעמפט די רעליגיע נאָר דערפאר, ווייל דאָס פויערטומ האָט זיכ פאראייניקט אינ קאָלעקטיוונ, איבערגעאנדערשט זיינ געזעלשאפטלעכ לעבנ. קעדיי נאָכ מער צו פארפעסטיקנ דעמ קאָלווירט, האָבנ די אפּיקאָרסימ געגרינדעט אינ יעדנ גערב אנ אפּיקאָרסימ קע־מערל, וואָס פירט אָנ מיט דער קולטור־געזעלשאפטלעכער ארבעט אינ גערב. איצטער גרייט זיכ דאָס דאָרפ פאראייניקנ אלע גערבנ אינ איינ קאָלעקטיוו.

ס'קומט דאָ אויס אונטערשטרייכנ דעמ אויסערסט וויכטיקנ באטייט פונ אָרגאניזירטקייט, פלאנמעסיקייט, טאָג־טעגלעכע אקשאָנעסדיקע ארבעט, וואָס ס'פעלט זייער אָפּט אינ דער טעטיקייט פונ אונדזערע

אפּיקאָרסימ־קעמערלעכ. די גרושקעווער אפּיקאָרסימ האָבנ געזיגט נאָר
דערפאר, ווייל בא זיי איז געווענ אָרגאניזירטקייט, א טאָג־טעגלעכע
איינגעשפּארטע ארבעט, וואָס האָט ארומגעכאפּט דאָס גאנצע דאָרפ. די
אפּיקאָרסימ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ אַלס פעיקע אָרגאניזאטערס, זיי
האָבנ געגעבנ א מוסטער, ווי אזוי מ'דאַרפ בויענ דאָס נייע לעבנ.

אינ דעמאניעווער ראיאָנ האָט זיכ ערשט ניט לאנג געגרינדעט א
גאנצמינדישער קאָלווירט וועלכנ ס'האָבנ געשאפנ די מיטגלידער פונ
ייִדישנ אפּיקאָרסימ־קעמערל. דאָ איז אויכ אויסגעקומענ אויסצושטיינ א
גרויסנ קאמפ מיט די ראבאָנימ אונ ציוניסטנ. די ראבאָנימ האָבנ אפילע
אינ זייער אגיטאציע געשריענ, אז די ייִדנ־אפּיקאָרסימ באקומענ געלט
פאר זייער קאָלעקטיוויזיר־אגיטאציע. אומזיסט איז אָבער געווענ זייער
טירכע! די קריגערישע אפּיקאָרסימ האָבנ אויכ דאָ געזיגט אונ געגרינ־
דעט א גרויסנ אפּיקאָרסישנ לאנדווירטשאפטלעכנ ארטעל.

כייעמ גילדינ

זיצנ, זיצנ זיבנ ייִדנ

זיצנ, זיצנ, זיבנ ייִדנ לעבנ בייסאמעדרעש,
איינגעהויקערט, איינגעבויגנ, זיצנ פוסט אונ פּאס,
רעדנ קלוימערשט, רעדנ היציק וועגנ לעצטער סעדרע,
אונ די אויגנ לויפנ וועלפיש, נישטערנ אינ גאס.

זיצנ, זיצנ, זיבנ ייִדנ לעבנ אלטנ ביניענ,
זיבנ, זיבנ הענט פארביטערט קראצנ זיכ אינ באָרד.
ניט געלונגענ איז צו מינכע אופקלייבנ א מיניענ,
עפּשער, עפּשער וועט צו מייִרעוו עמעצ קומענ פאָרט.

פונקט אנקעגנ פאָרט א פורל אונ א ייִד מיט לייצעס;
לויט די יאָרנ, לויטנ פּאָנעמ, ניט פונ כעווריע מארקס;
לויפט דער שאמעס אימ אנקעגנ, פרייד צעוויגט די פּלייצע:
— „איי — רעב ייִד, באשערט א מיצווע, שטעלט נאָר אָפּ די אקס,

זעט איר, זיבנ יידנ ווארטנ, זיבנ גאָסט קאָזאקנ,
אונ די שול איז פוסט אונ עלנט, ס'כאפּט אזש אָנ א שרעק".
קוקט דאָס יידל, ווי באמ שאטעס בלייכנ זיכ די באקנ.
אונ די פערד, ווי אומצופרידנ, דרייענ מיטנ עק.

— „המ . . . א מיירעוו, אויכ אנ ארבעט, טייער יעדער רעגע,
אינעמ קאָלעקטיוו די ווייצנ פאלנ פונעמ זאנג,
אויסער דעמ, פארשטייט איר, שאמעס, שפּעטלעכ מיכ באגעגנט—
צו דער כעוורע אפּיקאָרסימ איכ געהער ניט לאנג.

זיצנ, זיצנ, זיבנ יידנ,—נאכט אינ בלויע שטראָמענ,
צארט אונ ליכטיק די לעוואָנע זילבערט דאכ נאָכ דאכ;
באמ בעסמעדרעש זיבנ יידנ, ווי פארדארטע שוואָמענ
צוגעטוליעט, איינגעשלאָפנ איז די לעצטע וואכ.

מ. אבארבאנעל

ס'איז דער הימל ....

ס'איז דער הימל היינט פארצויגנ
מיטנ רויכ פונ די פאבריקנ.
זאָל זיכ גאָט דאָרטנ אינ הימל
אפּ דער עלטער ניט דערשרעקנ?

פונ די קוימענס—רויכ אונ פלאמענ
גלייכ אזוי ווי פונ א קראטער,
איז באמ גרויסנ גאָט אינ הימל
פונ דעמ רויכ געוואָרנ קאטער

ניסט אונ פאָרשקעט דאָרט דער אלטער
אונ ער שילט די באָלשעוויקעס:
ניט געדאכט זאָלנ זיי ווערנ
מיט דעמ רויכ פונ די פאבדיקנ.

אייזיק קאהאן

קאָשער... קאָשער...

(פון א דערציילונג).

ס'איז הארבסט. און אָט שפּרינגט אריין דער ווינטער אין קאָלעק־טיוו; דארט מען זיך צוגרייטן מיט ווארעמקייט באגעגענען דעם שניי.

גרייט מען זיך.

זייגער קליין און גרויס אפ די פיס.

אהיינטערן פלייצע פון געלן הארבסט רוקט זיך א ווייסער ווינטער.

אין די שטאלן—מענטשן.

אין פעלד—מענטשן.

קיין איין ליידיקע האנט איז ניטאָ.

אנטקעגן גאניק פּאָרקעט זיך מיילעך ארום די וועגענער, ער גרייט צו געהובלטע שטאנגען, ער ריינ'קט זיי פאר וועגענער, לייגט אלץ אום מיט א טאָלק.

מיילעך איז שוין א ייד אין די פערציקער, ער טראָגט א ברייט בערדל, וועלכע האָט אן אויסזען פון א הייפל פאראיאָריקן היי.

און צווישן אונדז גערעדט רופט מען אים דאָ: מיילעך די „באָרד".

אז ציפע פלעגט די ערשטע צייט זען, ווי מיילעך שלינגט די שטיקלעך כאזער־פעטס, פלעגט זי אָנהויבן ציטערן פון שרעק, אים ארייננקוקן אין די אויגן און בעטן זיך:

— אז גאָט האָט דיר געהאָלפן און דו האָסט ביז אהער ארויפגע־שלונגען בעשאָלעם, טאָ גענוג דיר צו עסן.

אזוי זיינען דורך טעג מיט כאדאָשים.

ציפע האָט זיך צוגעוווינט און עס ארט איר שוין נישט, וואָס איר מאן עסט כאזער.

און באם לעצטן מאָל דרעשן, ווען מע האָט געטיילט דעם כאזער, (וועלכן מיילעך האָט געקויפט) האָט ציפע געליארעמט, אז דער קאָ־לעקטיוו האָט זיך געלייגט:

— איך וויל פאר מיין מאן א כיילעק ווי אלע, מע ארבעט אלע גלייך.

מיילעך איז געשטאנען אַנדערזייט און זיך געמאַכט ניט הערנדיק. עס איז קאָנטיק געווען, ווי אים טוט שטארק האַנאָע, װאָס זי קעמפט אזוי פאר די צוויי קילאָ סאלע. גוט, זייער גוט!

...פארנאכט, ווען מע איז געקומען פון דרעשן, האָט זיך מיילעך אוועקגעזעצט רייבן א שטיק כאזער. נאָך א גאנצן טאָג שווערער ארבעט האָט ער עס געשלונגען ווי ער וואָלט שוין אפּאָר טעג ניט עסן.

ציפע האָט אָנגעגאָסן א גלאָז מילך און געטרונקען ווי ניט ווילנדיק.

כיענקע, די קליינינקע טאָכטער (א פּיאָנערקע איז זי) האָט צוזאמען מיטן טאטן געגעסן און אלץ בא דער מאמען זיך געבעטן:

— אָבער אָטאָ עס איך דאָך און איך שטארב ניט.

ציפע ווערט א פארטרייסלטע און גיט א געשריי:

— אָ, ווינד איז מיר, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, גאָטעניו מיינער! א ווײלע איז מען שטיל געזעסן.

— אָבער ווייסט מיילעך, דאָס האַרץ מיינס ווערט שוואכער פון טאָג צו טאָג.

— נו, טאָ זיי ניט קיין נאר, וועסטו עסן אין סוקע...

— אָבער מיר איז דאָך סטראשנע אין מויל צו נעמען, מיילעך...

— ווייסטו וואָס, לייג אריין דעם ערשטן מאָל א קליינינק שטי־קעלע „סאלע" צווישן צוויי שטיקלעך ברויט, ווּעסטו גאָרנישט הערן.

כיענקע האָט צוגעגרייט די צוויי שטיקלעך ברויט.

ציפע האָט ברייט פאנאנדערגעשפּארט דעם מויל, אזוי, אז די „סאלע" זאָל זי ניט דערפילן אף די ליפּן און... קימאט א ניט צעקייטן ביסן אראָפּגעשלונגען...

— אוי, גאָטעניו מיינער, העלף מיר...

א צווייטן ביסן האָט זי שוין אליין צוגעגרייט, און ווידער אמאָל אף גיך אראָפּגעשלונגען...

— אוי, שטראָף מיך ניט, גאָט, פאר מיין זינד...

כיענקע האָט געביסן ברויט מיט סאלע, אונטערגעטאנצט און געזונ־גען אף א ניגון:

— אוי, די מאמע עסט שוין, די מאמע עסט שוין...

מיילעך האָט הויך געלאכט און דאָס גרויע בערדל האָט געשמייכלט

— קאָשער... קאָשער...

איציק פעפער

א י נ מ א ר ש

(לאָזונגענ).

יעדער שטעטל, יעדער דערפל, יעדער שטאָט——
אינ די שלאכטנ קעגנ געפמאנישנ גאָט.
הויבט די הענט אונ הויבט די האמערס, הויבט דעמ קאָל
קעגנ קלויסטער, קעגנ קלויז אונ דעמ קאָסטיאָל.
אינ די קלויזנ שלעפט דער טאקיס אונ דער גוויר,
ווער עס העלפט זיי——איז א דעזערטיר!
אפ אוטיל דער טאלעס מיטנ סידער——
צו די בוויונגענ מיט פאָנענ אונ מיט לידער!
פרויענ! שוועסטער! שיקט די מענער! גייט אליינ!
העלפט דעמ פינפיאָר מיט א ציגל, מיט א שטיינ
טרייבט מיט ריטער פונ קאָלווירט אונ פונ זאוואָד
דעמ פרומאק אונ דעמ קולאק מיט זייער גאָט!

IV. רעליגיע אונ די דערציונג פונ דער יוגנט

יעמ. יאראָסלאווסקי

מיט וואָס איז די רעליגיע שעדלעכ פאר דער יוגנט?

אינ וואָס באשטייט די הויפט־געפאר פונעמ רעליגיעזנ סאמ פאר די קינדער? די רעליגיע לערנט, אז מיט דער גאנצער וועלט פירט אָנ גאָט. פונ גאָטס ווילנ הענגט אָפּ די אָרדענונג אפ דער וועלט, די פאראדוקעס אינ דער מעלוכע, די באציונגענ צווישנ מענטשנ, די עקזיסטענצ פונ קלאסנ אָרעמע אונ רייכע, עקספלואטירטע אונ עקספלואטאטערס, הענקער אונ זייערע קאָרבאָנעס.

די רעליגיע לערנט, אז מיט דער וועלט פירט אָנ דער סייכל אונ דער ווילנ פונ גאָט מיט דער הילפ פונ פארשיידענע מאלאָכימ אונ הייליקע. נאָר אויב אזוי איז צוליב וואָס זאָל דער ארבעטער־קלאס קעמפנ קעגנ די עקספלואטאטערס אונ קאפיטאליסטנ? ווארומ אויב גאָט וואָלט ניט וועלנ, אז די עקספלואטאטערס זאָלנ אויסקוועטשנ די שווייס אונ בלוט פונ די ארבעטער, וואָלט דאָך דאָס ניט געשענ. הייסט דאָס, אז דאָס איז נויטיק פאר גאָט, פארנ העכסטנ „האר פונ דער וועלט", אז דאָס איז אימ נויטיק צוליב ראטעווענ די מענטשהייט.

אָט וואָס עס לערנט די רעליגיע, אונ דאָס באטייט: ניט פראָטעסטיר, ניט קעמפ, לייד.

די בורזשואזיע מיט דער הילפ פונ די גאלאָכימ, פונ די קלייקוידעש

„טרייסט“ די אָרעמעלייט, אז זיי וועלן פאר זייערע צאָרעס און פיין באקומען „יענע וועלט“.

די רעליגיע לערנט די אָרעמעלייט, אז זיי זאָלן זיך אונטערוואַרפן די רייכע, באַלעבאַטים, די קאַפּיטאַליסטן, די פּריצים און די עקספּלואַטאַטאָרן.

די רעליגיע נעמט אָפּ דעם ווילן באַם פּראָלעטאַריאַט, די פעיקייט צום קאַמף, לערנט אים געהאָרכזאַמקייט און געדולדיקייט.

די רעליגיע פאַרהיילט די ניט־גלייכקייט אין דער געזעלשאַפט, באַ דער עקזיסטירנדיקער קלאַסן־אָרדענונג.

אָט מיט וואָס דער רעליגיעזער גיפט איז געפערלעך.

„רעליגיע איז א מין גייסטיקער בראָנפן, אין וועלכן די
קנעכט פון קאַפּיטאַל דערטרינקען זייער מענטשלעכן געשטאַלט,
זייערע פאָדערונגען אף א וועלכן עס איז מענטשלעכן לעבן“.
(לענין).

פ. בורגאַנסקי

דער מעלאַמעד, דער גאַלעך און דער קאַזיאָנע ראָוו

די רעליגיעזע שול באַ יידן, דער כיידער, איז ביז דער רעוואָליוציע געווען קימאַט דער איינציקער לערן־אַנשטאַלט פאַר די קינדער פון דער יידישער אָרעמשאַפט. אַנשטאַט אויסצולערנען שרייבן און לייענען, האָט מען מיט פיצלעכע קינדער געלערנט כומעש מיט ראַשע, ווילדע מייסעס פון „טאַנאַך“ און געמאָרע, פאַרקלאַפּט זיי די קעפּ מיט לאָשן־קוידעש און טאַרגעם, דערציילט זיי באָבע־מייסעס פון מוירעדיקע ניסים און דערצויגן לויטוצלעכס, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס טויגן ניט צו קיין שום פּראָדוקטיווער אַרבעט.

די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט געקעמפט קעגן שולן פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אף זייער מוטער־שפּראַך, האָט פריי דערלויבט צו עפענען כאַדאָרים און יעשיוועס, ווייל זי האָט געוווסט, אז אין כיידער וועט מען דעם קינד אַזוי פאַרקלאַפּן דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטן

אז ס'וועט שוינ קיינ פרייער מענטש פונ דעמ ניט ארויס, פארקערט,— ס'וועט אויסוואקסנ א געטרייער אונ איבערגעגעבענער קנעכט.

אונ די צארישע רעגירונג האָט קיינ טאָעס ניט געהאט. דער כיידער האָט איינגעפלאנצט אינ קינד א פאָרשטעלונג, אז פאר רייכע דארפ מענ האָבנ דערעכערעצ, אז דער קייסער איז א פאָרשטייער פונ גאָט אפ דער ערד, אז קעגנ עקספּלואטאציע טאָר מענ ניט פּראָטעסטירנ, ווייל דאָס האָט גאָט אזוי געמאכט, דערפאר וועלנ אָרעמע האָבנ יענע וועלט (אוילעמהאבע).

פאר די 5—6 יאָר לערנענ זיכ אינ כיידער האָט מענ אפילע ניט באקומענ די סאמע עלעמענטארע יעדיעס פונ כעשבענענ, לייענענ אונ שרייבנ, אונ באמ ארויסגיינ פונ כיידער איז מענ געבליבנ פולקומע אמעראצימ מיט פארקריפּלטע פאָרשטעלונגענ וועגנ דעמ ארומיקנ לעבנ. קלאָר, אז די כאדאָרימ האָבנ געגעבנ א פאסיקנ מענטשנ־מאטעריאל וואָס מע קאָנ אימ לייכט עקספּלואטירנ אונ פארשקלאפנ.

ניט לייכט פלעגט אָנקומענ דעמ רעבנ צו דערשטיקנ אינ די קינ־דער זייער לעבנלוסטיקייט, דערוועקנ בא זיי א ווילנ צו פארנעמענ זיכ מיט אזעלכע טויטע זאכנ, ווי באָבע־מייסעס פונ כומעש. דער מעלאמעד פלעגט פּראָסט שלאָגנ די קינדער אונ גאנצ אָפט זיי מאכנ פאר פיזישע קאליקעס אויכ.

קלעריקאלע שולנ זיינענ געווענ ניט בלויז בא יידנ. אזעלכע שולנ האָבנ געהאט אויכ די איבעריקע נאציאָנאלע מינדערהייטנ. נאָר אויב דאָרט פלעגט מענ כאָטש אינ משך פונ אסאך יאָרנ לערנענ, זיכ אויסלערנענ מער־ווייניקער די מוטער־שפּראכ, האָט דער כיידער אפילע דאָס אויכ ניט געגעבנ, ווייל די מוטער־שפּראכ פונ קינד האָט מענ דאָרט ניט געלערנט—מע האָט געלערנט אפ א טויטער שפּראכ—לאָשנ־קוידעש, אזוי, אז ארויסגייענדיק פונ כיידער האָט מענ פּאקטיש ניט געקאָנט ניט לייענענ אונ ניט שרייבנ אפ דער מוטער־שפּראכ.

ביקלאל האָבנ די שולנ אינ אמאָליקנ רוסלאנד געגרייט געטרייע אונטערטאנענ דעמ קייסער אונ פאָטערלאנד. די גרעסטע ראָליע אינ לערנ־אנשטאלט האָט געשפּילט דער גאלעכ. אינ די גימנאזיעס פאר יידישע גוישע קינדער פלעגט די דערציונג־ארבעט דורכפירנ דער

„קאוויאָנער ראָוו", און בײדע, סײ דער גאַלעכ, סײ דער ראָוו, האָבנ זײער ארבעט געטאָנ געטרײ, מע האָט געפלאַנצט אינ די קינדערשע הערצער רעליגיעזע און פּאַטריאָטישע געפילנ צומ קלויסטער, בעסמעדרעש, און דערעכערעצ צו די קאַפּיטאַליסטנ און פּריצימ. פונ די פּריצישע און בורזשואַזע קינדער האָט מענ געגרייט גוטע עקספּלואַטאַטערס, וואָס זאָלנ פעיק זײנ אויסזויגנ דאָס בלוט פונ זײערע קנעכט.

אי. סודארסקי

קלאַסנקאַמפּ און רעליגיעזע דערציונג פונ יונגנ דאָר

אינ צוזאַמענהאַנג מיט די שטורמישע קלאַסנ־שלאַכטנ, וואָס קומענ פאָר צווישנ ארבעט און קאַפּיטאַל, האָט אנ אויסערגעוויינלעכנ באַטייט די פראַגע, אפּ וועלכער זייט וועט זײנ די ארבעטנדיקע יוגנט.

די ארבעטער־יוגנט באַטרעפט דורכשניטלעכ אינ אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ביז 30 פּראָצענט פונ דער גאַנצער צאָל ארבעטער, וואָס זײנענ דירעקט באַשעפטיקט אינ דער אינדוסטריע, דערביי ווערט די צאָל באַשעפטיקטע יוגנט אינ דער אינדוסטריע וואָס ווייטער אַלצ גרעסער, די קאַפּיטאַליסטישע ראַציאָנאַליזאַציע פונ דער אינדוסטריע ברענגט צו דעמ, אז די עלטערע און הויכ־קוואַליפיצירטע ארבעטער ווערנ אַלצ מער פאַרביטנ מיט יוגנטלעכע, וואָס באַקומענ פאַר זײער ארבעט א פיל נידעריקערנ ארבעטלוינ און וואָס זײערע פרישע, יונגע קויכעס קענענ מער אויסגענוצט ווערנ צו שאַפנ מערוועַרט פאַר די קאַפּיטאַליסטנ.

די יוגנט האָט אָבער פאַר דער בורזשואַזיע א גרויסנ כיסאָרנ: זי איז א ריוועָלוציאָנערער עלעמענט, וואָס רעאַגירט שאַרפער אפּ דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע.

סײ אינ עקאָנאָמישנ, סײ אינ פּאָליטישנ קאַמפּ נעמט די ארבעטער־יוגנט דעמ אַקטיווסטנ אָנטייל. מיר טרעפנ זיכ מיט איר שטענדיק אינ

די שטרייקן, אין די גאסן־דעמאָנסטראַציעס, און אויב דער גאסן־קאַמף נעמט אָן די פאָרמעס פון א באריקאדן־שלאַכט, שטייט דאָרטן די יוגנט אין די פאָדערשטע פאָזיציעס. און אויב דער בורזשואזיע וואָלט זיך איינגעגעבן צו געווינען די ארבעטער־יוגנט אויף איר זייט, וואָלט דאָס הייסן — פארפעסטיקן די וואקלענדיקע לאגע פון קאפיטאליזם און אָפּשוואכן די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג פונעם ארבעטער־קלאס. די יוגנט האָט אויך א גוואלטיקן באטייט פאר דער בורזשואזיע פון מיליטערישן שטאנדפונקט.

דעריבער נעמט אָן די בורזשואזיע אלע מיטלען, וואָס זי האָט נאָר אין איר רעשוס, אריבערצוציען די יוגנט אויף איר זייט. דאָס ווערט געטאָן מיט דער הילף פון פארשיידענע בורזשואזע יוגנט־אָרגאניזאציעס, ווי ספּאָרט־פאריינען, מוזיקאלישע קרייזן א. א. וו., נאָר הויפּטזאכלעך ארבעטן אויף דעם געביט אקטיוו די קלייקוידעש פון אלע רעליגיעס.

די קלייקוידעש הייבן אָן באארבעטן די יונגע מוחעס פון קינדוויַיז אָן. און אויף דעם זיינען די קלייקוידעש פון אלע רעליגיעס אויסגעצייכנטע ספּעציאליסטן. מע פארטומלט די קינדערשע קעפּ מיט פארשיידענע באָבע־מייסעס וועגן איבערנאטירלעכע ניסים; מע לייענט זיי לעקציעס פון דער „גאלאָכישער פּאָליט־עקאָנאָמיע", אז רייכקייט און אָרעמקייט איז א זאך, וואָס איז פון דעם אלמעכטיקן גאָט באשערט; מע קולטיווירט פּאטריאָטישע געפילן צום קאפּיטאליסטישן „פאָטערלאנד" און דעם הערסלעכסטן שאָוויניזם און סינע צו די ארבעטער פון אנדערע פעלקער.

די „הייליקע" ארבעט פון אויסארבעטן גייסטיקע קאליקעס און טרייע קנעכט פארן קאפּיטאל פירן די גאָטס־סטריאפּטשעס אויף צוויי פראָנטן: ערשטנס, — דורך דער שול, און צווייטנס — דורך ספּעציעלע קינדער־ און יוגנט־אָרגאניזאציעס.

אין די לענדער, ווי די קירכע איז אָפיציעל נישט אָפּגעטיילט פון דער מעלוכע, פארשפּרייטן די שווארצע ישופיצעס זייער ווירקונג אויף אלע שולן אָן אויסנעם: רעליגיע איז א צוואנג־לימעד, וואָס די קינדער מוזן דורכגיין, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן נישט.

דאָס „דעמאָקראטישע" און ציוויליזירטע פּוילן, וואָס דאַרף דינען

פאר אייראָפּע אלס באריער קעגנ דעמ באָלשעוויסטישנ „באַרבאַריזמ“ איז מעכויעוו לויטנ אָפּמאכ, וואָס זי האָט געשלאָסנ מיטנ רוימישנ פויפּסט אינ 1925־טנ יאָר, אויסצוהאלטנ אפּנ כעשבנ פונעמ מעלוכע־ביודזשעט אלס רעליגיעזע שולנ. די וואָס ענדיקנ א שול, מוזנ אויכ האלטנ אנ עקזאמענ אפּ רעליגיע. דאָס איז דער איינציקער געבימ, ווו די פּוילישע דעמאָקראטישע רעפּובליק פירט דורכ דעמ פּרינציפּ פונ גלייכבארעכטיקונג אויכ בענעגייע די יידישע קינדער, וואָס זיינענ אויכ געצוווּנגענ צו באקומענ פונ די יידישע ראבאָנימ א צייגעניש, אז זיי האָבנ אויסגעהאלטנ דעמ רעליגיעזנ עקזאמענ.

אינ דער „ציוויליזירטער“ ענגלאנד, ווו אינ שפּיצ פונ דער רעגירונג שטייט די פּארטיי פונ 2־טנ אינטערנאציאָנאל, די „ארבעט“־פּארטיי, געפינט זיכ א גרויסע צאָל שולנ אונטער דער אָנפירונג פונ דער קירכע אונ ווערט טיילווייז אויסגעהאלטנ אפּנ כעשבנ פונ דער מעלוכע. יעדע רעליגיעזע אָרגאניזאציע נוצט אויס אירע שולנ אלס מיטל צו שאפנ פאר זיכ געהאָרכזאמע אָנהענגער דאַנ, ווענ די קינדער וועלנ שוינ זיינ דערוואקסענע מענטשנ. אפּ אַזאַ אויפנ ווערנ די שולנ פארוואנדלט אינ אנ ארענע פונ רעליגיעזער־דערציונג, אלס אנ אָרט, ווו מ׳גיט דער יוגנט א צעקאַליעטשעטע דערציונג. אזעלכע צעקאַליעטשעטע קינדער דינענ אלס אויסגעצייכנטער מאטעריאל פאר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אגיטאציע קעגנ דעמ אייגענעמ ארבעטער־קלאס אונ קעגנ דער איינציקער פּראָלעטארישער מעלוכע.

אינ א טייל קלעריקאלע שולנ האָט מענ אפילע איינגעפירט א ספּעציעלע טפילע קעגנ ראטנפארבאנד, ווו די קינדער בעטנ דעמ אלמעכטיקנ גאָט באפרייענ רוסלאנד פונעמ „בייזנ גייסט“ — פונ די באָלשעוויקעס.

אינ אמעריקע האָבנ די קאטאָליקנ אינ זייער רעשוס 6995 קלויסטער־שולנ מיט 2,167,241 שילער; אינ די באפּטיסטישע זונטיק־שולנ לערנענ זיכ קארגע 5 מיליאָנ שילער א. אז. וו. אינ די לענדער, ווו די קירכע איז אָפיציעל אָפּגעטיילט פונ דער מעלוכע, אָרגאניזירנ די קלייקוידעס, מיט די קאפּיטאלנ פונ דער בורזשואזיע, זייערע אייגענע דערציונג־אנשטאלטנ. עס ווייזט זיכ ארויס, אז 50% פונ די פראנצויזישע שול־

קינדער באזוכנ די קירכ־שולנ. א גרויסער פראָצענט פראָלעטארישע עלטערנ זיינענ געצוווּנגענ צו אָפּגעבנ זייערע קינדער אינ די קאטוילישע שולנ, ווייל דאָרט לערנט מענ מיט זיי אומזיסט אונ מע שטיצט זיי נאָכ. וואָס איז שייעכ מיידלעכ—באזוכנ ביז 65% פּראָצענט פונ זיי קירכע־שולנ אונ ווי נאָר זיי ענדיקנ די שול, נעמענ זיי אונטער זייער שוץ די גאלאָכישע פּאטראָנאטנ, ווו מע לערנט זיי, אונטער דער אָנפירונג פונ מאָנאשקעס, קאָכנ, באקנ, נייענ, מוזיק, ספּאָרט א. ד. גל.

דאָס אלצ ווערט געטאָנ ניט אויט ליבע צומ אָרעמאנ, נאָר קעדיי צו שאפנ פאר די קאפּיטאליסטנ א געהאָרכזאמע אונ פּראָדוקטיווע ארבעט־קראפט.

וואָס איז שייעכ צו יידנ, איז דאָכ די רעליגיעזע דערציונג פריער געווענ קימאט די איינציקע פאָרמ פונ קינדער־דערציונג. די כאדאָרימ, טאלמוד־טוירעס אונ יעשיוועס זיינענ ביז דער רעוואָליוציע געווענ קימאט די איינציקע לערנ־אנשטאלטנ פאר די קינדער פונ דער יידישער אָרעמשאפט.

אלע וויסנשאפטנ, וואָס מע לערנט אינ דער וועלטלעכער שול, ווי מאטעמאטיק, געאָגראפיע, נאטורוויסנשאפט, געזעלשאפט־קענטעניש אונ אנדערע האָבנ געמוזט אָפּטרעטנ פאר דער פארשימלטער טוירע, פאר טאנאכ אונ געמאָרע.

די יידישע קינדער האָט דער אמעראצישער מעלאמעד געקאָרמעט מיט די ווילדע באָבע־מייסעס פונ כומעש אינ פארשטאָפּט זיי די קעפּ מיטנ טאנאכ אונ טארגומ. די צארישע רעגירונג, וואָס האָט אזוי אָנראכמאָנעטדיק געשטיקט אונ געווידעפט די יידישע אָרעמשאפט אפנ עקאָנאָמישנ אונ קולטורעלנ געביט, האָט אומגעשטערט דערלויבט צו עפענענ אונ אפילע געשטיצט די ראבאָנישע כאדאָרימ, טאלמוד־טוירעס אונ יעשיוועס פאָשעט דערפאר, ווייל די צארישע סאטראפּנ האָבנ געוווסט, אז דער כיידער אונ די טאלמוד־טוירעס דערציענ די יידישע קינדער אינעמ גייסט פונ דערעכערעצ אונ שקלאפישער געהאָרכזאמקייט צו די רייכע, אונ ליבע אונ טרייקייט צומ קייסער, וואָס איז, לויט דער יידישער רעליגיע, א געזאלבטער פונ גאָט אונ זיינ פאָרשטייער אפ דער ערד. אינ די גימנאזיעס אונ אנדערע מיטל־שולנ, וואָס די

ייִדישע גווירימ האָבנ געשאפנ פאר זייערע קינדער, האָט די רעליגיעזע דערציִונג־ארבעט געפירט ניט דער מעלאמעד, נאָר דער קאַזיאָנער ראָוו, וואָס האָט זיי אינ גאַנצנ נאָמענ געלערנט די כאָכמע פונ עקספּלואטא־ציע. אפילע איצטער, נאָכ דער רעוואָליוציע, קענענ מיר פונ די כאדאָ־רימ אונ יעשיוועס ניט פּטער ווערנ.

אינ פּוילנ, אונטער פּילסודסקיס פאשיסטישער הערשאפט, לעבט נאָכ דער כיידער אונ די יעשיווע מיט זייער מיטאלטערלעכנ פארשימלטנ איפּעש, ווו די ראבאָנימ מיט זייער גאנצנ קלאפּערגעצייג ארבעט אפּ אלע קיילימ צוצוגרייטנ דערשלאָגענע אונ געהאָרכזאמע קנעכט פאר די קאַ־פּיטאַליסטנ.

ניט אומזיסט גיט די פּוילישע רעגירונג געלט־שטיצע פונ מעלוכע־ביודזשעט פאר ייִדישע ראבאָנימ. זיי זיינענ א ווינטש־פינגערל פארנ פאשיסטישנ רעזשים.

אינ דער גאָלדענער אמעריקע האָבנ מיר אויכ א היפּש ביסל אָרעמעלייט, וואָס זייערע קינדער גרייטנ די ראבאָנימ צו אלס געטרייע אונ איבערגעגעבענע ארבעט־הענט פאר די אמעריקאנער מיליאָנערנ. די גרויסע שטאָט ניו־יאָרק האָט 251.000 ייִדישע קינדער אינ עלטער פונ 7 ביז 13 יאָר, פונ וועלכע אינ די טאלמוד־טוירעס לערנענ 46515 קינ־דער, אָדער 18,9% אונ אינ די רעפאָרמירטע טעמפּלענ—12417 קינדער, אָדער 5%. צוזאָמענ לערנענ זיכ אינ די רעליגיעזע אנשטאלטנ 58932 קינדער, אָדער 23,9% פונ אלע קינדער אינעמ עלטער פונ 7 ביז 13 יאָר.

אויסהאלטנ די טאלמוד־טוירעס מיט די רעפאָרמירטע כאדאָרימ קאָסט אָפּ יאָרלעכ דער ייִדישער בורזשואזיע א קיילעכדיקע סומע פונ 4.633.403 דאָלער. צוליב וואָס לאָזט זיכ קאָסטנ די בורזשואזיע אזוי פיל געלט? אנ ענטפער אפּ דער פראגע וועלנ מיר באַקומענ פונ די ייִדישע ראבאָנימ אונ בורזשואזיע אליינ. אינ אויטשעפּעל (דער ייִדי־שער קווארטאל אינ לאָנדאָנ) האָבנ די ייִדישע ראבאָנימ איינגעאָרדנט א באַנקעט לעטויוועס דער אָרטיקער טאלמוד־טוירע, וואָס האָט געגעבנ ריינע האכנאָסע 15 טויזנט פונט סטערלינג, אָדער 150 טויזנט רובל. אפנ באַנקעט זיינענ געקומענ אזעלכע אָנגעזעענע לייט, ווי לאָרד מעל־

משעט (מאָנר), סער פיליפ דאוסאָן, לאָרד עבישעם, דער הויפּט־ראָוו פון ענגלאַנד הערץ און אַנדערע. אין זייערע אַרויסטרעטונגען האָבן זיי געגעבן אַ קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס די בורזשואַזיע און לאָרדן דאַרפן האָבן אַזעלכע אַנשטאַלטן, ווי טאַלמוד־טוירעס און פאַרוואָס געבן זיי אויף דעם גרויסע געלט־סומעס.

דער לאָרד עבישעם האָט אין זיין טאָסט געזאָגט אָט וואָס: „דער מאָזל און וווילשטאַנד פון יעדן לאַנד געפינט זיך אין די הענט פון דער יוגנט. דעריבער פאַרדינען אַזעלכע אַנשטאַלטן, ווי טאַלמוד־טוירעס וואָס דערציִען די יוגנט אין רעליגיעזן גייסט, די פולשטענדיקע אונטער־שטיצונג פון די, וואָס האָבן ליב זייער לאַנד".

פרעגט זיך אַ פראַגע: וואָס פאַר אַ לאַנד האָט עס אַזוי שטאַרק ליב דער לאָרד עבישעם? ווען אין ענגלאַנד וואָלט געווען אַ ראַטנלאַנד, וואָלט זי דער הויכגעשעצטער לאָרד פּונקט אַזוי ליב געהאַט, ווי די רוסישע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן האָבן ליב ראַטן־רוסלאַנד. הייסט עס, אַז לאָרד עבישעם און זיינע איבעריקע קאָלעגעס האָבן ליב דאָס לאַנד, קאָלומאַן עס איז אַ קאַפּיטאַליסטיש־לאָרדיש לאַנד און דערפאַר זיינען זיי גרייט צו שטיצן די טאַלמוד־טוירעס, וואָס דערציִען די יוגנט אין רעליגיעזן גייסט, ווייל נאָר אַזאַ יוגנט קאָן זיכערן דעם וווילשטאַנד פונעם קאַפּיטאַליסטישן לאַנד. נאָך האָפנהאַרציקער האָט גערעדט אויף דעמזעלבן באַנקעט דער הויפּט־ראָוו הערץ: „היינטיקער באַנקעט איז דער ערשטער, אויף וועלכן עס טרעטן אַרויס פאַראייניקט די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע רעליגיעס. דאָס איז דער־פאַר, וואָס פאַר דער טאַלמוד־טוירע שטייט אַ גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע—איינצופלאַנצן בא דער יוגנט דעם געדאַנק, אַז דער ציל פון דעם מענטשלעכן לעבן איז ניט רייכקייט, הערשאַפט און קאָוועד, נאָר די רעליגיעזע אידעאָלאָגיע, און אַז מענטשן דאַרפן ליב האָבן אַלעמען גלייך".

פונעם ענגלישן אויבער־ראָוו הערץ שטייט אויך ניט אָפּ איינער פון די אָנגעזעענסטע ניו־יאָרקער ראַבאָנים, יאַנקעוו קאַטץ.

דערזעלבער רוימישער פּויפּסט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט דעם קרייץ־צוג קעגן ראַטנפאַרבאַנד, האָט אין אָנהייב 1930־טן יאָר אַרויס־

געלאָזן צו אלע גלויביקע קאטאָליקן א ווענדונג וועגן דער דערציִונג פון דער יוגנט, ווי ער לייגט פאָר צו פירן א פארביסענעם קאמף קעגן פריידענקעריי און דעם סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם.

דעם אופרוף פון קאטוילישן צײלעם האָט גלייך אונטערגעכאפט דער יידישער מאָגן־דאָוויד. די ניו־יאָרקער בורזשואזע צייטונג „אמע־ריקע" דרוקט די ווייטערקומענדיקע מיינונג פונעם ניו־יאָרקער ראָח יאנקעוו קאטץ וועגן דעם פויפסטלעכן אופרוף. „ניט געקוקט אפן אונטערשייד פון גלויבן, ראסע און רעליגיע, דארף יעדער דערציער פון יוגנט דאָר איינגאנצן באוויליקן דעם אופרוף פונעם פויפסט וועגן דערציונג. אָט דער אויסגעצייכנטער דאָקומענט באווייזט, אז זיין אוטער האָט א גרויס האַרץ און נאָך א גרעסערן פאַרשטאַנד. ווער וועט עס נעמען אף זיך אָפּצולייקענען דעם הייליקן עמעס פון די פויפסטלעכע ווערטער וועגן דעם נישריכטיקן אינהאלט פון דער היינטיקער דערציונג און היינטיקן לעבן? זאָלן דעם פויפסטס מעכטיקע ווערטער דינען אלס באגייסטערונג־קוואל פאַר די קאטאָליקן און אויך אלס סטימול פאַר אונדז, יידן, צו געבן אונדזער אייגענער יוגנט די נויטיקע רעליגיעזע דערציִונג".

די קלייקוידעש אָרגאניזירן אויך פארשיידענע רעליגיעזע קינדער־אָרגאניזאציעס. דער פארשפרייטסטער טיפּ פון אזעלכע אָרגאניזאציעס אין אלע קאפּיטאליסטישע לענדער זיינען די באָיסקאָוטן. מערנסטייל געפינען זיך די סקאָוטישע אָטריאַדן בא די קלויסטערס, אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון די גאלאָכים. גלויבן אין גאָט, ליבע צום קאַפּיטאליסטישן פאָטערלאנד, דערעכערעץ צו די רייכע און הערשער פון לאנד, האכנאָעדיקע אונטערטעניקייט דער קירכע און גאלעכ, שאָוויניזם און אנטיסעמיטיזם — דאָס זיינען די הויפּט־צילן פון דער באָיסקאָוטישער דערציִונג. אף די באָיסקאָוטישע פארזאמלונגען, וואָס הייבן זיך אָן און ענדיקן זיך מיט געטלעכע טפילעס, ווערן אָפט באהאנדלט די טעמעס וויאזוי צו באַקעמפן די קאָמוניסטישע אפּיקאָרסים, וועגן אינערלעכן סוינע, וואָס צעשטערט מיט זיינע שטרייקן די אינדוסטריע און ברענגט דערמיט א שאָדן דעם טייערן פאָטערלאנד א. אז. וו. אין די באָיסקאָוטישע אָרגאניזאציעס גרייטן צו די גאלאָכים באוווסטזיניקע

שטרייקברעכערס און אקטיווע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערנ. אזוי האָבנ זיכ די ענגלישע באָיסקאָוטנ אקטיוו באטייליקט און מיטגעהאָלפנ דער בורזשואזיע צו ברעכנ אינ 1926־טנ יאָר דעם אלגעמיינעם ארבעטער־שטרייק. אינ באָלגאריע זײנענ זײ פרייוויליקע אגענטנ פונ דער פּאָליציי, העלפנדיק איר אויסשפּירנ און ארעסטירנ די באָלגארישע רעוואָלוציאָנערנ. זײ זײנענ די ערגסטע סאָנימ און די גרעסטע געפאר פאר די פּיאָנערישע אָרגאניזאציעס אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער. זײ שלאָגנ מערדערלעכ די פּיאָנערנ, וואָס פאלנ אריינ צו זײ אינ די הענט. זומער 1929־טנ יאָר איז אינ „אגראז־פּארק", א קליינ שטעטעלע אינ ענגלאנד, פאָרגעקומענ אנ אלוועלטלעכער צונויפפלי פונ די באָיסקאָוטנ. אינעם גרויסנ לאגער פונ אגראז־פּארק זײנענ שטענדיק געווענ פונ 30 ביז 50 טויזנט קינדער. אלע טאָג אינדערפרי פלעגנ דעם לאגער עפענענ מיט טפילעס די גײסטלעכע פונ פארשײדענע רעליגיעס און אינ די רעליגיעזע יאָנטעוו־טעג און זונטיקנ פלעגנ די גאלאָכימ פּראווענ פײערלעכע גאָט־דינסטנ. די הויפּט־דערציונג־ארבעט אינ לאגער האָט זיכ אפּ פארשײדענע אויפאנימ געדרייט ארומ דער פראגע, וויאזוי צו באַקעמפנ און פארניכטנ די קאָמוניסטישע אפּיקאָרסימ, וואָס גלויבנ ניט אינ גאָט און ווילנ צעשטערנ די וועלט און די ציוויליזאציע.

די באָיסקאָוטנ זײנענ ניט די אײנציקע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קינדער־אָרגאניזאציעס, וואָס געפינענ זיכ אונטער דער אָנפירונג פונ די קלעריקאלנ.

אינ איטאליע האָבנ מיר די קינדער־אָרגאניזאציע „באלילעס", וואָס פארייניקט אינ אירע רייענ העכער א מיליאָנ קינדער אינ עלטער פונ 8 ביז 13 יאָר. אינ דער אָרגאניזאציע גרייטנ צו די קאטוילישע גאלאָכימ א נייעמ דאָר פאשיסטישע הענקער פארנ איטאליענישנ ארבעטער־קלאס. בא יעדנ אָטריאד באלילעס געפינט זיכ א ספּעציעלער שטאט גאלאָכימ, וואָס באארבעטנ די קעפּ פונ די יונגע קינדער אינ דער קלעריקאל־פאשיסטישער ריכטונג און גיבנ שטרענגע אכטונג, אז די קינדער זאָלנ באזוכנ די קירכע און זאָלנ ניט דורכלאָזנ קיינ איינ טפילע אינ די אײנגעשטעלטע שאָענ. די גאלאָכימ האָבנ אפּילע אייגענע־

פירט אינ די באלילישע אָטריאדנ א ספעציעלע טפילע פארנ אויבער־פאשיסט אונ ארבעטער־הענקער—מוסאָליני: „גרויסער אונ אלמעכטיקער גאָט—מוזנ זאָגנ אלע טאָג די קינדער—הער צו אונדזער געבעט, וואָס מיר, די קינדער פונ איטאליע, בעטנ דיכ, אז דו זאָלסט אפ אונדז ראכמאָנעס האָבנ אונ אָפהיטנ דאָס געזונט פונ אונדזער גרויסנ פירער מוסאָליני". די גאלאָכימ האָבנ אויכ ניט פארגעסנ דעמ איטאליענישנ קעניג. פאר זיינ געזונט דארפנ די קינדער אויכ גאָט בעטנ. „לאָמיר בעטנ דעמ אלמעכטיקנ גאָט פאר אונדזער קעניג. אינ די אינטערעסנ פונ אלוועלטלעכנ שאָלעמ, בעטנ מיר דיכ, ריבוינע־שעל־אוילעמ, אונטערטעניק מאכנ צו אונדזער קעניג אלע ווילדע אונ בארבארישע פעלקער". אפ אזא אופנ גרייט מענ צו אינ גאָטס נאָמענ הארמאטנ־פלייש פאר די קומענדיקע מילכאָמעס פונעמ איטאליענישנ אימפעריאליזמ.

אונדזערע יידישע ראבאָנימ שטייענ אפ דעמ געביט אויכ ניט אָפ פונ די גאָט־סטריאפטשעס פונ אנדערע רעליגיעס.

אינ פוילנ, אמעריקע אונ פאלעסטינע האָבנ די יידישע ראבאָנימ אָרגאניזירט קינדער־אָרגאניזאציעס „האמיזראָכי האצאָיר". אינ די אופגאבעס פונ די יונגע יידישע קלעריקאלנ גייט ארייננ צו פארשפרייטנ צווישנ די יידישע קינדער די טוירע אונ רעליגיע, פראָפאגאנדירנ די אידייע פונ בורזשואזנ ציוניזמ אונ קעמפנ קעגנ דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג. עס איז פארשטענדלעכ, אז אזא אָרגאניזאציע ווערט ברייט סובסידירט פונ דער יידישער בורזשואזיע.

אפילע בא אונדז אינ ראטנפארבאנד האָבנ זיכ נאָכ די קלעריקאלנ ניט אָפגעזאָגט פונעמ פארשפרייטנ זייער ווירקונג אינ דער קינדערשער סוויווע. די באַפטיסטנ האָבנ אָרגאניזירט פונ עלטערע קינדער אנ אָרגאניזאציע „יונגע קריסטוס־פיאָנערנ" אונ פונ יינגערע—„קריסטוס־קערנדלעכ". אפ זייערע פארזאמלונגענ אָוונטנ זינגענ די קריסטוס־קינדערלעכ דאָס לידעלע „מיטנ ציילעמ, שווערד אונ טפילע וועלנ מיר צוריק אופשטעלנ קריסטוסעס הויז". אלזאָ ניט נאָר מיטנ ציילעמ אונ טפילעס נאָר אויכ *מיטנ שווערד* דארפנ שטרעבנ די קינדער אופצושטעלנ „קריסטוסעס הויז", דאָס הייסט—די קאפיטאליסטישע אָרדענונג אינ ראטנפארבאנד.

די „הייליקע" קירכע מיט אירע „געטלעכע" פּאַראַזיטנ לאָזנ ניט אַרויס די קינדער פונ זייער ווירקונג אויכ דאַנ, ווענ זיי ווערנ פאַרוואַנדלט אינ דערוואַקסענע יוגנט אונ הייבנ אָנ זעלבשטענדיק נעמענ אַנ אָנטייל אינעם עקאָנאָמישנ לעבנ פונ לאַנד.

רעליגיעזע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זײַנענ דאָ אינ אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער פונ מיירעװ־אייראָפּע, אַמעריקע אונ אַפילע אינ אַזיע.

די גרעסטע אונ שטאַרקסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אינ פראַנקרייכ איז די „פעדעראַציע פונ קאַטוילישער יוגנט", וואָס ווערט אָנגעפירט פונ די העכסטע גייסטלעכע מיטנ גענעראַל קאַסטעלנאָ אינ שפּיצ.

די צילנ פונ דער פעדעראַציע איז צו דערציענ די יוגנט אינעם גייסט פונ פּאַטריאָטיזמ אונ ליבע צו גאָט, העכערנ זייער „מאָראַלישנ" צושטאַנד, אויספּעסטערנ די מאַטעריעלע לאַגע פונ דער יוגנט דורכ אַנ ענגע מיטאַרבעטשאַפט מיט די קאַפּיטאַליסטנ אונ... אַקטיוו קאַמפּ קעגנ די קאָמוניסטנ. די פעדעראַציע פונ דער קאַטוילישער יוגנט האָט איר פּאָליטישע צייטונג „עקאָ־דע־פּאַרי", אונ ביז 500 קליינע צייטונגענ אינ דער פּראָווינצ. די גרויסע געלט־מיטלענ, וואָס די אָרגאַניזאַציע באַקומט פונ דער בורזשואַזיע, גיט איר אַ מעגלעכקייט אויסצוהאַלטנ אַ ברייטע נעצ ספּאָרט־פּלעצער, מוזיקאַלישע אונ קונסט־קרייזנ אונ העלפנ מאַטעריעל די אַרבעטלאָזיקע יוגנט. בײַ אַלע אָפּטיילונגענ פונ דער אָרגאַניזאַציע עקזיסטירנ אַרבעט־בירושעס, וואָס באַזאָרגנ די פאַבריקאַנטנ אונ פּריצימ מיט געהאָרכזאַמע אונ ביליקע אַרבעט־קראַפט אונ ווערנ אויכ אויסגענוצט אַלס ווערבירער פונ שטרייקברעכער אינ דער צייט פונ שטרייקנ.

די קלעריקאַלע בירושעס האָבנ אַפּ זיכ נאָכ אַ הייליקע מיסיע, צוגרייטצושטעלנ פאַר די קאַפּיטאַליסטנ אונ פּריצימ שוואַרצע צעטלענ פונ דער פּאָליטיש ניט קאָשערער יוגנט. די יוגנטלעכע וואָס האָבנ דעמ אומגליק אַרײַנצופאַלנ אינ די־דאָזיקע שוואַרצע צעטלענ, פאַרלירנ יעדע האָפענונג צו באַקומענ ווו ניט איז אַרבעט. אַלע אינקוויזיטאָרישע אונ יעזויטישע מיטלענ זײַנענ גוט פאַר די קלעריקאַלנ קאָשער, אַבי נאָר צו האַלטנ די יוגנט אונטער זייער ווירקונג.

די אמעריקאנער קלעריקאלנ שטייענ ניט אפ פונ זייערע פראנצוי־זישע קאלעגעס. אינ אמעריקע ארבעט „דער פאריינ פונ קריסטלעכע יונגעלייט", וואס כאפט ארומ ביז נײַנ הונדערט טויזנט מיטגלידער. צומ דעמ פאריינ לאזט זיכ קאסטנ די אמעריקאנער בורזשואזיע גרויסע געלט־סומעס. אינ 1927־טנ יאר האט דער פארמעגנ פונ דער ארגאני־זאציע באטראפנ 184 מיליאנ דאלער. די דערציונג־ארבעט פונ דער ארגאניזאציע קאנצענטרירט זיכ הויפטזאכלעכ אינ די קלובנ אונ טראגט א אויסגעשפראכענעמ רעאקציאנערנ כאראקטער. די קינא־סעאנסנ אונ שמועסנ זיינענ באפוצט מיט א רעליגיעזנ אונ הונדערט־פראצענטיקנ פאטריאטישנ אינהאלט. פונקט ווי אינ פראנקרייכ, האט אויכ דער „פאריינ פונ קריסטלעכע יונגעלייט" זיינע אייגענע ארבעט־בירזשעס, וואס טראגנ אנ אפענעמ שטרייקברעכערישנ כאראקטער אונ זייערע רעקאמענדירטע ארבעטער ווערנ גערנ צוגענומענ אפ ארבעט אינ די אונטערנעמונגענ.

מעכטיקע יוגנט־ארגאניזאציעס האבנ די קאטאליקנ אינ דייטשלאנד, וואס כאפנ ארומ ביז 2 מיליאנ מענטשנ. די אלע ארגאניזאציעס ווערנ ברייט סובסידירט, ווי פונ דער בורזשואזער רעגירונג אזוי פונ די קא־פיטאליסטישע טרעסטנ.

די יידישע ראבאנימ, אלס טרייע דינער פונ דער יידישער בורזשו־אזיע, שטייענ אויכ ניט אפ פונ זייערע רעליגיעזע קאלעגעס אפ דעמ געביט פונ ארגאניזירנ יידישע רעליגיעזע יוגנט־ארגאניזאציעס, אזוי איז צב"ש, אינ אנפאנג 1930־טנ יאר פארגעקומענ אינ אדענקאט (בוקא־ווינע) די ערשטע קאנפערענצ פונ די יידישע רעליגיעזע יוגנט־ארגאני־זאציעס אינ רומעניע. אפ דער קאנפערענצ איז אנגענומענ געווארנ א באשטימונג צו ארגאניזירנ אנ אלרומענישע ארגאניזאציע פונ דער יידישער ארטאדאקסאלער יוגנט. די אופגאבעס, וואס עס שטעלט זיכ די ניי־אויסגעבאקענע ארגאניזאציע, באשטייענ הויפטזאכלעכ אינ שטיצנ די געזעלשאפטלעכע ארדענונג אונ אינ דער רעליגיעזער דערציונג פונ דער יידישער יוגנט אינ רומעניע. די יידישע ראבאנימ האבנ אפ אזא אופנ געשאפנ א יידישע פאשיסטישע ארגאניזאציע, וואס דארפ שטיצנ די רומענישע אנטיסעמיטישע פאגראמ־רעגירונג. פאר די יידישע ראבא־

נימ איז בעסער ייִדישע פּאָגראָמענ אײדער אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, ווײל פֿונ די פֿאַשיסטישע פּאָגראָמענ לײדט די ייִדישע אָרעמקײט און פֿונ אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וועט דאָך לײדנ די ייִדישע בורזשואַזיע. אַזעלכע ייִדישע רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבנ מיר אױך אינ אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי פּױלנ, אַמעריקע, פּאַלעסטינע אינ אַזױ ווײטער.

די גאַלאָכימ, סעקטאַנטנ און ראַבאָנימ פֿונ ראַטנפֿאַרבאַנד שטײענ אױך ניט אָפּ אינ דעמ זינ פֿונ זײערע אױסלענדישע קאָלעגיעס. פֿאַר דער לעצטער צײט האָבנ זײ אַנטוויקלט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט צו ווערבירנ אָנהענגער צווישנ דער יוגנט. דערבײ נוצנ זײ אױס אַלע מיטלענ. קעדײ אַרײנצוציענ די יוגנט אינ קירכע, אָרגאַניזירט מענ רעליגיעזע קאָנצערטנ, פֿאַמיליע־אָוונטנ, קירכע־דעמאָנסטראַציעס א. אַז. וו. אָפּ אַזעלכע אָוונטנ און פֿאַרזאַמלונגענ פֿירט מענ צווישנ דער יוגנט אַנ אױסגעשפּראָכענע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע קעגנ דער ראַטנמאַכט, קעגנ פֿינפֿיאָריקנ פּלאַנ, קעגנ קאָלעקטיוויזאַציע א. אַז. וו. באַזונדערס דערשלאָגנ זײ זיך באַשטײנדיקע דערגרײכונגענ דאָרטנ, ווו עס אַרבעטנ שוואַך די קאָמיוגישע קעמערלעך און דער פֿאַרײנ פֿונ די קריגערישע אַפּיקאָרסימ.

פֿאַר די קאָמוניסטישע פּאַרטײענ און קאָמיוגיסטישע אָרגאַניזאַציעס שטײט פֿאַר אינ אַלע לענדער אַ וויכטיקע און שווערע אַרבעט: אױפֿקלערנ פֿאַר די ברײטע מאַסנ אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס וועמעס אינטערעסנ עס פֿאַרטײדיקנ די קלײקוידעש אינעמ בלוטיקנ קאַמפּ פֿונ אַרבעט מיטנ קאַפּיטאַל.

פ. בורגאנסקי

די ראטנשול איז א רעוואָליוציאָניזירנדיקער פאקטער

„מיר דארפנ קעמפנ קעגנ רעליגיע. דאָס איז דער אלעפבייס פונעמ גאנצנ מאטעריאליזמ. און פארשטייט זיכ, אויכ דער אלעפבייס פונעמ מארקסיזמ. נאָר דער מארקסיזמ האָט זיכ ניט אָפּגעשטעל׳ט באמ אלעפּבייס. דער מארקסיזמ גייט ווייטער — ער זאָגט: מע דארפ קאָנענ קעמפנ מיט רעליגיע. צוליב דעמ איז נויטיק מאטעריאליסטיש צו דערקלערנ די אנטשטייונג פונ גלויבנ און רעליגיע בא די מאסנ. דעמ קאמפ קעגנ רעליגיע קאָנ מענ ניט באגרענעצנ מיט אבסטראקטע אידעאלאָגישע דראָשעס. דער קאמפ מיט רעליגיע דארפ זיינ פארבונדנ מיטנ קאָנקרעטנ קלאסנקאמפ, וואָס האָט דעמ ציל צו באזייטיקנ די סאָציאלע וואָרצלענ פונ רעליגיע". (לענינ. „די באציונג פונ דער ארבעטער־פארטיי צו רעליגיע").

די פראגע פונ אנטי־רעליגיעזער דערציונג צווישנ קינדער — אינ קינדער-גאָרטנ, פּיאָנער־מאכנע און אינ שול, איז בא היינטיקנ טאָג גאָר א וויכטיקע אויפגאבע, מיט וועלכער מיר דארפנ זיכ ערנסט פארנעמענ.

פאראנ אזעלכע, וואָס מיינענ, אז אויב די שול וועט פירנ א שארפנ קאמפ קעגנ רעליגיע, וועט זי דערווייטערנ די עלטערנ פונ זיכ, וועלנ די לערער פארלירנ אינ די אויגנ פונ די עלטערנ זייער אויטאָריטעט. אנדערע האלטנ, אז ביקלאל דארפ מענ לאָזנ די קינדער וואקסנ פריי, ניט דערמאָנענ וועגנ רעליגיע — און שפּעטער, אז זיי וועלנ אויסוואקסנ, וועלנ זיי אליינ באשטימענ די פראגע וועגנ רעליגיע.

אזעלכע מיינונגענ זיינענ פאלש און ביז גאָר שעדלעכ. די פראגע וועגנ קאמפ קעגנ רעליגיע איז א שלאָג־אויפגאבע. וו. אי. לענינ האָט שוינ לאנג געשטעלט די פראגע, אז ס׳איז קארג צו באציענ זיכ נעגאטיוו צו רעליגיע — מע מוז קעגנ איר קעמפנ. קעדיי צו אָרגאניזירנ די קייכעס פונעמ פראָלעטאריאט אינ קאמפ פארנ סאָציאליזמ, איז

נויטיק, אז ער זאָל גלויבנ אינ זיינע אייגענע קויכעס אונ ניט פאר־לאָזנ זיכ אפ אנ אויסגעטראכטנ גאָט.

דער 13־טער פארטיי־צוזאמענפאָר דערקלערט די שול פאר א באזע פונ נאטורוויסנשאפט-מאטעריאליסטישער אנטירעליגיעזער פראָפאגאנדע, וואָס פירט איר טעטיקייט אונטער דעמ אָנפיר פונ דער פארטיי. דער 6־טער קאָנגרעס פונ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל שטעלט אויכ די פראגע וועגנ קאמפ מיט רעליגיע: „א באזונדער אָרט פארנעמט דער קאמפ קעגנ אָפיומ פונ פעלקער—קעגנ דער רעליגיע—א קאמפ, וואָס דארפ זיכ פירנ פראקטישנ אונ סיסטעמאטיש". בא היינטיקנ טאָג האָט דער קאמפ קעגנ רעליגיע אסאכ א גינסטיקערנ באָדנ. מיר האָבנ פאר זיכ די נויטיקע פאָרהאנאָכעס, וועגנ וועלכע לענינ האָט גערעדט, דאָס זיינענ דער פארשארפטער קלאסנ־קאמפ, די אינדוסטריאליזירונג פונ לאנד, די קאָלעקטיוויזירונג פונ לאנדווירטשאפט אונ אונדזערע דערגרייכונגענ אפנ פראָנט פונ דער קולטור־רעוואָליוציע.

אינ דער צייט פונ גראנדיעזנ סאָציאליסטישנ בויענ, איז איינער פונ די גרעסטע טעָרמאזנ, וואָס שטערנ אונדזער מארש פאָרויס—די רעליגיע.

פאר אונדז שטייט די אויפגאבע צו פארגרעסערנ די ארבעט־פראָ־דוקטיווקייט, צו פארקלענערנ דעמ זעלבסטקאָסט א. ד. גל. קעדיי צו פארווירקלעכנ אָט די אָנגעמערקטע אויפגאבנ זיינענ מיר ארויבער אפ אנ אומופערלעכ ארבעט־וואָכ. צי וועלנ מיר דאָס קאָנענ אויספילנ אינ לעבנ, אויב די ארבעטער וועלנ אינ דער צייט פונ רעליגיעזע יאָנטוי־וימ, אונטער דער ווירקונג פונ פינצטערע קויכעס, פונ קלויסטער אָדער בעסמעדרעש, דורכלאָזנ ארבעט־טעג אונ פארגרעסערנ דאָס פוסטעפאסעווענ?

ס'איז קלאָר, ווי ווייט ס'איז נויטיק איצט צו פירנ א גרויסע אָנ־געשטרענגטע אנטירעליגיעזע ארבעט. פאר דער שול אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ שטייט די אויפגאבע—אוועקצושטעלנ די אנטירעלי־גיעזע דערציונג אפ אזא הייכ, אז די שול זאָל זיינ בעקויעכ צו פירנ אנ אנטירעליגיעזע פראָפאגאנדע אינ איר סוויווע, צווישנ די ארבעטער אונ פויערימ. די שול דארפ העלפנ דורכפירנ די קולטור־רעוואָליוציע, זי

דארפ זיינ א רעוואָלוציאָניזירנדיקער פאקטער אינ דעם גאנצנ ארום. דאָס וועט די שול דערגרייכנ בלויז דאנ, אויב זי וועט געהעריק, לויט לענינענ, אוועקשטעלנ די אנטירעליגיעזע דערציונג פונ די קינדער.

אויפרופ פונ צווייטנ אלפארבאנדישנ צוזאמענפאָר פונ אפיקאָרסימ־פארבאנד

(אויסצוגנ)

אינ נאָמענ פונ גאָט, וועלכער איז גאָר אפ דער וועלט ניטאָ, אינ נאָמענ פונ דער רעליגיע זיינענ אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהייט פאָרגעקומענ די גרעסטע פארברעכנס. אינ נאָמענ פונ דער רעליגיע האָט מענ אומגעבראכט גאנצע פעלקער. די רעליגיע האָט געדינט אלס מיטל צו פארדעקנ די עקלהאפטסטע גזילות. אינ נאָמענ פונ גאָט אונ דער רעליגיע האָט מענ אויסגעהארגעט מיליאָנענ מענטשנ. די טאליאָ־נימ פונ דער מיטלאלטערלעכער אינקוויזיציע האָבנ אינ נאָמענ פונ גאָט צענדליקער אונ הונדערטער טויזנטער מענטשנ פארברענט, געמאכט פאר קאליקעס אונ אָנגעטאָנ געברענטע ליידנ. דער קלויסטער מיט דער מעלוכע, דער גאלעכ, פעאָדאל אונ לייב־אייגנטימער, דער מאָנאכ אונ דער טאליענ האָבנ צוזאמענ געארבעט. יעדער „פריידענקער", יעדער, וואָס האָט פראָטעסטירט קעגנ דעמ, וואָס מע האָט שטענדיק גענארט דאָס פאָלק, איז פארפאָלגט געוואָרנ דורכ די הערשנדיקע קלאסנ אונ רעליגיעזע אָרגאניזאציעס. די רעליגיע האָט מיט א פאָסעק פונ טאנאכ, עוואנגעליע אָדער קאָראנ אונ אנדערע, אזוי צוזאָגנ, „הייליקע ספאָרימ", קאָשער געמאכט די אייביקע קנעכטשאפט, אָרעמ־קייט, עקספלואטאציע אינ פינצטערניש.

די גאלאָכימ אונ ראבאָנימ, די קלייקוידעש פונ אלע רעליגיעס פלעגנ דערפאר באקומענ נאָכ אדייעמ גוואלדיקע האָכ־נאָסעס פונ די פריצימ אונ קאפיטאליסטנ. דער קלויסטער האָט פאר־כאפט גרויסע שטעטכנ ערד אונ האָט צונויפגעקליבנ אומגעהייערע פארמעגנס. די מאָנאסטירנ זיינענ געווענ נעסטנ פונ פריצישער אונ אנדערער עקספלואטאציע פונ ארבעטנדיקע. דער גאלעכ, דער ראָוו

האָבנ זיכ ניט געשעמט אפנ שענדלעכסטנ אויפנ אָפּנארנ די מאַסנ. די ראבאָנימ אונ די גאלאָכימ האָבנ געהאנדלט אונ האנדלענ נאָכ אדייעמ מיט גאָטס „בראָכעס", מיטנ רעבנס־שטיבל אונ צאדיקס צעפוילטנ קייוער. די ראבאָנימ אונ גאלאָכימ נוצנ אויס די אומוויסנהייט אונ אָפּגעשטאנענקייט פונ די פאָלק־מאסנ אונ מאכנ גוטע געשעפטנ פונ זייער מיסכער מיט „הייליקע זאכנ". די רעליגיע איז בעעמעס א ווונד אפנ קערפּער פונ פאָלק.

די עקספּלואטאטערס ווילנ זיכ דערשלאָגנ מיט דער הילפ פונ דער רעליגיע מאכנ א שאָלעמ צווישנ דעמ טאַליענ אונ זיינ קאָרבנ, צווישנ פאָרעצ אונ קנעכט, קעדיי צו פארטונקלענ דעמ באוווסטזיינ אונ פארשיטנ דעמ טעהאָמ צווישנ די אינטערעסנ פונ די עקספּלואטירטע אונ עקספּלואטאָרנ, קעדיי נימ צו דערלאָזנ דעמ ארבעטער־קלאס אונ די ארבעטנדיקע פויערשע מאסנ צו פאריייניקנ זיכ מיט זייערע ברידער פונ איינ קלאס אינ אנדערע לענדער בוליב געמיינזאמענ קאמפ קעגנ אלערליי פאָרמענ פונ עקספּלואטאציע, קעגנ דער הערשאפט פונ די אייגנטימער איבער די ארבעטנדיקע. אָט דאָסדאָזיקע פארטונקלענ דעמ קלאסנ־באוווסטזיינ איז אינגאנצנ אינ די אינטערעסנ פונ די עקספּלואטאטערס אונ זייערע מעשאָרסימ.

אָבער די מאסע, וואָס איז פארפירט דורכ די עקספּלואטאטערס, באפרייט זיכ פונ טאָג צו טאָג פונ דעמ רעליגיעזנ שווינדל, פונ דעמ־דאָזיקנ אָפּיומ, וועלכער פארסאמט דעמ באוווסטזיינ. „דער קנעכט, וואָס האָט פארשטאנענ זיינ קנעכטשאפט, איז שוינ מער קיינ קנעכט נישט".

דער ערשטער אינ די רייענ אינ קאמפ מיט די ראבאָנימ פונ אלערליי רעליגיעס, מיט אלערליי פאָרמענ פונ רעליגיע איז דער פאָרגעשריטענער ארבעטער אינ אלע לענדער — די ארבעטער, וועלכע עס פאריייניקט דער פּראָצעס פונ ארבעט אינ די פאבריקנ, זאוואָדנ אונ אינ די גרויסע דאָרפישע ווירטשאפטנ; די ארבעטער, וועלכע לערנענ זיכ אויס באהערשנ די קויכעס פונ דער נאטור דורכ דער מאשינ אונ דערשלאָגנ זיכ זייערע רעכט דורכ אָרגאניזירטנ קלאסנ־קאמפ. אָט די דאָזיקע פאָרגעשריטענע ארבעטער גיבנ די גרונט־קאדרענ פונ די אפּיקאָרסימ. ארומ זיי אָרגאניזירנ זיכ די פויערימ, וועלכע באפרייענ זיכ האָט ווייטער אלצ מער פונ דער ווירקונג פונ דער רעליגיע.

מיר, די אפיקאָרסימ פונ ראטנפארבאנד, דערקלערנ, אז קאָלומאנ עס עקזיסטירנ קלאסנ מיט פארשיידענע אינטערעסנ, קאָלומאנ עס איז פאראנ די מעגלעכקייט, אז איינ מענטש זאָל עקספלואטירנ דעמ צווייטנ, קאָנענ ניט אָפשטארבנ די וואָרצלענ פונ דער רעליגיע. אָט פארוואָס פארבינדנ מיר, אפיקאָרסימ פונ ראטנפארבאנד, אונדזער קאמפ קעגנ דער רעליגיע מיט דעמ קאמפ פארנ סאָציאליזמ. דאָס איז א קאמפ פונ מיליאָנענ מענטשנ. פונ יאָר צו יאָר קומענ צו נייע אונ נייע מיליאָנענ. וואָס הויבנ אָנ פארשטיינ, אז בלויז אפ דעמדאָזיקנ וועג, — אפנ וועג פונ פולנ באפרייענ אלע מענטשנ פונ דער קלאסנ-אונטערדריקונג — איז מעגלעכ די פולע באפרייונג פונעמ מענטשנ אינ זיינ אומבאהאָלפנקייט פאר די סטיכישע קרעפטנ פונ דער נאטור.

מיר פארבינדנ אונדזער קאמפ מיט דעמ קאמפ פאר איבערבויענ אינגאנצנ אונדזער פאָלקווירטשאפט, פאר איבערבויענ אינגאנצנ אונדזער לעבנשטייגער. מיר שלאָגנ זיכ דערפאר, אז ניט בלויז בא אונדז אינ לאנד, — אז אויכ אינ אלע אנדערע לענדער זאָל זיגנ דער סאָציאליזמ. דעמאָלט וועלנ אָנווערנ זייער קראפט די באָבע-מייסעס וועגנ די געטער, די באָבע-מייסעס וועגנ הייליקע, וואָס ברענגענ רעגנ אונ האָגל, אויסטריקעניש, ערד-ציטערניש, אומגערעטעניש אונ הונגער, מילכאָמעס אונ אלערליי קרענק. וואָרומ פארצוימט וועלנ דעמאָלט ווערנ די קויכעס פונ דער נאטור דורכ דעמ אָרגאניזירטנ ווילנ, דורכ דער באפרייטער ארבעט; ס'וועלנ זיינ אינגאנצנ קלאָרע באציונגענ צווישנ ארבעטנדיקע, וואָס זיינענ גלייכ אינ זייער רעכט אפ ארבעט, אפ קענטענישנ, אפ דער פולער אנטוויקלונג פונ אלע זייערע פעיקייטנ אונ אפ דער פולער באפרידיקונג פונ אלע זייערע באדערפענישנ.

אלע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ זייער ציל די סאָציאליסטישע בויונג, מוזנ אָנטיילנעמענ אינ דער אָנטירעליגיעזער פראָפאגאנדע. אונדזער ארבעט איז א טייל פונ דער אלגעמיינער ארבעט פאר דער סאָציאליסטישער איבערבויונג פונ אונדזער לאנד.

פ. בורגאנסקי

יונגע קריגערישע אפיקאָרסימ אונ זייערע ארבעט־מעטאָדנ

די מעטאָדנ אונ פאָרמעס פונ דער אנטירעליגיעזער ארבעט אינ שול זיינענ נאָכ ביז איצט ווינציק באארבעט געוואָרנ. ס'איז נויטיק אָפצושטעלנ זיכ אפ אייניקע פונ זיי:

די אנטירעליגיעזע דערציונג־ארבעט אינ שול קאָנ ניט דורכגעפירט ווערנ אָנ דעם אָנטייל פונ די קינדער. נאָכ מער, די אנטירעליגיעזע ארבעט אינ שול דארפ זיינ אזוי געבויט, אז די זעלבסטעטיקייט פונ דעמ קינדער־קאָלעקטיוו זאָל פארנעמענ דעמ אויבנאָנ.

דאָס קאָנענ מיר דערגרייכנ דאנ, ווענ אינ שול וועט בא אונדז זיינ א קינדער־אקטיוו פונ יונגע אפיקאָרסימ, וועלכע וועלנ שוינ פארשפרייטנ זייער ווירקונג אפ די איבעריקע קינדער פונ שול.

דאָס אָרגאניזירנ גרופעס יונגע אפיקאָרסימ האָבנ באזונדערע שולנ דורכגעפירט אפ פארשיידענע אויפאנימ. אייניקע האָבנ פראָסט אויסגעטיילט א גרופע פיאָנערנ אונ אפ זיי ארופגעלייגט די אנטירעליגיעזע ארבעט אינ שול, אנדערע האָבנ איבערגעגעבנ דאָס אָנפירנ מיט דער אנטירעליגיעזער ארבעט דעמ אפיקאָרסימ־קרייזל פונ שול. נאָר אינביידע פאלנ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז מע האָט דעמ ציל ניט דערגרייכט. די קינדער זיינענ געווענ איבערגעלאָדנ מיט אנדערע ארבעטנ, ניט אלע האָבנ געהאט דעמ געהעריקנ אינטערעס צו אזא ארבעט, אונ דערפאר האָט זיכ, פארשטייט זיכ, ניט באקומענ דער געהעריקער עפעקט אינ דער ארבעט.

דאָס האָט געבראכט צומ געדאנק, אז ס'איז נויטיק צו שאפנ גרופעס יונגע אפיקאָרסימ־אקטיוויסטנ, וועלכע זיינענ אָרגאניזאציאָנעל פארבונדנ מיט דער אפיקאָרסימ־געזעלשאפט. פאר א קורצער צייט האָט דערדאָזיקער אויפנ ארבעט שוינ געגעבנ גוטע רעזולטאטנ. דער אלפארבאנדישער אפיקאָרסימ־פארבאנד האָט אָפגעשאצט די דערגרייכונגענ אונ געגעבנ א דירעקטיוו די ערטער צו שאפנ אזעלכע אפיקאָרסישע קינדער־

ארגאניזאציעס. אינ דער גרופע יונגע אפיקארסים גייענ ארײנ אלע קינדער אקטיוויסטנ־אפיקארסים, וועלכע ווילנ פירנ אנ ארבעט ווי צווישנ דערוואקסענע, אזוי אויכ צווישנ קינדער. בעראש פונ דער גרו־פע יונגע אפיקארסים שטייט א קאמיסיע מיטנ אנטייל פונ איינ לערער, דער פיאנערנ־אנפירער אונ קינדער.

די פראגעס מיט וועלכע די גרופע יונגע אפיקארסים פארנעמענ זיכ, זיינענ אזוינע:

1. ארגאניזירנ אנ אנטירעליגיעזנ קרייזל אפ צוגרייטנ אפיקארסים אקטיוויסטנ.

2. ארגאניזירנ א ווינקל פונ יונגע אפיקארסים.

3. אנטיילנעמענ אינ דער וואנט־צייטונג, וואס די שול גיט ארויס, אדער ארויסלאזנ א ספעציעלע אפיקארסישע וואנט־צייטונג.

4. פארשפרייטנ אנטירעליגיעזע ליטעראטור.

5. פירנ אנ אקטיווע אנטירעליגיעזע ארבעט צווישנ די עלטערנ, עלטערע ארבעטער פונ דער אונטערנעמונג, צו וועלכע די שול איז צוגעפעסטיקט.

6. דורכפירנ אינ שול מאסנ־אנטירעליגיעזע ארבעט (שמועסנ, לעק־ציעס, אוונטנ, עקסקורסיעס א. א. וו.)

7. דורכפירנ אנטירעליגיעזע קאמפאניעס אינ שול.

8. פירנ אנטירעליגיעזע געזעלשאפלעכ־נוצלעכע ארבעטנ אינ קלוב, לייענשטיבל, ווינ־קאאפעראציע א. א. וו.

9. פירנ אנטירעליגיעזע ארבעט צווישנ די ניט ארגאניזירטע קינדער.

10. אפהיטנ אונ באשיצנ די קינדער פונ רעליגיעזנ דרוק איבער זיי, סיי מיצאד די עלטערנ, אזוי אויכ פונ אנדערע דערוואקסענע.

אט די גאנצע ארבעט צעטיילט די גרופע צווישנ אירע מיטגלידער.

די פארזאמלונגענ פונ דער גרופע יונגע אפיקארסים קומענ פאר ניט זעלטענער, ווי איינמאל אינ כוידעש. אפ דידאזיקע פארזאמלונגענ ווערנ אויסגעהערט באריכטנ פונ קאמיסיעס אונ פונ איינציקע קינדער וועגנ זייער אפגעטאנענער ארבעט.

דער גרונט־קערנ פונ דער גרופע יונגע אפיקארסים באשטייט פונ פיאנערנ, קאמיוגיסטנ אונ אקטיוויסטנ-אנטירעליגיאזניקעס ביקלאל, וועלכע פירנ דורכ א ריכטיקע פאליטישע ליניע אינ דער דערציונג־ארבעט.

דאָס אָנפירנ מיט דער ארבעט פונ דער גרופע יונגע אפיקאָרסימ דארפ זיינ לויט דער פיאָנער־ליניע, אפיקאָרסימ־פארבאנד, די אינספעקטורנ פונ פאָלקאָמבילד אונ לערער־אָרגאניזאציעס.

בא די אפיקאָרסימ־פארבאנדנ איז נויטיק צו שאפנ באזונדערע סעקציעס, וועלכע פארנעמענ זיכ מיט אנטירעליגיעזער ארבעט צווישנ די קינדער. אינ די דאָזיקע סעקציעס דארפנ איינגעשלאָסנ ווערנ פאָרשטייער פונ די אויבנדערמאָנטע אָרגאניזאציעס. קעדיי צו פארשטארקנ די יעדיעס פונ די יונגע אפיקאָרסימ, אויכ קעדיי צו שאפנ נייע אקטיוויסטנ, דארפ די שול־גרופע פונ יונגע אפיקאָרסימ אָרגאניזירנ אנ אפיקאָרסימ־קרייזל.

דער מעטאָד פונ ארבעט אינ קרייזל דארפ פונ אָנהויב אָנ זיינ א סעמינארישער.

די פראָגראמ פונ אזא קרייזל דארפ ארומכאפנ די גרונט־פראגעס פונ אונדזער אנטירעליגיעזנ קאמפ: קעגנשטעלנ דער רעליגיע די וויסנשאפט, באלויכטנ די רעאקציאָנערע ראָליע פונ דער רעליגיע; אויסלערנענ די פראגע וועגנ דער ראָליע פונ דער רעליגיע אונ די רעליגיעזע אָרגאניזאציעס באמ קאפיטאליזמ, אונ וועגנ דער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער ראָליע פונ דער רעליגיע בא אונדז אינ לאנד.

קעדיי צו פארטיפערנ דעמ וועלט־באנעמ פונ די יונגע אפיקאָרסימ, איז נויטיק איינצושליסנ די פראגע וועגנ דער אנטשטייונג פונ מענטשנ אונ די אנטוויקלונג פונ רעליגיעזע זאבאָבאָנעס. דאָס קרייזל דארפ באזונדערס אכט לייגנ אפ דער טעמע: ווי אזוי דארפ ארבעטנ אנ אקטיוויסט אנ אפיקוירעס. דער מעטאָד פונ ארבעט דארפ זיינ אנ אקטיווער—אויסנוצנ דערהויפט די אָרטיקע מאטעריאלנ, וואָס קאָנענ דינענ פאר דער בעסטער איליוסטראציע.

ס'איז געווונטשנ, אז דער ראט פונ אפיקאָרסימ־פארבאנד צוזאמענ מיט דער ביוראָ פונ יו. פ. זאָלנ פראקטיקירנ דאָס צונויפרופנ קאָנפערענציעס פונ יונגע אפיקאָרסימ, אזוי אויכ אָרגאניזירנ פאר דעמ קינדער־אקטיוו אנטירעליגיעזע קורסנ. אזעלכע קורסנ וואָלטנ געקאָנט צוגרייטנ א קאדר אָרגאניזאטערס פאר דער קינדערשער אפיקאָרסימ־באוועגונג.

די פראָגראַם פאַר אַזעלכע קורסן קאָן לערער זיין אַזאַ:

1. אונדזער סאָציאַליסטישע בויונג און די שעדלעכע אַרבעט פון די קלייקוידעש, נעפּלייט, באַלעגופים.
2. רעליגיע און קינדער.
3. ווי אַזוי דאַרף אַרבעטן אַ גרופּע פון יונגע אַפּיקאָרסים.
4. דאָס שול־קרייזל, די וואַנט־צייטונג און ווינקל פון יונגן אַפּיקוירעס.
5. אַנטירעליגיעזע מאַסן־אַרבעט אין שול.

פּראַקטישע אַרבעט פאַר יונגע אַפּיקאָרסים

אַ גרויסן ווערט פאַר דער אַנטירעליגיעזער אַרבעט אין שול האָט דאָס אויפשטעלן אַ גוט אָרגאַניזירט ווינקל פון יונגן אַפּיקוירעס. דער ווינקל דאַרף מיטהעלפן דער דערציונג־אַרבעט אין שול, און דאַרף, און דאַרף באַשטיין פון אַזעלכע אָפּטיילן:

1. וואָס פאַר אַן אַרבעט פירן דורך די קלייקוידעש און נעפּלייט (דאָס דאַרף זיין אילוסטרירט מיט אויסצוגן פון צייטונגען און זשורנאַלן), דערהויפּט דאַרף דאָרט אַרויסגעשטעלט ווערן זייער שעדלעכע אַרבעט בענוגע קינדער־דערציונג.

2. וואָס פאַר אַ דערגרייכונגען זיינען שוין פאַראַן אין דער אַנטי־רעליגיעזער טעטיקייט פון די קינדער (דאָ קאָן מען באַלויכטן די דער־גרייכונגען, וואָס מיר האָבן אין קאַמף קעגן רעליגיעזע עלטערן, באַפרייען פון כיידער, דעמאַסקירן מעלאַמדים א. אז. וו.).

3. דער לעבן־שטייגער פון די קינדער (נייער שטייגער, אַנטירעלי־גיעזע נייס פון שטאָט א. א. וו.).

צום סאָף קאָנען געגעבן ווערן פראַגעס און ענטפערן.

דער ווינקל דאַרף זיין באַפּוצט מיט געמאָלטע פּלאַקאַטן, לעמאָשל, ווי אַזוי אַ מעלאַמעד לערנט אין כיידער, שמייסט די קינדער, אַזוי אויך פּלאַקאַטן פון נייעם לעבן־שטייגער, סאָציאַליסטישע בויונג א. א. וו.

דער מאַטעריאַל פון ווינקל קאָן זיך די גאַנצע צייט בייטן, צוגעגעבן ווערן נייס א. א. וו., צו יעדן אָפּטייל און ווינקל קאָנען צוגעפעסטיקט זיין אַ פּאָר קינדער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן צוזוכן דעם געהעריקן מאַטעריאַל.

מ׳דאַרף זיך ניט יאָגן, אַז דער ווינקל זאָל זיין גאָר אַ גרויסער, פֿאַרקערט, מ׳דאַרף ניט פֿאַרהענגען צופֿיל די ווענט פֿון שול. בעסער אוועקשטעלן אַ צוויי דיקט־בויגנס און אויף זיי אויפֿהענגען דעם גאַנצן מאַטעריאַל. דעם אויבנאָן אין ווינקל פֿאַרנעמט די אַנטירעליגיעזע צייטונג פֿון שול. אויב דער מאַטעריאַל איז ווי געהעריק צוגעקליבן, האָט דאָס אַ קאָלאָסאַלן דערציִונג־ווערט. פֿאַרשטייט זיך, אַז די צייטונג טאָר ניט האָבן קיין גרויסע אַרטיקלען. דער מאַטעריאַל פֿאַר דער צייטונג דאַרף גענומען ווערן פֿון דעם אַרום, וועלכער איז באַקאַנט די קינדער. די צייטונג דאַרף זיין ניט קיין גרויסע, בעערעך אויף אַ האַלבן אַלבאָם־בויגן.

דערשיינען דאַרף די צייטונג ניט ווייניקער ווי איינמאָל אין כוידעש.

די אַנטירעליגיעזע מאַסן־אַרבעט פֿון אונדזערע שולן ליידט פֿון דעם, וואָס צו די לעקציעס און שמועסן פֿעלן אויס די נויטיקע דיאַפּאָזיטיוון. זייער אָפֿט טראָגן זיי ניט קיין קאָנקרעטן כאַראַקטער. מ׳רעדט וועגן רעליגיע בכּלל, נאָר מע נוצט אָבער ניט אויס דעם אָרטיקן מאַטעריאַל, ווי אַזוי די רעליגיעזע קנופּיע פֿירט איר פֿינצטערע אַרבעט, מע פֿאַרבינדט ניט די אַנטירעליגיעזע אַרבעט מיטן לויפֿנדיקן פּאָליטישן מאָמענט.

די אַלע פֿעלערן דאַרפֿן גענומען ווערן אין אַכט בײַם דורכפֿירן די די אַנטירעליגיעזע אַרבעט. מ׳קען זייער גרינג שאַפֿן אַליין דיאַפּאָזיטיוון (אין שול קען מען שטענדיק געפֿינען אַ מאָלער). מע דאַרף נאָר זען, אַז זיי זאָלן זיין פּאַסיקע, גענומען פֿון די אָרטיקע פֿאַקטן.

אויב אין שטאָט איז פֿאַראַן אַן אַנטירעליגיעזער מוזיי, איז זייער אינטערעסאַנט צו מאַכן אַ הינצו אַן אַנטירעליגיעזע עקסקורסיע פֿון די קינדער. צו אַזעלכע עקסקורסיעס דאַרף אָבער דער אָנפֿירער פֿריער אַליין זיך גוט צוגרייטן.

ס׳איז זייער ווינשנסווערט צוצוגרייטן פֿון צייט צו צייט אַן אַנטירעליגיעזע פֿאָרשטעלונג. מע דאַרף זיך נאָר היטן פֿון כאַלטורע, ווייל דאָס קאָן האָבן אַ פֿאַרקערטע ווירקונג. צוליב אַזאַ אָוונט קאָנען אויסגענוצט ווערן אינסצענירונגען פֿון אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור, אַזוי אויך בופֿאָנאַדעס אויף אָרטיקע טעמעס.

יעמ. יאראָסלאווסקי

פיאָנער, זיי גרייט!

פיאָנער! זיי גרייט צו קעמפנ פאר אזא אָרדענונג, פאר אזא געזעלשאפט, ווו עס וועט ניט זיינ די מאכט פונ די קלייקוידעש!

פיאָנער, צום קאמפ קעגנ דער רעליגיע אינ דערהיימ, אינ שול, אי פיאָנער־אָטריאד, צווישנ די ארבעטער אונ פויערימ, זיי גרייט! אָרגאניזיר אטעיסטישע קינדער־גרופעס, אונ ווענ דו וועסט אונטערוואקסנ טרעט אריינ אינ אטעיסטנ־פאריינ. זיי דרייסט אינ קאמפ פאר די נייע אטעיסטישע מיינונגענ. האָב ניט קיינ מוירע פאר פארפאָלגונגענ—זיי וועלנ דיר פארהארטעווענ, זיי וועלנ דיר מאכנ פאר אנ עמעסנ קעמפער! פארטיידיק דיינע אפיקאָרסישע מיינונגענ פאר די עלטערע אונ מער אנטוויקלטע פונ דיר, נאָר וועלכע זיינענ פארטונקלט דורכ דער רעליגיע. געדענק, אז ניט נאָר דער קאפיטאליסט, דער באנקיר, וועלכער לעבט אינ אויסלאנד, איז דיינ פיינט, ניט נאָר דער פאשיסט, וואָס וויל אָפווישנ פונ דער וועלט די ארבעטער אונ די פויערימ פונ ראטנפארבאנד. געדענק, אז ניט נאָר דער באלעגופ אונ דער נעפמאנ איז דיינ סוינע, ניט נאָר דער פאָפ, דער ראָוו, דער גאלעכ, געדענק, דיינ סוינע—דאָס איז די עצעמ רעליגיע, וואָס פארטונקלט דעמ באוווסטזיינ פונ דיינע עלטערנ, דיינע ברידער, שטערט זיי צו קעמפנ ווי געהעריק איז, שטערט זיי ווי עס באדארפ צו זיינ צו באנעמענ דאָס לעבנ.

קעמפ פאר אזא פארשטיינ די וועלט, די זאכנ, די מענטשנ, וואָס לאָזט ניט איבער קיינ אָרט פאר רעליגיע, פאר די באָבע־מייסעס פונ די גייסטלעכע.

האָב ניט מוירע פאר געהענעמ, מיט וועלכנ די גייסטלעכע אונ זייערע נאָכשלעפער שרעקנ די פינצטערע מאסע אונ די קליינע קינדער. געדענק, אז דער פרייער מענטש וועט אליינ איבערבויענ זיינ לעבנ אזוי ווי עס איז אימ נויטיק, ער וועט איינשטעלנ אזוינע פאראדקעס וואָסערע זיינענ נויטיק פאר דער גאנצער ארבעטנדיקער מענטשהייט, ער וועט פארניכטנ די צעטיילונג פונ די מענטשנ אפ קלאסנ, אפ עקספלו־

אטאטערס צונ עקספלואטירטע, ער וועט פארניכטנ די נויט, די מילכאָמעס. געדענק, אז דאָס אלצ קאָנ מענ טאָנ נאָר דאנ, ווענ אפ דיינ וועג וועט ניט שטיינ די רעליגיע.

פיאָנער! צום קאמפ קעגנ דער רעליגיע, קעגנ פאָפ אונ דער „פאָ־פאָוושטשינע"; קעגנ די קלאסנ פונ דער געזעלשאפט, וואָס פאר זיי איז די רעליגיע נויטיק אלס א מיטל פונ קאמפ פאר מאכט, פאר דער הערשאפט איבערנ ארבעטער־קלאס — זיי גרייט!

אינהאלט

		זייט
	I. רעליגיע אונ קלאסנ־קאמפ	
ק. מארקס	פארוואס האט זיכ די רעליגיע אופגעהאלטנ ביז היינט?	3
נ. לענינ	דער קאמפ קעגנ רעליגיע איז א קלאסנ-קאמפ	5
פ. ענגעלס	די סאציאלע ווארצלענ פונ דער רעליגיע	6
נ. לענינ	סאציאליזמ אונ רעליגיע	8
מ. שיינגאלד	די רעליגיע נוצנ אויס די עקספלואטירנדיקע קלאסנ	10
מ. אלטשולער	די עקספלואטאטארישע קלאסנ נוצנ אויס די רעליגיע צוליב זייערע קלאסנ־צילנ	18
א. מאקאגאנ	ניט גאט האט באשאפנ דעמ מענטשנ, נאר דער מענטש האט באשאפנ געטער	22
	פונ זאמל־בוכ „ארבעט אונ פרייהייט"	26
מ. שיינגאלד	די כאכמע אונ גוורע פונ יידישנ גאט	26
מ. אלטשולער	די מאראל פונ דער רעליגיע	31
נ. לענינ	וועגנ קאמוניסטישער מאראל	39
	II. רעליגיע אונ קאמפ קעגנ דער וויסנשאפט	
ו. פריטשע	דזשארדאנא ברונא	44
"	גאליליי	48
מ. שיינגאלד	אוריעל אקאסטא	52
	III. די וויסנשאפט צעשטערט די רעליגיע	
ג. פלעכאנאוו	רעליגיע אונ וויסנשאפט	55
"	אנטירעליגיעזע איוורע:	
	די וועלט אינ דער שיינ פונ דער וויסנשאפט	56
	די ערד א זאמד־קערנדל אינ דער וועלט	61
י. מארדערשטיינ	ווי אזוי איז אנטשטאנענ דער לעבנ אפ דער וועלט	62
מ. אלטשולער	צי איז פאראנ א נעשאמע	64
ו. נעסטערענקא	גופ אונ נעשאמע	72
אסטאפ ווישניא	די אנטשטייונג פונ דער וועלט	73

זייט

IV. די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע ראָליע פונ דער רעליגיע

א. לעוו אונ ר. ווינ די ראבאָנישע שווארצע מייע פאָגראָמירט די יידישע ארבעטער 77
אנ. ניקאָלינ די רעליגיע, די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אונ דער בירגער־קריג 82
〃 רעליגיע אונ די סאָציאליסטישע בויונג 84
ב. ערקעס די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע טעטיקייט פונ די יידישע קלעריקאלנ 93
א. כאשינ דער „וואטיקאנ“ אונ די יידישע שווארצע מייע אינ שפיצ פונעמ אנטיסאָוועטישנ פראָנט 99
א. אבארבאנעל פונ דעמ רעבנ ביזנ גאלעכ 101

V. רעליגיע אונ דער לעבנ־שטייגער

מ. שיינגאָלד פראָלעטארישע אונ רעליגיעזע יאָנטויוימ 102
ע. פינינבערג לאָזונגענ 105
מ. שיינגאָלד פונ וואנענ האָט זיכ גענומענ פייסעכ? 106
י. קאָטי שלאָג 108
מ. דאניעל אומזיסטע מאצע 110
מ. שיינגאָלד יאָסקיפער 116
ב. ניקאָלסקי סוקעס 119
א. הינדעס א קאשע אפ א מייסע—טאָמער איז דאָס א גאָט... 121
מ. אלטשולער קאָשער אונ טרייפ 124
מ. שיינגאָלד וואָס איז אזוינס טרייפ? 125
〃 אנדערע סאָרטנ טארפעס 129
אגאָל טארפעס 133
א. הינדעס דער קאָשערער כאלעפ נעבעכ 137
פ. לאפארג מילע 139
מ. שיינגאָלד די געפערלעכע מאָמענטנ פונ דער מילע־אָפעראציע 140
וו. נעסטערענקאָ די רעליגיע אונ די פרוי 144
מ. שיינגאָלד רעליגיע אונ די פארשקלאפונג פונ דער פרוי 148
פ. נארינא די פרוי אינ קאמפ פאר קאָלעקטיוויזאציע 151
א. סטרעליצ אינ קאָלאָניע 152
א. רוזענקאָ ווי אזוי די אפיקאָרסימ האָבנ קאָלעקטיוויזירט דאָס דאָרפ גרושקאָ אפ הונדערט פראָצענט 154
כ. גילדינ זיצנ, זיצנ זיבנ יידנ 157
מ. אבארבאנעל ס'איז דער הימל... 158
אייזיק קאָהאנ קאָשער... קאָשער... 159
א. פעפער אינ מארש 161

IV. רעליגיע און די דערציִונג פון דער יוגנט

עמ. יאראָסלאַווסקי מיט וואָס איז די רעליגיע שעדלעך פאר דער יוגנט? . . . .
. בורגאַנסקי דער מעלאַמעד, דער גאַלעך און דער קאַזיאָנע ראָוו . . . .
. סודאַרסקי קלאַסן־קאַמף און רעליגיעזע דערציִונג פון יוגנט דאָר . . .
. בורגאַנסקי די ראַטנשול איז אַ רעוואָליוציאָניזירנדיקער פאַקטאָר . . . .
אופרוף פון צווייטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון אַפיקאָרסים־פאַרבאַנד 9
. בורגאַנסקי יונגע קריגערישע אַפיקאָרסים און זייערע אַרבעט־מעטאָדן 3
עמ. יאראָסלאַוווקי פיאָנער, זײַ גרייט! 7